STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00603

# IN DI GETSELTN FUN AVROM

Ya'akov Ziper

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.



יעקב זיפּער

# אין די געצעלטן פון אברהם

ארויסגעגעבן פון „יעקב זיפּער בוך פאָנד קאָמיטעט״, מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, תשל״ד

# IN THE TENTS OF ABRAHAM

*by Yaacov Zipper*

COPYRIGHT 1973 BY J. ZIPPER

5786 McALEAR AVE., MONTREAL, H4W 2H1

*

TYPESET AND PRINTED IN CANADA BY

NORTHERN PRINTING & LITHOGRAPHING COMPANY

4844 ST. LAWRENCE BLVD., MONTREAL, QUEBEC

## מיט דאַנק ווערן דערמאָנט:

דער קאָמיטעט פון „יעקב זיפּער בוך־פאָנד".
די „חיה און פנחס הובערמאַן פונדאַציע פאַר יידישער קולטור",
וואנקואווער,
דער „ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד", ניו־יאָרק,
דער „קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס".
דבורה און דר. הערשל ראָזנפעלד,
עטל און היימי אויגוסט,
ביילע און נחום קאַליפאַן
און אַלע פריינד וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן די מיטלען פאַרן פאָנד.

## אַ באַזונדערע אָנערקענונג צו:

דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק,
פאַרן אַדמיניסטרירן דעם פאָנד,
רבקה און בערל פאַפּעליס,
פאַר זייער ספּעציעלער מי ביים שאַפן די מיטלען,
שלום קרישטאָלקע,
פאַר זיין ארויסהעלפן מיט די קאָרעקטורן,
אַדע און מאָטי גאַרפינקל, פרידל וויינער, שרה פּיטערס, ברכה שוגער,
און ען ארנשטיין — פאַרן דורכפירן אַלע טעכנישע אַרבעטן,
און צו לואי מילשטאָק און שלמה פּאָמעראַנץ,
פאַרן באַמיען זיך וועגן קינסטלערישן אויסזען פונעם בוך.

י. ז.

א מתנה

אונדזערע קינדער

אָדע און מאָטי גאַרפּינקל,

חנה און מאַרק שאַפּיראָ

און אונדזערע אייניקלעך

דניאל גאַרפּינקל,

דוד, יונתן און יוסף חיים

שאַפּיראָ

## א. אברהם אין לאַנד כנען

זייטל


1. קוועל קוואַל, קוועל — 7
2. לוט טיילט זיך אָפּ פון אברהמען — 17
3. ווי די שטערן אין הימל פיל — 23
4. איז געקומען אַן אַנטרונענער און דערציילט — 29
5. הגר ווערט אברהמס ווייב — 35
6. און שרה האָט געלאַכט — 51
7. די האַרינטע איז געבענטשט — 67
8. אברהם שיקט אַוועק הגרן מיט ישמעאלן — 87
9. אין דער מדבר פונעם האַרס ברינעמען — 98
10. ווען דער האַר האָט געצאַרנט — 105


## ב. שטיי אויף און גיי (פון זעלבן קוואַל)


1. און ס׳איז געווען אָוונט און ס׳איז געווען פרימאָרגן — 119
2. אינעם טאָל פון לאַנד שנער — 125
3. יעקב גייט אַריבער דעם יבוק — 142
4. אין דער מדבר ביים באַרג חורב — 148

## אברהם אין לאַנד כנען

# קוועל, קוואַל, קוועל

## א

געבענטשט איז געווען דאָס לאַנד, וואו אברהם דער עברי האָט זיינע געצעלטן אויפגעשטעלט. נאַכט אויף נאַכט, האָט אַ געדיכטער טוי אַראָפּגענידערט און פייכט געמאַכט די ערד, און מיטן זון־אויפגאַנג זיינען די קעפּלעך פון די זאַפטיקע גראָזן געווען באַזעצט מיט בלישטשענדיקע דימענטן. האָבן זיינע באַסטעכער זיך געפּעדערט און ארויסגעפּירט די טשערעדעס, איז דער גאַנצער פלוין פול געוואָרן מיט זייער בלעקעכצן און צופרידענעם מעקען.

זיינען זיינע שעפסן געווען די פעטסטע פון גאַנצן געגנט ארום, און ס'האָבן זיך אלע שכנים מיט אים געבענטשט און געזוכט זיין פריינטשאַפט.

און זיבן מאָל האָט די לבנה זיך באַנייט און פאַרשוואונדן, ביז אליעזר, זיין טרייער קנעכט, האָט אים די בשורה אָנגעזאָגט:

„מיר האָבן געפונען וואַסער, מיין האַר, קוועלנדיק פריש און קיל ווי דער טוי, און זיס ווי דאָס גראָז וואָס גאָט האָט געבענטשט.״

האָט אברהם אָנגעזאָטלט דאָס אייזל און איז מיט אליעזרן אין פעלד ארויס צו זען מיט די אייגענע אויגן די ברכה פון גאָט.

„ביסט געבענטשט, מיין האַר,״ האָט אליעזר מיט פרייד געפּלאַפּלט ווי א קינד, „דאָס לאַנד איז גרויס און פרוכטיק, און אָן אן אויבערהאַר געווען ביז אַהער. זיבן לעבעדיקע קוואַלן וועלן מיר דאָ עפענען...״

„זיבן קאַריטעס וועלן מיר אויפשטעלן, און זיבן זונען וועלן שיינען אין זיי. אויך די קינדער פון דער מדבר וועלן קומען אַהער, צו שטילן זייער דאָרשט און זיך שפּיגלען אין זייער שיין, און לויבן דעם האַר וואָס האָט דאָס לאַנד געבענטשט,״ האָט אברהם אַן אויפגעהייטערטער פאַר־

ענדיקט אליעזרס רייד, „און דו, מיין טרייער, אליעזר, וועסט מיין רעכטע האַנט זיין און גאָטס ברכה וועט דורך דיינע פינגער קומען, ווייל אויך דו ביסט געבענטשט מיט דער בשורה אין דיין מויל.“

פון פרייד האָט זיך אליעזרן אזש דער אָטעם פאַרהאַקט. האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיין אייזל און געבליבן שטיין געבויגן פאַר זיין האַר און טרערן האָט אים גערונען פון די אויגן.

„זאָלן מיינע פינגער אַלעמאָל זיין אזוי געבענטשט, האַר!“ האָט ער ענדלעך אַרויסגעשטאַמלט, און די פינגער פון ביידע הענט אריינגערוקט אין מויל אריין...

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צום ברונעם, איז שוין די זון געהאַט פאַרגאַנגען און אַ רויטע פולע לבנה האָט געהויערט צווישן די שפּיצן בערג.

די ברינעם־גרעבער זיינען אַרום אַן אָפענעם גרוב געשטאַנען און זיך געשפּיגלט אינעם וואַסער וואָס האָט אַרויפגעקוואָלט פון דער טיף, לויטער און ריין ווי קרישטאָל.

אַ פאַרטיפטע תפילהדיק ליד האָט זיך געטראָגן פון דאָרט:

„קוועל קוואַל, קוועל,
פון דער טיפער טיף;
וואָס בעל* באַהאַלט — — —
דעקט תמוז אויף.“

באַלד האָט איינער זיך אַ בויג געטאָן צום ראַנד פונעם גרוב, אָנגע־שעפּט פונעם געעפנטן קוואַל אַ פולן עמער, און אַ גאַס געטאָן קעגן דער לבנה און אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ ווירבל־טאַנץ, און אַלע אַרום, פּאַטשנדיק זיך אין די היפטן, האָבן געיובלט:

„קוועל, קוואַל, קוועל.
פון דער טיפער טיף
שטייט תמוז אויף,
קוועל, קוואַל, קוועל.“

---

* בעל איז דער גאָט פון דער ערד און פרוכטבאַרקייט, און תמוז איז דער גאָט פון דער זון. לויט דער מיסטעריע גייט תמוז אַרונטער אין דער אונטערערד מיטן קלענער ווערן פון די טעג און קומט אַרויס פון דאָרט אַ שענערער, אַ שטאַרקערער.

מיט אימפעט האָט אברהם זיך אַ ריס געטאָן פונעם אייזל און אליעזר נאָך אים האָט מיט פרייד אַ שאַל געטאָן:

„דעם האַרס ברכה אויף אייך, ברידער!"

אין איין אויגנבליק האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און ארויסגעהילכט:

„דאָס פּנים פונעם האַר, איז דאָס פּנים פון גאָט. ליגן מיר אין שטויב פאַר אים!"

דאָ איז אליעזר שוין אריין אין מיטן קרייז און זיי געמונטערט:

„דעם האַרס פּנים, איז ווי אַ לויטער וואַסער. שפּיגלט זיך אין אים!"

„די ברכה פון גאָט, דער האַר, איז מיט אייך. שטייט אויף און לאָמיר אים דאַנקען דערפאַר!" האָט אויך אברהם זיי געשטאַרקט.

איינציקווייז האָבן זיך די ברונעם־גרעבער אויפגעהויבן פון דער ערד און זיך ווידער אויסגעשטעלט ארום דער ברונעם. דער עלטסטער פון די גרעבער האָט אָנגעשעפּט א פולן לאָגל קלאָר וואַסער און דערלאַנגט אברהמען.

„איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט צום האַר פון די האַרן," האָט אברהם אויפגעהויבן דעם לאָגל אין דער הויך, „זיין מתנה וואָס איז געווען פאַרבאָרגן פון אונדזער אויג ווי ער אליין, האַלט איך איצט אין מיין האַנט. ער זעט אונדז אינגאַנצן און מיר זעען נאָר זיין מתנה. גיס איך דאָס וואַסער אויף דער ערד וואָס ער האָט באַשאַפן. דאָס וואָס האָט זיך ערשט אַנט־פּלעקט, אַ מתנה פאַר דעם האַר דעם נישט געזעענעם!"

פאַמעלעך האָט ער געגאָסן דאָס וואַסער אויפן ראַנד פונעם ברונעם און אויפן הויפן ערד וואָס איז געלעגן אַרום, פּרעפּלענדיק מיט אַ ציטער אין קול, „און זאָל די מתנה זיין אַזוי אָנגעלייגט ביי דיר ווי זי איז ביי אונדז. אַזוי געשמאַק צו דיינע נאָזלעכער, ווי זאַפטיק זי איז צו אונדזער גומען, און ס'זאָל אָפּוואַשן דעם שטויב פון אונדזערע הענט און פיס און קלאָר מאַכן אונדזער אויג צו קענען זען דיין גרויסקייט, האַר!"

די קנעכט זיינען געשטאַנען ארום אין טיפן שווייגן און געקוקט דאָ אויף אברהמען און דאָ אין ברונעם אריין, וואו ס'האָט זיך געשפּיגלט די לבנה אין איר גאַנצן טרויער און פאַרשלייערטן סוד. האָבן זיך די קני

זייערע געגומען בייגן פֿאַר פּחד, האָבן זיי געגומען מיטפּרעפּלען מיט אברהמען און זיך פֿאַרדעקט די פּנימער.

„און מיר זיינען דאָך נאָר פֿון שטויב און ליים, האַר, ווי קענען מיר דען אין דיין ליכטיק פּנים קוקן...״

דערביי האָט אברהם גענומען דעם לאָגל צום מויל און אויסגעזויגן די לעצטע טראָפּנס. און נישט אויפהערנדיק צו פּרעפּלען, איז ער צוגעגאַנגען צום ברונעם; אַ ווילע געקוקט אויפן זילבערנעם רינג אין מיטן פֿון וואַסער און אַ שוידער געטאָן פֿון דער פֿינצטערניש ביי די ראַנדן:

„האַר, די קעניגן פֿון דער נאַכט קילט איר לייב אין דיין זאַפּט, אַזוי וועט זיך קילן דער גומען פֿון יעדן באַשעפעניש, וואָס וועט אָהער דער־גרייכן פֿון וויטן וועג!״

אין איילעניש האָט ער אָנגעפּילט דעם לאָגל און דערלאַנגט צו די אַרומשטייענדיקע.

„טרינקט דעם זאַפּט פֿון דער ערד, וואָס דער האַר האָט פֿאַר אייך אַנט־פּלעקט, און זעטיק זאָל עס זיין צו אייער גומען און אַ היילונג פֿאַרן ברע־נענדיקן דאָרשט.״

ווען ער האָט דעם לאָגל צוגעטראָגן צו אליעזרס מויל, האָט אליעזר אַ שלוק געטאָן אין דער גיך און אַ צעשטראַלטער אַ זאָג געטאָן אַזוי אַז אַלע זאָלן הערן:

„זיבן ברינעמער וועלן מיר גראָבן, האַר!״

האָבן די אַרומיקע גלייך אויפגעכאַפּט זיין אויסגעשריי, און דעם גאַנצן וועג אהיים, טראָגנדיק לאָגלען וואַסער אויף די קעפּ, געזונגען און געשאַלט:

„זיבן ברינעמער וועלן מיר גראָבן, האַר!״

„זיבן ברינעמער וועלן מיר גראָבן, האַר!״

איז מען זיי אנטקעגנגעלאָפֿן פֿון די געצעלטן מיט פֿאַקלען און ברע־נענדיקע צווייגן געשמירט אין בוימל, און אַלע האָבן אויפגעכאַפּט דעם טאָן מיט די ווערטער און פֿאַרהילכט די גאַנצע געגנט, אַז ס'האָבן זיך אויפגעוועקט די פֿאַסטעכער פֿון די טשערעדעס און מיטגעפּייפט מיט די פֿאַסטעך הערנס. אויך די שכנים ארום האָבן פֿייערן געצונדן און אַ גאַנצע נאַכט פֿאַרהילכט די לופט מיט לויב־געזאַנגען צום גאָט פֿון די עברים, וואָס האָט אַנטפּלעקט וואַסער אין טיפֿער טיף און עס געגעבן אַ מתנה צו אברהם דעם עברי.

## ב

און כ'איז געווען ווי אליעזר האָט געזאָגט, זיבן ברינעמער האָבן די ברר־נעם־גרעבער געעפנט, און דאָס וואַסער האָט דערפרישט און געקילט די גומענס פון אברהמס טשערעדעס און דאָס גאַנצע הויזגעזינד. אויך די מדבר־מענטשן, וואָס האָבן געהערט אַז וואַסער איז דאָ נישט ווייט, זיינען געקומען זען דאָס וואונדער, און ווי קינדער זיך געשפּיגלט אינעם קוועלנדיקן קאַלטן וואַסער, און געטאַנצט פאַר פרייד. נאָר די פּלישתּים פון גרר האָבן פון קנאה געבערענט און מיט שרעק צוגעקוקט ווי אברהמס געצעלטן שפּרייטן זיך אויס איבערן גאַנצן פּלויז, און זיין הויזגעזינד נישט איבערצוציילן פיל. אבער ווייל זיי האָבן מורא געהאַט צו קריגן זיך מיט אים בייטאָג, פלעגן זיי אינעם חושך פון דער נאַכט פאַרגנבענען זיך און פאַרשטאָפּן די ברינעמער וואָס זיינען געשטאַנען אויף די גרענעצן פון זייער לאַנד. און אויף מאָרגן ווען אברהמס פּאַסטעכער זיינען געקומען אָנטרינקען די טשערעדעס, האָבן זיי שוין געטראָפן די פּלשתּים רייניקן די ברינעמער ווי זייערע אייגענע...

„אייער לאַנד איז זאַמד און ווינט, אייזל־טרייבער און מדבר־שלעק! וואָס זוכט איר דאָ?" האָבן זיי זיך געבייזערט אויף אברהמס פּאַסטעכער „לייגט צו אייערע זאַמד־אויערן צו די מדבר־לעכער, דאָרט וועט איר וואַסער געפינען... די מאַמע ערד קען נאָר די קינדער פון די פּלשתּים."

האָט אברהם זיינע יונגען באַוואָפנט און ווי אַ מויער זיך געשטעלט אויף דער גרענעץ פונעם לאַנד פון די פּלשתּים.

האָט דעם מלך פון גרר אַ ציטערניש אָרומגעכאַפּט און ער מיט זיינע האַרן זיינען אברהמען אַנטקעגן געגאַנגען און אים אויסגערעדט אַזוי:

„פון דער פרעמד, פון דער ווייט ביסטו אַהער געקומען, מענטש פון מדבר. אַן עלנטער וואַנדערער האָסטו די גרענעצן פון אונדזער לאַנד באַטראָטן און זיך געקלאָגט: „די געטער האָבן מיך פאַרבלאָנדזשעט און געבראַכט ביז אַהער." האָבן מיר דיר געגלויבט און דיין שוועסטער פאַר אַ ווייב ביי דיר

גענומען, ווייל אַזוי איז דאָס געזעץ פון אונדזערע עלטערן: „דער פרעמדער און דער עלנטער זאָל ביי דיר אַ היים געפינען.“ דו האָסט אונדז אָבער געַ־נאַרט: דיין שוועסטער איז גאָר דיין ווייב געווען... אין אונדזער לאַנד האָסטו זינד געבראַכט, און דיין גאָט האָט גאָר אונדז באַשטראָפט: „טרוקן איז געוואָרן די פייכטע ערד, קופערן די הימלען און פאַרשלאָסן די טראַכטן פון אונדזערע ווייבער.“ האָבן מיר דען דיך פאַרטריבן פון אונדזער לאַנד? אונדזער גע־רעכטן צאָרן אויף דיר אויסגעגאָסן, ווי זיי האָבן עס אין מצרים געטאָן? מיט גאָלד און זילבער פיל האָבן מיר דעם שטאַרקן אָרעם פון דיין גאָט באַלוינט. דאָס לאַנד איז פריי און אָפן געוואָרן פאַר דיר. די מאַמע, אונדזער ערד, האָט פאַר דיר איר טראַכט געעפנט, וואַסער פון איר טיף דיר געגעבן און ביסט רייך און שטאַרק ווי דיין גאָט, דער האַר. פאַר וואָס האָסטו דיינע יונגען געזאַמלט אַנטקעגן אונדז?“

האָט אברהם זיך גענויגט פאַר אבימלכן און זיינע האַרן און געענטפערט:

„דאָס וואָס איז איין מאָל געווען, קען מען שוין דערציילן, און זאָל מיין האַרץ אָפן זיין פאַר דיר און דיינע האַרן, געקרוינטער פון גרר. מיט פאַס־טעכער און געצעלטן־וואוינער איז פול דאָס לאַנד וואו כ׳בין געבאָרן. די גרויזע טייכן וואָס קומען פון עדן באַוואַסערן די טאָלן און פליינען; וואו נאָר דאָס אויג בליקט, פלאַטערט אַ געצעלט אין ווינט. דאָרט האָט דער גרויסער נמרוד מיט פייל און בויגן געשפרייזט אין די בערג, געטריבן דעם לייב פון זיין הייל און דעם ווילדטיר פון זיין פיטער־פלאַץ, ווייל גאָט דער האַר האָט אים פאַר זיין יעגער געמאַכט. איז זיין האַרץ אָבער גרויס געוואָרן אין אים, און ער האָט זיין שווערע האַנט געלייגט אויף די געצעלטן פון די פאַסטעכער. רויב און גנבה האָבן זיינע קאַמערן אָנגעפילט און דאָס געוויין פון יתומים און אלמנות האָט געיאָמערט אין לאַנד. האָבן די פאַסטעכער געהויבן די אויגן צו מזרח־זייט, האָט די זון זיי געבלענדט און געברענט; האָבן זיי גע־הויבן די אויגן קיין צפון, האָבן שווערע וואָלקנס זיי געשראָקן; האָבן זיי געהויבן די אויגן צו די בערג און געזען ווי די אָדלערס, געיאָגט פון נמרודס פייל, שוועבן אין דער הויך קיין דרום און קיין מערב. האָט מיין פאָטער גענומען זיין הויזגעזינד און ארויסגעוואַנדערט פון לאַנד פון די טייכן, פונעם לאַנד וואו זיינע קינדער זיינען געבאָרן געוואָרן.“

„דיין צונג איז געשליפן ווי דער קיזלשטיין אין אונדזערע בערג,“ האָט אבימלך זיך באַנוצט מיט אַ מאָמענט ווען אברהם האָט זיך אויף אַ

מינוט פאַרטראַכט. „ווי דאָס זאַמד אין דער מדבר, זיינען דיינע רייד פיל; הייבט זיך מיטן ווינט און בערגלט זיך אויפן זעלבן אָרט. פונעם גרויסן נמרוד האָט מען אין פלשתים־לאַנד געהערט, זיין פייל גרייכט נישט אַזוי־וויט...״

„די רייד פונעם קעניג לויכטן ווי די זון אין הימל, אָבער דאָס וואָס ס׳איז געשען קען מען נישט פאַרהוילן. צוועלף לבנות און נאָך מער האָבן אונדזער וועג געהיט. ס׳קען די צונג נישט לויפן שנעלער ווי דאָס קעמל אין דער מדבר. ס׳וועט אויף אַלץ אַן ענטפער נאָך געגעבן ווערן,״ האָט אברהם ווייטער גערעדט, „פון פייל געיאָגט, האָט דער מדבר געברענט אונדזערע פיס בייטאָג און געפראָרן די גלידער ביינאַכט. הונגער און דאָרשט האָבן אונדז באַגלייט דעם גאַנצן וועג. ווען נישט דער שטאַרקער אָרעם פון גאָט דער האַר, וואָלטן אונדזערע ביינער די שאַקאַלן געווען געפרעסן. ער, האָט אונדזערע אויגן געעפנט צו דערשפירן די קוואַלן, וואָס דער מדבר האָט נאָך נישט פאַרדעקט, און ער, האָט אונדז דערפירט ביז אַהער, צום געבענטשטן לאַנד. נאָך זיין קול זיינען מיר געגאַנגען: „גיי צום לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן!״ פרוכטיק און זאַט איז דאָס לאַנד, נאָר ס׳ווייסט דער וואַנדערער, אַז האַרט איז דאָס האַרץ פונעם זאַטן און גייציק. איז דאָס אויג פון די הערשער. דאָס שענסטע געהער צום שטאַרקן און דאָס בעסטע נעמט ער פאַר זיך. אויף וואָס קען דען דער פרעמדער האָפן אין זיין נויט? ס׳איז נישט זיכער א טאָטע מיט זיין טאָכטער· און אַ מאַן מיט זיין אייגן לעבן צוליב זיין ווייב. האָב איך די שענסטע פון די טעכטער, מיין ווייב, פאַרלייקנט: „אַ שוועסטער איז זי מיר,״ האָב איך געזאָגט, „און זאָל מיין לעבן מיר כאָטש געגעבן ווערן...״ עס האָט דער וואַנדערער נישט גענאַרט מיט פרייד אין האַרץ, אבימלך! זאָג אַליין, פעלן דען שיינע טעכטער אין דיין לאַנד? פאַרוואָס האָבן דיינע דינער דעם פרעמדן באַרויבט? דאָס טייערסטע ביי אים צוגענומען? פאַר א גענאַרער געמאַכט? ווי אין לאַנד פון נמרוד, ווי אין מצרים, דאָס לאַנד פון זיבן שלעסער פאַרן פרעמדן. ווען נישט דעם האַרס שטאַרקע האַנט וואָס איז געווען מיט מיר...״

ד

אַ האָט אבימלך זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן און אברהמען דערזוידערט:

„זאָלן די געטער אויסוייזן און משפטן צווישן אונדז. נישט ווי רויבער אויף די וועגן זיינען די איינוואוינער דאָ, נישט ווי נמרודס לאַנד פול מיט בייז. ס'זיינען די מדבר־זין ווי זאַמד פיל און ווי דער היישעריק עסן זיי אָפּ דאָס לאַנד. נאָר אונדזערע ברינעמער היטן מיר און אונדזער ברויט. קומט אַמאָל אַזאַ ווי דו, ווער קען דערקענען?“

„וואָס ס'איז געשען איז שוין דערציילט, אבימלך,“ — האָט אברהם אים איבערגעהאַקט אין מיטן.

„עס דינט דיר דיין צונג, ווי דער אָרעם פון דיין האַר, אברהם,“ האָט אבימלך שוין בעטנדיק געזאָגט, — „ביסט אַן עלנטער געקומען און איצט ביסטו פיל. ביסט אַן אייגענער צווישן אונדז געוואָרן און קומסט גאָר מיט קריג!“

האָט אברהם אויפגעהויבן די האַנט און אַזוי געזאָגט:

”נישט מיט קריג און פייל און בויגן בין איך געקומען דאָ אין לאַנד. מיין גאָט, דער האַר, וואָס ערד און הימל איז זיין, האָט מיך פונעם לאַנד פון מיינע עלטערן אַוועקגענומען און געפירט ביז אַהער. די מדבר־זון, האָט ער פאַר אונדז געקילט מיט לינדע ווינטלעך פון מערב. די זאַמד־בערג האָט ער געלייגט פאַר אונדז ווי וואָל אונטערן שערערס האַנט. ווי אַ קעמל טריי, האָט ער אונדז דעם וועג געוויזן צום געבענטשטן לאַנד. ער האָט אונדז די אויגן געעפנט און די ברונעם־גרעבער האָבן וואַסער געפונען. זיס איז דאָס גראָז צום גומען פון די שאָף. האָבן מיר עס גלייך דערקענט און אונדזער היים דאָ אויפגעשטעלט. און אויך איצט קום איך נישט מיט קריג.“

„פריי און אָפן איז דאָס לאַנד פאַר דיר, גאָט געבענטשטער,“ האָט אבי־

מלך געוויזן מיט דער האַנט אויפן לאַנד אַרום „גוט איז דיין האָרץ און ווי אַ פעלדז דיין אָרעם צו טאָן גערעכטיקייט דעם וואָס גערעכטיקייט קומט. שווער זשע מיר דאָ פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק, אַז שלום וועט זיין צווישן מיר און דיר, און צווישן מיין זון, אייניקל און אור־אייניקל און צווישן די וואָס וועלן קומען נאָך זיי. די טעג פון מדבר דערמאָן נישט מער. וואָש אָפ דעם שטויב פון דיינע פיס און זיי ווי איינער פון אונדז. ביסט דאָך געבענטשט מיט אַלדאָס גוטס פון גאָרן לאַנד, העלף אונדז פאַרטרייבן די מדבר־מייז און זאַמד־ווערעם אין זייערע לעכער אָריין, זיי זאָלן נישט אויפגיין און פאַרדעקן דעם שיין פון גאָטס געבענטשטער ערד. אונדזערע קוואַלן זאָלן אָפן זיין ווי די מאַמע ערד האָט זיי געעפנט.״

האָט אברהם זיך טיף פאַרנייגט פאַר אבימלכן און מיט האַרץ אַזוי געזאָגט:

„גרויס זיינען די חסדים פונעם האַר פון די פאַרבלאָנדזשעטע, אומענדלעך ווי דער הימל אין בלויקייט. ווי דער גאָרטן פון גאָט, ווי דאָס לאַנד מצרים זאָט איז דאָס לאַנד. פאַר דעם וואַנדערער פון מדבר אַ רו־פלאַץ אין מיטן טאָג, פאַר דעם פאַרבלאָנדזשעטן אין דער וויסטעניש אַ באַפעסטיקט געצעלט אין שטורעם. נישט די מדבר־זין האָבן מיינע ברינעמער פאַרשטאָפט און נישט די זאַמד באַוואוינער פון מזרח־זייט. אין נאַכטיקער שוואַרצקייט האָבן מענטשן פון דיין לאַנד מיט שטיינער אונדזערע קוואַלן געשלאָגן. דאָס מויל פון דער ערד פאַרשטאָפט. מיינע פאַסטעכער פאַריאָגט און די טשערעדעס פאַרטריבן. זייער קול האָב איך געהערט און געקומען אָפנעמען דאָס געגזלטע.״

אַ דערשטוינטער האָט אבימלך זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און אויפגעהויבן די האַנט אין דער הויך.

„כ׳האָב אויפגעהויבן מיין האַנט, אברהם, אַז מיינע אויגן האָבן נאָך אַזאַ שאַנד נישט געזען און מיינע אויערן האָבן פון דעם נישט געהערט ביז איצט. נישט דו און נישט עמיץ אַנדערש האָט עס מיר דערציילט ביז היינט. וואָס איז דיין באַגער?״

„זאָל שלום און רו הערשן אין אונדזער לאַנד, מיין האַר!״ האָט אברהם אים געענטפערט.

„איך וועל שווערן!״ האָט אבימלך אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט און אָנגערירט אברהמס דיך.

באַלד האָט אברהם געהייסן ברענגען זיבן שעפּסן פון דער טשערעדע און זיי אַוועקגעשטעלט לעבן ברונעם, און אַן אָקס האָט ער געהייסן שעכטן און אַ סעודה געמאַכט פאַר אבימלכן און זיינע פריינד; און ווען די שאָטנס פון אָוונט האָבן זיך גענומען שפּרייטן אויף די גרויע בערג, האָט אברהם צעשפּאָלטן אַ יונגן קאַלב אויף צוויי. אבימלכס דינער האָבן אַרויסגעשלעפּט די שטיינער פונעם ברונעם און אַוועקגעלייגט אין צוויי הויפנס. דערביי האָבן זיך די איבעריקע אויסגעשטעלט אין אַ קרייז אַרום דעם ברונעם און גע־בעטן מיט האַרץ:

„קוועל אַרויף ברונעם, קוועל אַרויף;<br>
ברונעם וואָס געגראָבן האָבן האַרן,<br>
קוועל אַרויף!״

אויף די שטיינער האָט אברהם אַרויפגעלייגט די צוויי שטיקער פלייש איינס אַנטקעגן דעם אַנדערן, און ביידע האָבן אַרויפגעלייגט די הענט אויפן צווייטנס דיך און זיינען דורכגעגאַנגען צווישן די שטיקער. דאָס פאָלק איז געשטאַנען אַרום אין שטילן שווייגן און געשטרעקט די ברע־נענדיקע פאַקלען אין דער טונקעלער נאַכט אַריין.

פּלוצלונג האָבן די שעפּסן זיך צעמעקעט מיט אַ יאָמער ווי פאַרלאָזענע קינדער, האָט אבימלך זיך דערשראָקן און געפרעגט:

„וואָס טוען די שעפּסן דאָ, ברודער מיינער?״

„עדות זיינען זיי וועגן דער שבועה פון ברונעם, אין דעם לאַנד וואָס גאָט האָט געבענטשט,״ האָט אברהם הויך אויסגערופן.

האָבן אבימלך און דאָס גאַנצע פאָלק אים נאָכגעזאָגט אין איין קול: „עדות, עדות!״

אַון ס'איז געווען אויף צומאָרגנס גאַנץ פרי, איידער נאָך די בערג זיינען פון נעפּל אַרויסגעשוואומען און דער הימל האָט זיך נאָך נישט גערויטלט, האָט אברהם גערופן אבימלכן און אים געזאָגט:

„זע, מיין האַר, אַ בונד פון פריינטשאַפט און ברידערשאַפט האָבן מיר געשוואָרן פאַר גאָט„ דער האַר פון הימל און ערד. פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק זיינען מיר צווישן די שטיינער מיטן צעשניטענעם קאַלב דורכ־געגאַנגען. אָט לאָזט זיך דער רויב־פויגל צו די שטיקער אַראָפּ און וועט פאַרצערן דאָס וואָס געהער צו גאָט. לאָמיר אַליין דאָרט זיין איידער די יונגען שטייען אויף. נאָר דער וואָס זעט אַלץ, זאָל אונדזער האַרץ זען און אונדזערע הענט שטאַרקן.“

איז אַבימלך געגאַנגען מיט אברהמען צום ברונעם. האָבן דעם רויב־פויגל פאַריאָגט פון די שטיקער פלייש, און פון די שטיינער איין הויפן געמאַכט. און ווען די פאַסטעכער האָבן די טשערעדעס אַרויסגעטריבן, האָבן זיי געטראָפן אַבימלכן מיט אברהמען שטיין לעבן דעם הויפן שטיינער און אַ פלאַם פייער האָט זיך געהויבן פון זיין שפּיץ, פאַרצערנדיק די שטיקער פלייש. האָבן זיי זיך געזאַמלט אַרום דעם פייער און געהערט אבימלכס רייד:

„פון די צוויי איז געוואָרן איינס, אַ צייכן פאַר גאָט און פאַר די מענטשן פון לאַנד!“

„אויף אייביק און אייביק אין געבענטשטן לאַנד!“ האָט אברהם אים געענטפערט.

און אברהם האָט געגעבן אבימלכן די זיבן שעפּסן מיטצונעמען מיט זיך אין זיין לאַנד, און נאָך שאָף און רינדער האָט ער אים געגעבן אַ מתנה פון די פאַסטעכער פאַר די קינדער פון לאַנד. און אבימלך האָט זיך צעקושט מיט אברהמען און איז צוריקגעגאַנגען אַ פריילעכער אַהיים.

פון דאַן אָן ווערט דאָס אָרט גערופן באר־שבע, ווייל דאָרט האָט מען געשוואָרן.

## לוט טיילט זיך אָפּ פון אברהמען

און ס'איז געווען נאָך דעם ווי אברהם האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די איינוואוינער פון לאַנד, האָבן זיינע טשערעדעס זיך געפּאַשעט אויפן גאַנצן פּלוין פון דרום־זייט, און זיינע געצעלטן האָבן זיך געצויגן ביז חברון. און אַ בוים האָט ער פאַרפלאַנצט אין באר־שבע אונטער וועלכן ער האָט גערוט פאַרנאַכט און די זון באַגעגנט אין דער פרי. דאָרט האָט ער אויך אַ געצעלט אַוועקגעשטעלט פאַר זיין ווייב שרה און איר מצרישע דינסט הגר.

און אָפן זיינען געווען אברהמס געצעלטן פאַר יעדן דורכגייער און וואַנדערער. פון זיין ברויט האָבן זיי געגעסן, פון זיין וואַסער געטרונקען און אונטער זיין בוים האָבן זיי גערוט און געלויבט דעם האַר פון די עברים וועמען גאָט האָט געבענטשט.

איז גרויס געוואָרן דער נאָמען פון אברהמען אין גאַנצן לאַנד, און פון נאָענט און ווייט איז מען געקומען צו אים און מיט זיין נאָמען זיך געבענטשט. און אויך לוט, דער זון פון אברהמס ברודער, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיט אים אויף אַלע וואַנדערונגען, איז זייער רייך געוואָרן מיט שאָף און רינדער, ביז דאָס לאַנד איז געוואָרן צו ענג פאַר זיי ביידן. האָבן לוטס פּאַסטעכער זיך געקריגט מיט אברהמס פּאַסטעכער און זיי געטריבן פון די ברינעמער.

„אייער האַר איז אַ פאַרטריקנטער בוים. לייִדיק זיינען זיינע געצעלטן אָן אַ קינד. וואָס טויגן אים די ברינעמער? אַלץ וואָס איז זיין, איז דאָך שוין אין דער האַנט פון אליעזרן, דער אויפזעער, וואָס וועט אים יאַרשענען. קען עס דען אונדזער האַר, לוט, צוזען און שווייגן? זיין געצעלט איז דאָך פול מיט זין און טעכטער, און ער איז דאָך פלייש פון אברהמס פלייש און בלוט פון זיין בלוט. אונדזער האַרס נעמען מיר נאָר אָפּ...״

און נאָכמער האָבן די פּאַסטעכער געטאָן: זייערע טשערעדעס האָבן זיי פריי געלאָזט צו פּאַשען זיך אין די פעלדער פון די קינדער פון לאַנד מיט וועמען אברהם האָט אַ בונד געשלאָסן. האָבן זיך די שכנים געקלאָגט פאַר אברהמען

און געשריגן:

„אומרעכט טוען די דייניקע, האר. פאלשקייט ארום דיר, און דער בונד
ווערט געבראכן! רויב פאר דיינע אויגן!"

איז אברהם ארויסגעגאנגען דערוויסן זיך וואס עס איז געשען און ווער
עס האט דאס שלעכטס געטאן. האט ער געזען ווי לוטס פאסטעכער ציען מיט
די טשערעדעס אין פרעמדע פעלדער און פארטרייבן זיינע טשערעדעס פון
די ברינעמער. דאס קול פון קריג שאלט אין גאנצן פלוין.

האט אברהם גערופן לוטן און אים געשטראפט:

„איך האב געשווארן און דו האסט פארבראכן צו פארשעמען מיך אין
די אויגן פון די קינדער פון לאנד. האסט מיך באטריבט מיט דיין שלעכטס,
זון פון מיין ברודער. איצט וועלן אלע בערג־לייט און טאל־באוואוינער
אנפאלן אויף אונדז צו פארטיליקן אונדז פון אונטער דעם הימל."

האט לוט מיט טראציקייט דערווידערט אברהמען:

„עס וייסן נישט די שטאלצע מדבר־זין פון קיין גרעניצן. דער וועג
פון מדבר איז פריי און אפן. אומענדלעך ווייט בליקט זייער אויג און וואס
דאס אויג זעט דאס איז זייערס. ביסט אויך אמאל געווען א שטאלצער מדבר־זון,
אברהם. דו ווייסט עס!"

„ביסט פארפירט פון רייד, לוט," האט אברהם אים אפגעווענדט מיט
גוטן, „די היים פון די עברים איז נישט דער מדבר נאר דאס בארג־לאנד פון
אור כשדים וואו די זון איז פייערדיק ווי גאטס צארן און די הארן גייציק
און פאלש ווי די קאלך־טאלן ביי סדום. האט מיין פאטער דאס גאנצע הויז־
געזינד ארויסגעפירט פון יענעם לאנד און געקומען ביז חרן אין לאנד פון
די טייכן. דארט איז ער געשטארבן און איז באהאלטן אין דער טיף פון דער
ערד. און דיין פאטער וואו איז באהאלטן? אפשר אין די זאמדן פון גליענדיקן
מדבר? דו ווייסט עס, לוט. אין פייער־לאנד, אין אור־כשדים איז דיין פאטער
פון פייער פארצערט געווארן. פון דארט, פונעם פייער־לאנד, פון דיין
און מיין פאטער, האט דאס הויז־געזינד פון די עברים געצויגן איבער
לאנד און מדבר, ביז גאט דער האר האט אונדז אהער געבראכט צום לאנד
פון וואסער און פון גראז, א לאנד פון מי און ארבעט. וואו דיין אויג בליקט
גלאנצט ווייס א געצעלט אין דער זון. גאטס אויג איז צום גוטן אויף דעם
לאנד און אויף דער מי פון אירע איינוואוינער. פארמיטן זאל עס זיין פון
אונדז צו צעשטערן דאס וואס ס'איז שוין געבויט. דער שטארקער ארעם

פונעם האַר, וועט זיך רעכענען מיט דעם, וואָס וויל מיט שלויקייט אויפשטיין אין דעם לאַנד!״

האָט לוט מיט שפּאָט זיך צעלאַכט און מיט ליסטיקייט געשטרעקט זיין בויגן צו אברהמען:

„פאַר דיין וואָרט און שטאַרקער האַנט, אברהם, האָבן די באַרג און הייל־באוואוינער תמיד געציטערט. דער האַר פון די עברים ביסטו און האָסט געפירט אונדז צום צוגעזאָגטן לאַנד. ביסטו דאָ געוואָרן אַ פעטע שעפּס און דו ציטערסט פאַר די שאָטנס אויף די פּלוינען. פאַר וועמען ציטערסטו, העלד פון מדבר? עס וועלן שפּעטן די מדבר־זין פון דיר, אברהם. לוט וועט נאָך זייער פירער ווערן... פון מדבר קום איך און כ׳האָב מיט קיינעם קיין בונד נישט געשלאָסן. איך זאָג: דאָרט וואו די קעמלען טרעטן, איז אונדזער פּאַשע־פּלאַץ, ווייל מעכטיק איז אונדזער אָרעם.״

האָט אברהם נאָך אַלץ איינגעהאַלטן זיין צאָרן און צו לוטן געזאָגט:

„געבענטשט איז דאָס לאַנד דאָ מיט אלדאָס גוטס. רינט מיט מילך און מיט האָניק. און גאָט האָט גרויס געמאַכט אונדזער נאָמען אין דעם לאַנד וואָס אונדזערע עלטערן האָבן נישט געקענט. פאַראומרייניק עס נישט מיט רויב און געפעלשטע רייד ווי מדבר זאַמד.״

„ביסט אַ גוטער דאָ געוואָרן נאָר פאַר אַנדערע. דיינע ברינעמער זיינען אָפן פאַר אַלעמען, פאַר די ליידיקגייער און שלעפער אויף די וועגן,״ זיינען לוטס רייד געוואָרן ביטערע טענה, „דיינע געצעלטן שטייען אויפגעפּראַלט פאַר יעדן דורכגייער און פון גאָט פאַרגעסענעם וואַנדערער. די עברים עפענען די טראַכט פון דער ערד און זיינען איבערזאַט שוין מיט שווייס. און דער קנעכט אליעזר טיילט זייער מי צו פרעמדע. דו גרויסט זיך מיט דיין נאָמען, ער וועט פאַרשווינדן, ווי ס׳וועט פאַרשווינדן דיין פאַרמעגן, ווי דו אליין, א טרוקענער וואָרצל אָן אַ שפּראָצונג...״

האָט לוט אינמיטן אָפּגעהאַקט זיינע ווערטער און געבליבן שטיין א פאַרציטערטער פון פּלוצימדיקער שרעק. ער האָט דערזען ווי א צונטער רויטקייט, האָט אברהמס פּנים באדעקט און אין די ווינקלען פון זיין מויל האָט אַ ווייסער שוים זיך באַוויזן. לוט האָט געוואוסט וואָס דאָס מיינט. ער האָט שוין נישט איין מאָל געזען אברהמען אַזוי אַ וואָרף טאָן זיך אויף אַ שונא ווי אַ ווילדער אָקס. די ערד ציטערט דאַן אונטער אים. די אויגן שפּריצן מיט פייער, און נאָר דאָס בלוט פון שונא קען דאָס פייער לעשן. ער האָט שוין

אָבער נישט געקענט צוריקכאַפּן און ווידער געטענהט מיט האַרץ און געמאַכ־טער זיכערקייט:

„פאַר וועמען דאַרפסטו ברינעמער? איך בין געבענטשטער פון דיר. מיינע ווייבער זיינען געבענטשט מיט זין, דאָ אין לאַנד געבוירן. זייערס איז אַלץ וואָס דו פאַרמאָגסט!"

א דערשטוינטער איז אברהם אויף אָ ווילע ווי פאַרגליווערט געוואָרן, די געביילטע פויסטן צוגעדריקט צו די דיכן זיינע ווי ער וואָלט זיי געוואָלט דורך דעם אָפּהאַלטן פון אָ רייס טאָן זיך פאַראויס.

לוט האָט זיינע אויגן נישט אַראָפּגענומען פון אברהמען און געהיט זיין יעדע באַוועגונג גרייט צו פאַרטיידיקן זיך אָדער גאר אָ שפרונג טאָן ווי אָ קאַץ און ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפן.

„ס'קען די ערד נישט פאַרטראָגן אונדז ביידע צוזאַמען!" האָט אברהם ענדלעך ארויסגעזייערט פון צווישן די ציין און זיך גענומען רירן פון אָרט.

ווי פון אָ דונער געטראָפן, האָט לוט אויפגעשווידערט סיי פונעם קול וואָס איז געקומען ווי פון אָ טיפן תהום און סיי פון די ווערטער וואָס זיינען געפאַלן אויף זיין קאָפּ מיט אָ טעמפּן הילכן. ער איז בלאָס געוואָרן און זיך גענומען רוקן הינטערוויילעכטס.

„אויב דו גייסט לינקס, גיי איך רעכטס!" האָט אברהם אים נאָכגעדונערט מיט צאָרן, „ס'וועט נישט רוען מיין הויז מיט דיינעם, כ'האָב אויפגעהויבן מיין האַנט." — איז ער שוין באלד אין גאַנצן געווען אויף אים.

לוטן האָט אָנגעהויבן צו שווינדלען פאַר די אויגן פון די פונקען וואָס האָבן געשפריצט פון אברהמס אויגן און פונעם שטויב וואָס ער האָט אויפ־געהויבן מיט די פיס.

„האַר," האָט ער גענומען שטאַמלען פאַר שרעק.

„מיינע אויגן ווילן דיך נישט זען מער!" האָט אברהם אים שוין פעסט געהאַלטן אין די הענט און נישט געהערט זיין געבעט.

פון אברהמס געשריי איז אליעזר געקומען צולויפן און מיט אים א סך פון אברהמס קנעכט. זיי האָבן געמיינט אז א שונא איז באַפאַלן אברהמען. זיינען זיי אנגעלאָפן מיט א ליאַרעם און באַוואָפנטע מיט בויגנס און שטיך־וואַרפער. פון זייערע געשרייען, האָט אברהם זיך באַ:יניקט און אָפּגעלאָזט לוטן.

האָט לוט מיט חניפה גענומען בעטן אברהמען:

„ביסט שטאַרק אין דיין צאָרן, האַר. ווי דער גאָט פון מדבר אין שטורעם, ציטערן דיינע נאָזלעכער. ס'האָט געשטרויכלט מיין צונג ווייל דער גומען איז פייכט געוואָרן מיטן זיסן ווייַן פון קעלטער. פאַרגיב אַ מדבר־קינד וואָס ווייסט נישט וואָס גוט איז און וואָס שלעכט...”

און אַז אברהם האָט נאָך אַלץ געברענט אין צאָרן אויף אים, האָט לוט זיך אויסגעצויגן פאַר אברהמען מיטן פּנים אַראָפּ:

„איך בין שולדיק קעגן דיר, ברודער פון מיין פאָטער. פאַר די פייגל פון הימל דאַרף מיין לייב צו רויב זיין, ווייל איך האָב פאַרבראָכן קעגן דיר, האַר פון לאַנד. מיינע קינדער וועלן זיין ווי פאַרלוירענע שעפּסן צוליב די זינד פון זייער פאָטער ווען דער ווייַן האָט באַוועלטיקט. זאָל דיין האַנט אַליין אויף מיר פאַלן, כ'בין דאָך בלוט פון דיין בלוט...!

איז אברהמס האַרץ ווייכער געוואָרן און ער האָט אויפגעהויבן לוטן פון דער ערד און אים געזאָגט:

„ווייל דו ביסט פלייש פון מיין פלייש און דער זון פון מיין ברודער, וועט קיין קריג נישט זיין צווישן מיר און דיר. מיין געצעלט קען אָבער נישט האַרבערגן אין איינעם מיט דיינעם. מיט שלום האָט מיך מיין גאָט געפירט אַהער און דו האָסט פאַרמיאוסט דעם נאָמען פון מיין גאָט אין די אויגן פון די קינדער פון לאַנד. שייד זיך אָפּ און גיי דיר מיט דיין מדבר־גייציקייט וואוהין דו ווילסט, און זאָל מיין האַנט נישט זיין אויף דיר.”

הינטערוויילעכטס האָט לוט געשטאָלפּערט אַ פאַרציטערטער צו דער עפענונג פון געצעלט, מורמלענדיק עפּעס אָפּגעהאַקטע רייד וואָס קיינער האָט נישט באַנומען.

„כ'האָב אויפגעהויבן מיין האַנט, האַר!” איז אברהם לאַנג נאָך געשטאַנען צוגעשמידט צום אָרט און שטאַר געקוקט אַרום זיך ווי ער וואָלט דאָס אָרט נישט דערקענט.

אויף צו מאָרגנס גאַנץ פרי, האָט לוט זיינע געצעלטן אויף די קעמלען אויפגעלאָדן, און זיך אָפּגעטיילט פון אברהמען און פון זיינע טשערעדעס.

לאַנג האָט ער געוואַנדערט ווייטער אויף דרום, ביז ער איז געקומען צום פלוין פון ירדן וואָס איז געווען אנגעטרונקען מיט וואַסער און פיל גראָז, האָט ער זיך דאָרט באַזעצט און זיינע געצעלטן אויפגעשטעלט ביז דער שטאָט סדום.

## ווי די שטערן אין הימל פיל...

פון יענעם טאָג אָן, ווען לוט האָט זיך אָפּגעטיילט פון אברהמען, איז אַ טריבער אומעט געקומען אויף אברהמען. ס׳איז אים שווער געוואָרן צו זיצן אונטערן בוים אין אָוונט, און מיט אומרו האָט ער באַגעגנט די זון אין פרימאָרגן. ער האָט אויסגעמיטן צו טרעפן זיך אויג אויף אויג מיט שׂרהן, זיין ווייב, און געוועזן נאָר מיט די יונגען אין פעלד. אַ נאָגנדיקער טרויער האָט אים געגעסן ווי מאָיל.

האָבן די יונגען געזען, אַז דאָס פּנים פון זייער האַר איז פאַרשאָטנט און זיינע הענט זיינען שלאַבעריק, האָט אויך זיי אַ באַטריבטקייט אַרומגענומען. אין די פאַרנאַכטן האָבן זיי מער קיין פייערן נישט געצונדן לעבן די ברינגע־מער. די פריילעכע לידער און טענץ האָבן זיך מער נישט געהערט אין די געצעלטן. מיט שרעק האָבן זיי פון זייערע געלעגערס זיך צוגעקוקט ווי זייער האַר בלאָנקעט אַרום אין פעלד. די האָר צעפּאָטלט און לויז, פּלאָנטערן זיך אין ווינט, און די קליידער הענגען אויף אים נאָכגעלאָזט און עלנט. אָט שטעלט ער זיך אָפּ לעבן אַ ברונעם און גלאָצט אין דער טיפעניש אַריין, אַ פאַרטאַיעטער אין זיך; און אָט הייבט ער די אויגן אויף און בליקט אין הימל אַריין שטרעקנדיק די הענט אַרויף צו די מילי־מיליאַסן בלישטשנדיקע שטערנדלעך אין דער צעבלויטער פאַרהוילענער ווייטקייט. זיין שאָטן ציט זיך אויס לאַנג איבערן פעלד און די אויסגעשטרעקטע הענט ציטערן אין בלויען טונקל ווי פאַרטריקנטע צווייגן.

שטעקן די פּאַסטעכער אַרויס די קעפּ פון די געצעלטן און ציטערן ווי די בלעטער אין ווינט הערנדיק ווי אברהם צאַפּלט אין געבעט:

„האַר פון הימל און ערד. וואָס נאָך קענסטו מיר דען געבן עס זאָל מיר גענאָדיק זיין? אַ טרוקענער בוים בין איך דאָך, מיט די וואָרצלען אין

זאָמד. שטויב פון דער ערד וואָס דער ווינט פאַרטראָגט. וואָס קענסטו מיר דען געבן, האַר? אַז געבענטשט האָסטו נאָר דאָס לאַנד און נישט מיינע לענדן. דאָס קול פון אַ קינד איז פאַרמיטן אין מיינע געצעלטן, און אליעזר דער שפּייזער פון מיין הויז וועט מיך יאַרשענען. אַ, האַר!״

צאַפּלען מיט אים די פאַסטעכער אין די געצעלטן און זעצן זיך שטילערהייט אויס אויף דער ערד און פרעפּלען יעדער צו זיין גאָט, ער זאָל זיך מיען און דערפרייען דאָס האַרץ פונעם האַר און אים בענטשן מיט אַ זון אויף דער עלטער.

אַזוי איז אַוועק אַ זומער מיט אַ ווינטער. און ווען די ערשטע פרילינג ווינטלעך האָבן גענומען בלאָזן אין לאַנד, און די זיילן פייכטע פאַרע זיינען אויפגעגאַנגען פון דער ערד נאָכן שפּעט־רעגן, איז אברהם אַ געבויגענער און פאַראומערטער איינמאָל איז שפּעטן מיטן־טאָג געווען אַליין אין פעלד. אַ מידיקייט האָט געגליווערט אין זיינע ביינער און אַ שווערקייט נישט צו באַוועלטיקן האָט אים געצויגן צו דער ערד. האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צווישן די קני און געבליבן זיצן אַזוי אַ פאַרטאַיעטער, א שטיק ערד. זיילן פייכטע פאַרע האָבן זיך געהויבן אַרום אים. פון ווייטן האָט זיך געטראָגן דאָס מעקען פון שעפּסן און צוויטשערן פון געפליגל. אַ הוילקייט האָט געדריקט דאָס האַרץ און אַ נאָגנדיקער אומעט אין גאַנצן געביין.

„מיין אייגן פלייש און בלוט האָב איך פאַרטריבן פון מיר. אין סדום האָט ער אויפגעשטעלט זיין הויז און ווי איינער פון זיי געוואָרן. האָב איך עס דען געוואָלט? האָב איך אים דען געשיקט אַהין? דאָס בייז פון סדום איז זיין היים געוואָרן. וועט דאָס בייז פון סדום ירשענען מיין געצעלט? האַר! בלויז אָפּשיידן זיך פון בייז, האָב איך דאָך באַגערט. האָסטו עס דען נישט באַוויליקט?, האַר! פאַר וואָס פאַרמיידסטו די ברכה אין מיין געצעלט?״

אַן עלנט הייזעריק שרייען פון אַן איזל, האָט פלוצים אויפגעציטערט די אַרומיקע שטילקייט. האָט עס אים אַ ריס געטאָן פון אָרט און ער האָט גענומען לויפן אָן אָן אָפּשטעל צום באַרג צי, וואָס האָט געהויערט מיט אימה איבערן פעלד. אָבער אינמיטן קלעטערן אויף די שאַרפע פעלזן און אָפּלעקנדיק דאָס בלוט פון די צעקראַצטע פינגער, איז אים עפּעס פלוצים לייכטער געוואָרן אַרום האַרץ. די נאָגנדיקע פּיין האָט גאָר צערטלעך געגלעט מיט אַ ווייך שעפּטשנדיק קול ווי אַ לינד פרילינג ווינטל.

„שרעק זיך נישט אברהם, געבענטשט ביסטו, און דיין געצעלט איז

געבענטשט! הייב אויף דיינע אויגן און ווענד זיי צו דרום און צו צפון, מזרח און מערב. ווי וויט דאָס אויג דיינס גרייכט, איז דאָס לאַנד געבענטשט פון דיינעטוועגן און פון דיינע קינדערס וועגן. ס'איז נאָך קראַפט דאָ אין דיינע לענדן, יונגשאַפט אין דיינע ביינער. זע, כ'האָב געשלאָסן אַ בונד מיט דיר און מיט דיינע קינדער וועגן דעם לאַנד. שטיי אויף און זע: דער הימל איז אַן אויסגעשטערנטער איבער דיר. ווי דו קענסט ציילן די שטערן, אַזוי וועלן דיינע קינדער קענען געציילט ווערן. און געצייכנטע זאָלן זיי זיין אין זייער לייב פון קינדהייט אָן, יעדער מאַן אין דיין הויזגעזינד, ווי דו ביסט געצייכנט אין דאָזיקן לאַנד. „די קינדער פון דעם מאַן וואָס האָט פאַרטריבן פון זיך דאָס בייז”, וועלן זיי גערופן ווערן. דאָס בייז פון סדום וועט קיין חלק נישט האָבן אין דיין הויז. שרעק זיך נישט, אברהם”, האָט דאָס קול געגלעט און באַרואיקט, „קער זיך אום צו דיין געצעלט, שרה וואַרט אין ליבשאַפט אויף דיר.”

האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט אַזוי גרינג ווי אַן אינד און גע־נומען שפּרייזן איבער די פעלז־שפּאַלטן ווי ער וואָלט געשוועבט איבער זיי. און אַ פאַרבליפטער האָט ער געבליקט אַרום זיך מיט אַ קוועלנדיק האַרץ, ווייל ער האָט געזען דאָס גאַנצע פעלד פול מיט קינדער אַרום און אַרום, און זייער פריילעך פלאַפּלען איז אויפגעגאַנגען פון אַלע זייטן. האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל מיט דאַנק. האָבן שטערנדלעך בלישטשנדיקע זיך געצויגן צום אים און געוואונקען מיט אויסטערלישן שיין. איז עס געווען ווי געזאַנג אין זיינע ביינער. האָט ער זיך אויך צעפּלאַפּלט ווי אַ קינד: „אַ צייכן וועל איך מאַכן אין זייער לייב, האַרט יונגשאַפט אין מיינע ביינער, קראַפט אין מיינע לענדן!”

פון גרויס פרייד און קוועלנדיקן קלאַנג פון אייגענעם קול, האָט ער מיט פולע אויגן וואונדער דערוואַכט פון דרימל און געזען, אַז די זון נייגט זיך שוין צו מערב צו, דער הימל, — פורפור און בלוי, שפּיגלט זיך אין די ראָזע שלייערן פון די ראַנדן, און די בערג אַרום ווערן פאַרשלונגען פון די אונטן שאָטנס וואָס קלעטערן שפּרינגענדיק אַלץ העכער און העכער און פאַרהילן אַלץ. אַן אויגנבליק בלויז איז ער געשטאַנען אַ דערשטוינטער און זיך מורא געהאַט צו רירן פון אָרט. באַלד אָבער, האָט אים די חלום־זעאונג ווידער אַ שוועב געטאָן פאַר די אויגן און זיין האַרץ איז פול געווען מיט האָפענונג, דערוואַרטונג און גלויבן אין דעם וואָס ער האָט געזען. „זע, כ'האָב אַ בונד געשלאָסן מיט דיר—” האָט ער קלאָר געדענקט די

צוזאגנדיקע רייד, און א האפערדיקער, א זיכערער, איז ער צו דער טשערעדע אוועק און גענומען א קו דריי יאר אלט, און א ציג און א באראן, און א טערטלטויב און א יונגפויגל. ער האט עס געטאן אין גרויס געאייל און גאנץ אליין, ווייל אזוי איז עס געווען נאך פון פארצייטנס אן: „נאר דער וואס שליסט דעם בונד גרייט צו די פי און דאס האלץ פארן מזבח״.

די פאסטעכער וואס האבן געזען ווי דער האר זייערער איילט זיך און רעדט מיט קיינעם קיין ווארט נישט, האבן מורא געהאט צוצוגיין נעענטער צו אים. פון דערווייטנס זיינען זיי געשטאנען איינער אויפן אנדערנס אקסלען און אים נאכגעקוקט פארגאפטע ביז זיי האבן אים שוין מער נישט געזען.

„די וועגן פונעם האר, זיינען ווי די וועגן פון גאט. זיי ווערן באוואוסט נאר ווען ער וויל עס אליין...״ האט אליעזר זיי געווארנט נישט נאכצוגיין אברהמען אין די פארהוילעניש פון די בערג.

און ווי נאר אברהם איז געקומען צום ארט, האט ער צעשפאלטן די פי אין דער מיט, און די העלפט געלייגט אויפן האלץ אין א גלייכער שורה איינס קעגן אנדערן. נאר די פייגל האט ער נישט צעשפאלטן און געלאזט ארומשוועבן איבער זיי. ווען ער האט געבראכט דאס וואסער פונעם קוואל וואס האט געפלאסן פון א בארג־שפאלט, האט ער דערזען דעם רויב־פויגל ארונטערפלאן זיך צו פרעסן די פלייש־שטיקער, האט ער אים פארטריבן און זיך געזעצט ווארטן ביז די לעצטע זון־שטראלן וועלן איינגאנצן פארשלונגען ווערן פונעם נאכט טונקל הינטער די בארג שפיצן.

ס'איז קיינער נישט געווען ארום. בלויז רויב־פייגל האבן געקרייזט איבער זיין קאפ מיט אפענע שנאבלען און אומגעהייער געשריי. א נעפל האט זיך געהויבן פון טאל און פאמעלעך פארדעקט די גרויע בערג וואס האבן מיט שארפע שפיצן און שטעכיקע דערנער געשטארט צום ווייט צערויטלטן הימל ווי געגאסענער קופער.

פלוצים איז אן אויסטערליש שווערע אנגסט באפאלן אברהמען. איז ער אויפגעשפרונגען פון ארט, אוועקגעווארפן דעם שטעקן מיט וועלכן ער האט געיאגט די רויב־פייגל און גענומען שלאגן א שטיין אן א שטיין אויף צו מאכן גרייט דאס פייער, אבער פונקט דאן האט אים אזא מידיקייט באוועלטיקט, אז ער האט קוים די אויגן געקענט האלטן אפן. מיט די לעצטע כוחות האט ער זיך געראנגלט מיטן שלאף וואס האט געשווערט זיין יעדן געביין. א שטאק פינצטערניש האט אים געקלאמערט פון אלע זייטן, און

מיט דער פינצטערניש האָט אַ גרויל אים אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד מיטן פּנים אַרויף. אַ שטומער גליווער אין אַלע גלידער, בלויז פון גאָר אַ ווייטער פאַרהוילעניש, האָט זיך דערטראָגן צו אים דאָס געהייל פון די רויב־פייגל צוזאַמען מיטן שלאַבעריקן וואָרקען פון די ציטערדיקע טויבן. אַן אויגנבליק וואָס איז אַן אייביקייט, האָט עס געדויערט, און דער גאַנצער גליווער אין אים האָט אויפגעצאַפּלט אינמיטן דער אימהדיקער פינצטערניש וואָס האָט זיך פּלוצים געעפנט מיט אַ פאַרבלענדנדיקן בליץ. אַ דורכזיכטיקער זייל רויך געהילט אין אַ פינקלדיקן פלאַקער, האָט זיך אַ צי געטאָן פון דער אומגעהייערער אומענדלעכקייט און אַדורכגעשוועבט צווישן די שטיקער.

אַן איינגעקאָרטשעטער איז אברהם געלעגן און אַ צאָן אַן אַ צאָן האָט אין אים געציטערט. ער האָט געהערט ווי דאָס האַלץ קנאַקט פאַרצערנדיק דאָס פליש פון די צעשניטענע בהמות, און יעדער צונג פייער האָט געצישעט מיט אימה און אים געבריט דאָס לייב. די פינצטערניש האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים און אַלץ אַרום האָט אַזוי קלאָר און גרויליק געפלאַמט פאַר אַלע געע־פנטע חושים אין אים. אָפּן איז געשטאַנען דער מדבר און געברומט מיט אומדערבאַרעמדיקע קולות: ”א פרעמדער ביסטו, אברהם, געקומען אַהער. אַן עלנטער וואַנדערער אָן אַ היים. פרעמדע וועלן דיינע קינדער זיין אין אַ לאַנד, וואָס איז נישט זייערס. קנעכט געפייניקטע פון שונאס האַנט.“

„אַ, האַרן!“ האָט אברהם אַ יאָמער געטאָן און זיך אַרויסגעריסן פון שווערן דרימל.

„אָבער אויך זייערע פייניקער וועל איך משפּטן“ —, קלינגט אים אין די אויערן דאָס קול פון זייער ווייט.

„אַ, האַרן!“ האָבן זיינע ליפּן נאָך געצאַפּלט ווען ער איז געבליבן שטיין אויף די פיס אַ דערשטוינטער. ער האָט די אייגענע אויגן נישט געגלויבט. דאָרט וואו ער האָט פאַרנאַכט אָוועקגעלייגט די שטיקער פליש, האָט אַ לעצט פייער געגליט. קיין סימן פון הויפנס האָלץ איז שוין נישט געווען, נאָר איין מילד לעצט פייערל פון צעגליעטע קוילן. ער האָט זיינע אויגן נישט געקענט אָוועקנעמען פונעם פייער. אַ פרייד האָט גענומען קוועלן אין אים וואָס האָט די פריערדיקע שווערע רייד געלייטערט און געלינדערט. „אין פייַן וועלן זיי געלייטערט ווערן“, האָבן פונקען זיך גע־הויבן אין דער הויך און זיין פּנים איז אַלץ לויטערער און שיינענדיקער געוואָרן, ”און זיי וועלן רופן צו מיר און איך וועל זיי ברענגען אַהער כדי

צו מאַכן יאַרשענען דאָס געבענטשטע לאַנד״.

„מיטן האַר, האָב איך אַ בונד געשלאָסן״ — האָט אברהם מיטאַמאָל אַ שפּרונג געטאָן איבערן פייער, „ און אַ צייכן וועט עס זיין אויף אייביק אין מיין הויזגעזינד,״ האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום אויסגעשטערנטן הימל און אַרויפגעלייגט די רעכטע האַנט אויף זיין דיך.

אַ ווײַלע האָט ער אַזוי געשטרעקט דאָס פּנים צו די שטערן און נישט געפילט גאָר, אַז די פּיס אײַלן אים לייכט און לינד צו די געצעלטן צו. דער טוי האָט געפייכט זיינע האָר, און די פּיס האָבן גרינג געשפּריזט איבער די נאַסע גראָזן, וואָס זיינען אים אַנטקעגנגעקומען מיט בענטשונג. פון קעגנאיבער, פון צווישן צווײַ באַרג שפּיצן באַדעקט מיט ווייסן נעפּל, האָט אַ גרויסער צעפינקלטער שטערן געוואונקען צו אים און געמונטערט.

## איז געקומען אַן אַנטרונענער און דערציילט...

ווען אברהם איז פֿאַר האַלבער נאַכט צוגעקומען נאָענט צו זיינע געצעלטן, האָט ער פּלוצים דערזען ווי אויף איינעם פון די בערג האָט אַ פייערל אַ פינקל געטאָן, און אין איינע פּאָר רגעס איז שוין דער גאַנצער אַרום גע־ווען אַ צעצונדענער פון פינקלדיקע פלאַקערן; וואו נאָר אַ שפּיץ באַרג האָט אַ ציטערנדיקער פלאַם געבלינצלט פון אים. באַלד האָט זיך אַ שרעק־געליאַרעם דערטראָגן צו זיינע אויערן.

„אַ שונא איז נישט ווייט!״ איז ער אָפּגעשפּרונגען פון אָרט אַ דערשטוינטער.

„אליעזר! אליעזר—״ האָט זיין רוף אָפּגעהילכט איבעם גאַנצן אַרום ווי אַ דונער, און ווען דער עכאָ איז אויסגעגאַנגען אין די בערג האָט ער קלאָר געהערט אליעזרס קול:

„דער האַר רופט! שפּאַנט די קעמלען!״

איז אברהם געלאָפן אַנטקעגן דעם קול און זיך אָנגעשלאָגן אָן אליעזרן און אַ צאָל פון די הויז־קנעכט מיט אים, טראָגנדיק ברענענדיקע פאַקלען אין די הענט.

„דער האַר איז מיט אונדז!״ האָבן זיי מיט אַ געשריי אים אַרומגערינגלט.

„וואָס טוט געשען אין דער נאַכט, אליעזר?— האָט אברהם אפילו פאַר־געסן צו ענטפערן אויף זייער באַגריסונג.

״אַ נאַכט פון שרעק אין די געצעלטן פון די עברים. האַר! אַן אַנטרונע־נער איז געקומען!״, האָט אליעזר אָנגעהויבן דערציילן, אָבער אברהם האָט אים אָפּגעשטעלט מיט אַ ברום:

„עס ווייסט נישט פון קיין שרעק דאָס הויז פון די עברים! ווער האָט דעם בונד פון פריינטשאַפט געבראָכן?״

„שלום איז אין אונדזערע געצעלטן, האַר,״ האָט אליעזר געשטאַמלט.

אונדזערע שכנים, די קינדער פון לאַנד, זיינען אונדזערע פריינט. פון דער פרעמד, פון דער ווייט איז דער שונא געקומען. כדרלעומר, דער באַרויבער פון פעלקער איז ווי דער צפון־ווינט באַפאַלן דעם כיכר און די פלוינען אַרום און פאַרוויסט די שטאָט סדום, און געפאַנגען יונג און אַלט און אויך לוט איז געפאַנגען. אַן אַנטרונענער איז געקומען און דער־ציילט, האַר, אָט איז ער!" האָט אליעזר צוגעשטופּט צו אברהמען אַ פרעמדן, האַלב נאַקעטן און מיט קאַלך־שטויב באַדעקטן מאַן.

האַר פון די עברים," האָט דער פרעמדער מיט אַ געבראָכן קול דערציילט. „פון טאָל פון שדים קום איך. אַן אַנטרונענער פון שונאס פייל וואָס איז געשמירט מיט סם. ווי דער היישעריק פיל, ווי די רויב־פייגל האָבן דער קעניג פון עילם מיט די מלכים פון צפון זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גאַנצן לאַנד. זיי האָבן פאַרטיליקט די ריזן פון עשתרות קרנים, די זוזים פון האָם, די שרעקן זין און די הייל־איינוואוינער פון די בערג, ביז די זין פון מדבר און די קינדער פון אמורי. פאַרדעקט האָבן זיי די שיין פון דער זון און וויסט געמאַכט דאָס פּנים פון דער ערד. ווי דער גאָרטן פון גאָט, ווי מצרים איז דאָס לאַנד געווען פאַר זיי, און נאָך זיי אַ טאָל פון טויט. ביים טאָל פון קאַלך און ליים, האָבן די קעניגן פון סדום און צביים מיט די מלכים פון דרום דעם שונא באַגעגנט און צעשלאָגן געוואָרן. די ליים גריבער האָבן זייער מויל געעפנט און פאַרשלונגען די קינדער פון לאַנד. די איבערגע־בליבענע זיינען אין די בערג אַוועק. דאָס גאַנצע גוטס פון לאַנד איז אין שונאס הענט און אויך לוט, דיין ברודערס זון, איז געפאַנגען מיט זיין גאַנץ הויזגעזינד."

„מיר האָבן פיערן געצונדן צו וואָרענען די שכנים מיט וועמען דו האָסט אַ בונד געשלאָסן," האָט אליעזר זיך ווידער געשטעלט פאַר אברהמען.

„און מיר זיינען געקומען, אברהם," האָבן די עלטסטע פון די שכנים, וואָס זיינען אָנגעקומען אין מיטן דעם פרעמדנס דערציילן, זיך אָפּגערופן. „דיין ברודער איז אונדזער ברודער, דיין שונא איז אונדזער שונא!"

„גרויס איז אייער חסד, שכנים," האָט אברהם זיך גענייגט און גע־רירט געפרעגט. „די האַנט פון שונא איז געפאַלן אויפן געצעלט פון מיין ברודערס זון. איז זי דאָך געפאַלן אויך אויף מיין געצעלט, און אויך אייערע געצעלטן זיינען נישט זיכער פאַר זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם. אונדזערע געצעלטן ווי זאַמד פאַרן ווינט אויב איין האַנט וועט די צווייטע נישט

שטאַרקן..״

„ער איז שטאַרק דער קעניג פון עילם! ווי דער הישעריק איז ער באַפאַלן דאָס לאַנד!״ האָט איינער פון די עלטסטע אַ שטאָמל געטאָן.

„ווען מיין געצעלט וואָלט דאָרט געשטאַנען, וואָלט דער שונא אויך מיינס פאַרברענט,״ האָט אברהם ווי פאַרהערט יענעמס רייד, און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער פון די עלטסטע, האָט ער זיך פלוצים צום פרעמדן געווענדט:

„האָסטו אַלץ שוין דערציילט, אַנטרונענער? האָט ווער דיך געשיקט צו מיר? האָסטו אַליין לוטן געזען?״

דער פרעמדער האָט אַ ווײַלע, דערשראָקן געשוויגן און באַלד איילִיק גענומען דערציילן:

„ליגנדיק פאַרזונקען אינעם טאָל פון ליים און קאַלך, האָבן מיינע אויגן געזוכט הילף אין דער ווייט. מיין קול האָט מיר מער נישט געדינט, נאָר די אויגן האָבן אַלץ נאָך געזען. הייס איז געווען דער טאָג. פון די ברייענדיקע גריבער איז אויפגעגאַנגען דער שטיקנדיקער ריח פון טויטע וואָס פוילן און דאָס ליאַרעמען פון די רויב־פייגל וואָס האָבן געהויערט איבערן טאָל מיט גלאַנצנדיקע פיסקעס ווי שפיזן. האָב איך הויך געשטרעקט מיין קאָפ איבערן גרוב און געבליקט אַרום זיך און צום הימל אויבן. פלוצים האָבן מיינע אויגן רייטער דערזען, פלאַמען זייערע פנימער אין זון, און זייער גאַרטל איז פול געווען מיט פיילן. דעם שונאס פייל איז שוין בעסער ווי דאָס זינקען אין גרוב, האָב איך געטראַכט און דעם קאָפ הויך געהאַלטן.

נאָך די רייטער איז דאָס גאַנצע גוטס פון סדום אויף קעמלען נאָכגעגאַנגען: ווייבער און קינדער און די תבואה פון דער ערד און צווישן זיי לוט, מיין האַר, אַ געבונדענער ווי אַ שעפּס, און זיין גאַנץ הויז־געזינד, די משפחה פון די עברים וואָס אין סדום. ווען ס'איז נאַכט געוואָרן, האָבן מיינע כוחות מיר געדינט און גאָט, דער האַר, האָט מיר דעם וועג געוויזן אַרויסצוקומען פון די גריבער אַ גאַנצער. האָב איך צו דיר דעם וועג געזוכט. אין לוטס טשערעדעס בין איך אַ פאַסטעך געווען, האַר. צו וועמען זאָל איך מיין האַרס אומגליק טראָגן, אויב נישט צו דיר, האַר פון די עברים און פון גאָט געבענטשט.״

אברהם האָט אים נישט געענטפערט אויף זיינע לאַנגע רייד, נאָר גלייך באַפוילן צו ציילן און באַוואָפענען אַלע קנעכט אין הויז און אין

פעלד. אויך די דריי עלטסטע פון די שכנים ענר, אשכול און ממרא האָבן זייערע אייגענע געציילט און אויסגעשטעלט אין פיר מחנות.

„ס'איז דער שונא באַפּאַלן דאָס לאַנד אָן אַ וואָרענונג," האָט אברהם שטייענדיק אויפן רוקן פון אַ קעמל אַ בריל געטאָן, „וועלן מיר פּלוצים אויף אים אַ שפּרונג טאָן ווי די לייבן, ווי די ווילדע טיגערס!" — ווי די ווילטירן!"

„ווי די לייבן, ווי די ווילטירן—" האָבן די מחנות נאָכגעברילט, מיט אַן אומגעהייערן געשריי, טופּנדיק מיט די פיס און שטויסנדיק פאַרויס די הערנער וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף די קעפּ.

„ער האָט געראַבעוועט דאָס גוטס פון לאַנד און געצעלטן איינוואוינער גע־פאַנגען גענומען. וועלן מיר אויף אים פלי טאָן ווי די אָדלערס, ווי די שפּאַרבערס!"

„ווי די אָדלערס, די שפּאַרבערס," האָבן די מחנות מיט אַ הילך געענט־פערט און אויסגעשטרעקט די הענט מיט די נעגל פון אָדלערס און שפּאַר־בערס אויף זיי.

„ווי אַ שטורעם אויף אונדזערע געצעלטן איז ער געקומען, וועלן מיר ווי דער בליץ אים אַ שפּאַלט טאָן און ווי דער דונער דערשלאָגן!"

„אַ שפּאַלט טאָן און דערשלאָגן!" האָבן די מחנות ווילד געיובלט ציטער־דיק די בויגנס און הויבנדיק די האַמערס מיט די העק.

„ווי דער הישעריק פרעסט ער די פרוכט פון לאַנד, אונדזער לאַנד!" האָט אברהם שוין מיט די לעצטע כוחות אַריינגעשריגן אין די פאַקלען פייער וואָס האָבן זיך געהויבן איבער די מחנות. „וועלן מיר אים מיט פייער צינדן און פאַרלענדן און פאַרטיליקן פון דער ערד!"

„און פאַרלענדן און פאַרטיליקן פון דער ערד!", האָבן די קולות געגרייכט ביזן הימל.

„אַן אויג פאַר אַן אויג און בלוט פאַר בלוט!", איז ער אַזש אונטער־געשפּרונגען אויפן קעמל, נאָר זיין קול איז פאַרשלונגען געוואָרן פונעם טומל. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן פאַרויס פון די מחנות און אַרויסגעברילט מיט אַלע כוחות:

„דער האַר פון הימל און ערד איז מיט אונדז. דער גבור אין מלחמה איילט אונדז פאַרויס!"

„איילט אונדז פאַרויס!" — האָט נאָכגעהילכט דאָס קול פון די מחנות

וואָס האָבן געאײַלט נאָך אַברהמען איבער די טאָלן און בערג, אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג.

ווען זיי האָבן דעם שונא פֿון ווײַטנס דערזען, האָט די זון זיך שוין געהאַט געזעצט, און בײַ פֿײַערן האָט דעם שונאס לאַגער געליאַרעמט מיט געזאַנג און טענץ. האָט אַברהם אין דער שטיל צעטיילט זײַנע מחנות און אַ גאַנצע נאַכט אַרומגערינגלט דעם שונא; און ווען דער מאָרגנשטערן האָט גענומען בלאַסער ווערן זײַנע זיי אומגעריכט ווי אַ שלאַקס רעגן אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן שונאס לאַגער און אים צעשלאָגן און פֿאַריאָגט ווײַט איבער די גרעניצן פֿון לאַנד.

און דאָס גאַנצע גוטס פֿון סדום און די ווײַבער און יונג און אַלט איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַברהמס האַנט. און אויך לוטן מיט זײַן הויזגעזינד האָט ער אומגעקערט און געפֿירט אַהיים.

און דאָס קול פֿון שופֿר און הילכן פֿון פּויקן איז געגאַנגען פֿאַרויס פֿאַר זיי און אויסגערופֿן מיט פֿרייד, אַז דער שונא איז פֿאַרטיליקט פֿון אַברהמס האַנט, און דאָס לאַנד איז ווידער פֿרײַ פֿון פֿרעמדן יאָך.

זײַנען די אַנטלאָפֿענע אין די בערג אַרויס פֿון די הײלן, און די פֿאַר־שלאָסענע אין די פֿעסטע שטעט, האָבן די טויערן געעפֿנט און אַנטקעגנגע־גאַנגען אַברהמען מיט ברויט און ווײַן און מיט יובל אים געלויבט: „פֿאָטער אונדזערער, האַר פֿון פֿעלקער און באַשיצער!"

און אויך דער קעניג פֿון סדום איז געקומען און זיך געבעטן בײַ אַבר־המען: „באַפֿרײַער, מעכטיק ביסטו! צוועלף יאָר האָבן מיר דעם שונאס יאָך גע־טראָגן און אויפֿן דרײַצנטן זײַנען מיר אויפֿגעשטאַנען קעגן אים, אָבער אונד־זער האַנט איז שוואַך געוואָרן און אונדזערע פּיס האָבן געשטרויכלט. ווען נישט דײַן שטאַרקער אָרעם, וואָלט אונדזער נאַקן ווידער געווען געשפּאַנט אין יאָך. באַוויליק זשע, האַר, און גיב מיר בלויז די לעבנגעבליבענע פֿון סדום און דאָס פֿאַרמעגן נעם דיר!"

האָט אַברהם געענטפֿערט:

„נישט נאָך רויב בין איך געגאַנגען, קעניג פֿון סדום, און דאָס פֿאַר־מעגן פֿון סדום וועט נישט רוען אין מײַן געצעלט. קעגן דעם רויבער האָבן מיר געצויגן מיט דעם שטאַרקן אָרעם פֿון גאָט דעם האַר. כ'האָב אויפֿ־געהויבן מײַן האַנט צום האַר פֿון הימל און ערד, אויב איך וועל אַפֿילו אַ פֿאָדעם און אַ בענדל פֿון אַ שוך נעמען פֿון דעם וואָס איז דײַנס. זאָלסט נישט

קענען זאָגן: איך האָב רייך געמאַכט אברהמען. נאָר דאָס עסן וואָס די מענטשן מיינע האָבן אויפגעגעסן, איז זייערס. סיידן די האָרן, מיינע פריינט אין שלום און אין מלחמה, ווילן אַ חלק, מעגן זיי עס קריגן.״

האָט דער קעניג פון שלם, דער כוהן פון העכסטן גאָט אויפגעהויבן דאָס ברויט מיטן וויין, וואָס ער האָט געבראַכט, און אברהמען געבענטשט:

„געבענטשט ביסטו, האַר פון די עברים, פונעם עלטסטן גאָט, דער גאָט פון הימל און ערד, און געלויבט איז דער עלטסטער גאָט וואָס האָט דיינע שונאים איבערגעגעבן אין דיינע הענט.״

און דאָס גאַנצע פאָלק אַרום האָט מיט פרייד געיובלט: „פאָטער אונד־זערער, האַר, געבענטשט ביסטו!״

און זיי האָבן דאָרט געגעסן און געטרונקען, געטאַנצט און געזונגען און פייערן געצונדן דריי טעג נאָכאַנאַנד, און אויפן סוף פון דריטן טאָג האָבן זיי זיך געזעגנט און יעדערער האָט צו זיין היים געצויגן. און אויך לוט האָט זיך אומגעקערט צו זיין היים אין סדום און געוואָרן ווי איינער פון זיי.

# הגר ווערט אברהמס ווייב

## א

אינעם טאָג ווען אברהם איז צוריקגעקומען פון דער מלחמה מיט דעם קעניג פון עילם, האָבן אויף די בערג אַרום פויקן געהילכט; אויפן וועג וואָס האָט געפירט צו אברהמס געצעלט, זיינען יונגע מיידלעך מיט לאָר־בער קרענץ געשטאַנען און געוואַרט אויף די זיגער זינגענדיק אָן אויפהער איין און דאָס זעלבע לויב־ליד פאַרן באַפרייער פונעם לאַנד:

„מיט די הערנער שטויסט ער זיי,
ווי דער בופלאָקס;
ווי דאָס פייער ברענט ער זיי
און פאַרלענדט;
ווי די מדבר זון פלאַמט ער,
ווי גאָט אַליין, דער האַר!

פריי זיך ווייב
און שאַל מיט שטאָלץ,
לויף מיט ווייַרעך אים אַנטקעגן;
אָט אָ קומט ער,
אָט אָ שפרייזט ער,
דער האַר, דער באַפרייער,
ווי גאָט אַליין".

פאַרנאַכט צו האָט זיך אברהמס מחנה זיך דערנענטערט צו די געצעלטן. אויף אַ ברייטביייניק פעסט אייזל איז אברהם געזעסן אַ גלייכער, אַ רואי־קער. זיין פנים האָט געפלאַמט קעגן דער פאַרגייענדיקער זון און מיט

פאַרזשמורעטע אויגן האָט ער געקוקט אַרום זיך. „אַט זיינען שוין די געצעלטן,“ האָט אַ גרויסע פרייד אויפגעקוועלט אין אים, „וואו דאָס אויג פאַלט, גרינס און גראָז. דאָס קול פון טשערעדעס פאַרגייט נישט אינעם טאָל דעם גאַנצן טאָג. פאָטער אונדזערער, באַפרייער און באַשיצער, האָבן זיי מיך גערופן, מיך דעם פרעמדן וואַנדערער...“

„אַ, האַר“, האָט ער אין עקסטאַז אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ צום הימל און דערזען ווי צווישן צוויי דורכזיכטיק ווייסע וואָלקנס זעצט זיך די זון אַ רויטע, אַ פלאַמענדיקע, און די גליענדיקע שטראַלן פאַרפלאָכטן איינס אין אַנדערן און איבער דעם אַנדערן, פאַרשלינגען און פאַרהוילן די וואָלקנס מיט אַ פלאַקער פון העלזילבערדיקע און פורפורענע פאַרהאַנגען. זיין האַרץ איז פול געווען און אַ דערשטוינטער האָט ער אַ הויב געטאָן די הענט אַזוי, ווי ער וואָלט געוואָלט אַוועקרוקן די גליענדיקע פאַרהאַנגען. „אַ לויב דיר, האַר, וואָס האָסט מיך געפירט ביז אַהער“, האָט אַ תפילה אַרויסגעקוואָלט פון אים. „כ'וועל פאַר דיר אַ מזבח אויפשטעלן אין דעם דאָזיקן אָרט“.

„שטאַרק איז זיין אָרעם, און פייער שפריצט פון זיינע נאָזלעכער!“ האָט זיך קלאָר דערהערט דאָס קול פון די יובלענדיקע מיידלעך, און די גאַנצע מחנה האָט מיט אַ שאַל אַ הילך געטאָן:

מעכטיק איז דער אָרעם פונעם האַר,
ווי דער ווילדסטיר שטאַרק, זיינען זיינע הערנער.“

און באַלד האָט אַ קול פון אַ שופר זיך אַריינגעריסן אינמיטן זינגען און שאַלן פון די מחנות און האָט אויגנבליקלעך פאַרשטילט די קולות אויף אַמאָל. בלויז דאָס אָטעמען פון די בהמות און דאָס קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ, האָט מען געהערט אין דער פלוצימדיקער שטילקייט.

„דער האַר האָט דעם שונא פאַרטריבן.
„אין פרידן וועט רוען דאָס לאַנד!“.

האָבן די מיידלעך זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ ווירבלדיקן עקסטאַטישן רעדל־טאַנץ, באַגלייט פון אַ ציטערנדיק וויברירנדיקן צימבל־קלאַנג.

דאָס פלוצימדיקע שטיל ווערן, האָט אַברהמען איבערגעשלאָגן די מחשבות. ער איז שוין אַזוי געוואוינט געווען צו טומל און געשרייען, אַז ערשט די שטילקייט האָט אים געשטערט צו טראַכטן. האָט ער זיך אַ הויב געטאָן פונעם אָרט און געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דאָ האָט ער דערזען ווי זיין ווייב שרה, און נאָך איר אַ מחנה פרויען, האַלטנדיק אין

דער הויך קרענץ פון ווילדע בלומען מיט גרויסע הערנער אין דער מיט, דערנעענטערן זיך צום אים, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פונעם איזל און איר אַנטקעגנגעלאָפן. אָבער ווי נאָר ר׳איז צוגעקומען נאָענט, זיינען די עלטסטע פון די שכנים מיט וועמען אברהם האָט אַ בונד געשלאָסן, אַרויסגעלאָפן פאַר אים און הויך אויפן קול אויסגעשריגן:

„לויבט דעם האַר מיט דער האַריינטעו!״

„געבענטשט זאָלן זיי זיין״. האָט דאָס גאַנצע פאָלק אַרויסגעיובלט.

שרה האָט אויף שנעל אַ כאַפּ געטאָן דעם קראַנץ און אַרויפגעזעצט אויף אברהמס קאָפּ. און אַלע מיידלעך נאָך איר האָבן געטאָן דאָס זעלבע צו אַלע אַנדערע קריגער. און דאָס קול פון געזאַנג און פרייד האָט זיך צעהילכט און צעטאַנצט אין גאַנצן טאָל. און אָקסן האָט מען געבראַכט און געשאָכטן. דאָס האַרץ און דעם קאָפּ און די נירן האָט מען פאַרברענט אויפן מזבח וואָס אברהם מיט אליעזרן האָבן אויפגעשטעלט, און דאָס פלייש האָט מען גאַנצערהייט געבראָטן און געטיילט דעם צעהוליעטן פאָלק. און צווישן טרונק און טרונק, האָבן זינגערס געזונגען:

„אַ לויב דעם האַר, דעם גיבור אין מלחמה,  
ווי דער בופלאָקס איז ער שטאַרק —  
פייער שפּריצט פון זיינע נאָזלעכער.״

און אויך די טענצערס האָבן זייערס געטאָן. צום ערשטן האָבן זיי געטאַנצט אַליין — צום טאַקט פון דער פויק און אַכט סטרוניקן פידל. ווען ס׳איז טונקעלער געוואָרן האָבן זיי שוין געטאַנצט אין רעדלעך אַרום פייער, און אַז דער עולם איז געוואָרן גאָר פריילעך און זאַט פון טרינקען און עסן. האָבן זיך אַלע שוין אַריינגעוואָרפן אין טאַנץ: מאַן און פרוי, יונג און אַלט האָבן זיך געהאַלטן ביי די אָרעמס, ביי די היפטן, ביי די אַקסלען און ביי די קעפּ, און געדרייט זיך און געהוידעט און געשפרונגען ביז פאַרגעסנקייט, ביז דער גאַנצער טאָל האָט זיך מיטגעדרייט מיט זיי, און די בערג אַרום זיינען אויך אַריינגעצויגן געוואָרן און מיטגעציטערט און מיטגעליאַרעמט מיטן רעשן פון די זינגער:

ווי די ציגן, שפּרינגען בערג,
פאַר זיין צאָרן;
ווי דער האָז לויפט דער שונא
פאַר זיין פייער.
האַר אַ לויב צו דיר!
האַר, אַ קרוין פאַר דיר!"

און אויך די פייערן האָבן זיך מיטגעטוקט און פאַרפלאָכטן אינעם טאַנץ, זיך צעצונדן, צעפלאַקערט און געצישעט. ווי אַ גליאיק, געפלעקטע שלאַנג, האָבן שנורן פונקען זיך געהויבן אין דער הויך און צעשאָסן געוואָרן איבער די קעפ ווי אַ האָגל פון רויטע אויגן. האָבן טענצער די קעפ געהויבן און מיט די הערנער און לאַרבער קרענץ געכאַפּט די רויטע פונקען און ווייטער זיך געיאָגט אין טאַנץ און איבערן פייער געשפּרונגען; די מעסערס געטונקען אין די פלאַמען און אין מויל גענומען, איז פלאַם און מעסער און מויל פון מענטש איין צעפלאַקערטע צונג געוואָרן, און רויט געפאַרבט אַלע פנימער אין דעם טונקל פון דער נאַכט.

אַזוי אַ גאַנצע נאַכט, און ווען דער פרימאָרגן האָט פון די בערג אַראָפּגעקוקט אין טאָל אַריין, זיינען די פייערן שוין געווען פאַרלאָשן און מיט שלאָף האָט געאָטעמט פון אַלע זייטן, פון די פאַרמאַטערטע איינציקע פאַרלעך וואָס זיינען געלעגן דאָ און דאָרט, און פון יעדן פעלדז און גרויען געצעלט אַרום.

## ב

אינעם טומל און געפילדער פון די יובלענדיקע מחנות, האָט קיינער נישט באַמערקט ווי שרה האָט אַרויסגענומען אברהמען פונעם געזעמל און פאַרשוואונדן מיט אים אויף יענער זייט באַרג.

„ברודער מיינער און הערשער," האָט זי אים אין אויער אַריינגעפּליס־טערט. „פאַרגיב, וואָס כ'האָב דיך צוגענומען פון דער פרייד פון די מחנות. עס גליווערט מיין לייב אינעם פרייד פון געזעמל. מיין אויער פאַר־נעמט נאָר געשפּעט אין זייער יובל, ווייל טרוקן ווי די הייל דאָ און ליידיק, האָט גאָט מיך געמאַכט. וויסט און טריב איז אונדזער געצעלט."

„שרה," האָט אברהם אַ פאַרציטערטער, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר מויל, „וואָס רעדסטו, האַרינטע, אונדזער געצעלט איז דאָס ליכטיקסטע פון אַלע געצעלטן, ווייל דו, דער שענסטער איידלשטיין פון לאַנד כנען וואוינסט אין אים... נאָר כבוד און ליבשאַפט טראָגן די קינדער פון לאַנד צו דיר, האַרינטע פון די עברים".

„דיין גענאָד, ווי די זון אין פרימאָרגן," האָט שרה אים איבערגע־ריסן אין מיטן, באַפרייענדיק איר מויל פון זיין האַנט, „פאַרגיב מיר אָבער, וואָס איך קען שוין מער נישט שווייגן. עס ווערט פינצטערער מיין אויג מיט יעדער ווייסער האָר אויף מיין קאָפּ. צאָרן נישט, האַר, אויף מיינע רייד, כ'בין שוין איבערפול מיטן וויסטן צער פון אַ ליידיקער טראַכט. כ'בין שוין אויך אין טעמפּל פונעם העכסטן גאָט געוועזן. געררייכערט ווייררויך, און דאָס הייליקע וואַסער ביים שיין פון לבנה געטרונקען. כ'האָב שוין אויך דעם ליבע וואָרצל אויפגעגעסן מיט דער ערד. דאָס ביינדל פון אַ יונגע טויב, גערייניקט אויף גאָטס מזבח, האָב איך גאַנצע צוועלף לבנות אויף מיין האַלדז געטראָגן און בין נאָך אַלץ נישט אויפגעריכט געוואָרן. מיין טראַכט איז פאַרשלאָסן און פינצטער איז מיין וועלט. פאַרמיטן איז נאָך אַלץ די פרייד פון אַ קינד אין אונדזער געצעלט. הער מיך צו, איך בעט

דיך,” האט זי אים אנגענומען ביי די הענט און נישט געלאזט גארנישט זאגן, „כ׳מוז אויסרעדן אינגאנצן; ס׳האט שוין אויסגעטריקנט די טרער אין מיין אויג, ביסט דאך איידל אין דיין גוטסקייט צו מיר, פארגיב זשע וואס מיין פיין און שרעק האט מיך געטריבן דיר נאכצוקוקן ווען דו האסט זיך דערווייטערט פון אלעמען נאכן אפשיידן זיך פון לוטן. ווי אן עלנט מויל־אייזל האסטו געבלאנקעט אין פעלד. מיין לייב האט געגליווערט פון שרעק און ווייטיק. דיין עלנט האט מיך מער געשראקן ווי מיינער. איך וויס דאך, אז דו ביסט געבענטשט. ס׳איז דא קראפט אין דיינע לענדן, אברהם, יונגשאפט אין דיינע ביינער, טו זשע מיר און דיר צוליב און בוי דיין געצעלט מיט אן אנדערער, וואס איז געבענטשטער פון מיר...”

„הארינטע, שענסטע פון די פרויען,” האט אברהם א ציטערנדיקער א כאפ געטאן שרהן ביי די הענט. „פארוואס פארשעמסטו דעם טאג פון גרויסן זיג? ווען כ׳האב בייטאג דיך דערזען, האט מיין פנים אויפגעלויכטן ווי אין יענעם טאג, ווען כ׳האב דיך ס׳ערשטע מאל געזען ביים ברונעם פון מיין טאטנס הויז און געפרעגט: „וועסטו גיין מיט מיר אין וויטן וועג, איידלשטיינ?” און דו האסט געענטפערט: ‚דיין וועג איז מיין וועג.‘ פאר־וואס ווילסטו מיך פארלאזן? דעם גאנצן מדבר האסטו מיט מיר דורכ־געשפאנט ווי א געטריי קעמל. מיין הארץ איז פול מיט ליבשאפט צו דיר ווי א לאגל קוואליק וואסער. זאג, פארוואס ווילסטו מיך פארלאזן? ווייסט שרה,” האט ער זי גענומען גלעטן און איינגערוימט א סוד, „כ׳האב א בתד געשלאסן מיטן הער. אין דער נאכט אידער כ׳בין אוועק ראטעווען לוטן, האב איך אין שווערן דרימל געהערט דעם צוזאג: „ס׳וועט דאס גאנצע לאנד זיין פול מיט אונדזערע קינדער, ווי די שטערן אין הימל פיל, ווי דאס זאמד ביים ברעג ים. געבענטשטע זיינען מיר אין געבענטשטן לאנד.”

„יא, הער, כ׳וויס אז דו ביסט געבענטשט וואו נאר דו קערסט זיך, זאל זשע פאלן מיין הייס געבעט אויף דיין איידל הארץ. נאר איין מיטל איז מיר נאך געבליבן צו פרואוון. העלף מיר אריינברענגען די ברכה אין אונדזער געצעלט: אט איז הגר, די דינסט וואס דער קעניג פון מצרים האט מיר געשענקט, נעם זי אריין אין דיין געצעלט. זי איז יונג און שיין ווי א גאזעל, זאפטיק ווי אן עפל פון עדן און ווי א שוועסטער איז זי מיר. נעם זי, הער, און זאל דאס פריילעכע קול פון א קינד קלינגען און דיין געצעלט, אפשר וועט דיין גאט אויך מיך געדענקען צוליב איר.” האט שרה מיט

טרערן געבעטן.

אַן אומרואיקער, האָט אברהם זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און זיך דערנענטערט צום אַרויסגאַנג פון הייל.

„ווער האָט דיר די עצה געגעבן?״ האָט ער הייזעריקלעך געפרעגט.

„ס׳איז דער מנהג אַזוי אין דעם לאַנד,״ האָט שרה אים נישט אָפּגעלאָזט און אָנגעכאַפּט דעם זוים פון זיין קלייד. „דאָס קינד פון דער דינסט געהער צו דער האַרינטע ביז זי ווערט אַליין געהאָלפן, האַר.״ האָט זי איינגעגראָבן איר קאָפּ אין זיין ברוסט און פאַרצאַפּלט געקלאָגט. „שטאַרק מיך אין מיין עלנטקייט. וואו וועל איך גיין אָן דיר! נאָך איין לבנה וועט פאַריבער און ס׳וועט פול ווערן דאָס צענטע יאָר פון אונדזער זיין דאָ אין לאַנד, נאָר אַ קינד קען מיך ראַטעווען פון פאַרלאָזנקייט. שוין לאַנג אַז איך האָב פון דעם געטראַכט, נאָר איך האָב אַלץ געהאָפּט און געוואַרט. (*) אָבער היינט בייטאָג ווען איך האָב דיך געזען זיצן אויפן איזל אַ שיינעּנדיקער; די מחנות האָבן געיובלט מיט פרייד: „פאָטער אונדזערער, באַשיצער,״ האָבן זיי דיך גערופן. די הענט האָבן זיי געשטרעקט צו דיר און דו ביסט געזען אויף דיין איזל און געשוויגן, האָט מיין לייב אויפגעציטערט. איך האָב געהערט קלאָר ווי דו רעדסט צו מיר מיטן שווייגן, פונקט ווי דער כוהן אין הייליקן טעמפל וואָס האָט אַרויסגעלייענט מיינע מחשבות: „די ברכה דאַרף מען קענען אַריינברענגען אין געצעלט״... העלף מיר, אברהם! ווי אַ מאַמע וועל איך זיין צום ביי געבאָרענעם. פאַר וואָס שווייגסטו, האַר? טו אָפּ דאָס געשפּעט פון לייט פון מיינע אויערן. לאָז מיך נישט צו שאַנד״.

„האָרך זיך איין, שרה,״ האָט אברהם זי געגלעט און באַרואיקט. עס קען נישט גרייכן קיין געשפּעט צו דער שענסטער פון די עברים. עס וועט נישט זיין צו שאַנד די האַרינטע פון מיין הויז. עס איז רעכט ווי דו זאָגסט, און זאָל דער גאָט וואָס האָט מיך געהיט ביז אַהער צוזען דייך לויטער האַרץ און דערפרייען דיין געמיט.״

---

(*) לויטן מנהג, האָט דער מאַן געקענט, טייל זאָגן: געדאַרפט אַוועקשיקן די פרוי אָן באַלוינונג, אויב עס איז אַריבער צען יאָר נאָך דער חתונה און זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט.

„קום,“ האָט שרה אים ראַפּטום אַ שלעפּ געטאָן פון דער הייל אַרויס, „איך האָב אַלטן ווייַן צוגעגרייט פאַר דיר אין דייַן געצעלט. מיט עפּל זאַפּט און נאַרד האָב איך דייַן געלעגער באַשפּריצט. אייל זיך איידער דער מאָרגנשטערן ווערט בלאַסער און ברענג די ברכה אין אונדזער געצעלט.

שווייגנדיקע, זייַנען זיי ביידע געגאַנגען אין די טיפע גראָזן. פון ווייטן האָט זיך געטראָגן דאָס פריילעכע געזעמל פון די יובלענדיקע מחנות, נאָר זיי האָבן עס נישט געהערט. די לעצטע ברענענדיקע פייערן האָבן געפּאַרבט דעם הימל מיט גליענדיקע צונגען, נאָר זיי האָבן די קעפּ נישט אויפגעהויבן און גאָרנישט נישט געזען. פאַרטאָענע אין זיך האָבן זיי זיך געשלייכט אין דער טונקלקייט אויסמיידנדיק צו באַגעגענען זיך מיט די טאַנצנדיקע מחנות.

# ג

אַזוי איז הגר געוואָרן אברהמס ווייב. און ווען עס זיינען אַריבער עטלעכע חדשים און עס איז באַוואוסט געוואָרן, אַז הגר איז פֿאַרגאַנגען אין טראָגן, זיינען די שכנטעס געקומען אָפּגעבן מזל־טוב צו שרהן, ווייל אַזוי איז געווען דער מנהג.

„זאָל די ברכה רוען אין דיינע געצעלטן, האַרינטע—" האָבן זיי זיך טיף געניגט און געבוקט דריי מאָל צו דער ערד, „ווי די מאַמע ערד, ווי דער מאַנדלבוים זאָלן צייטיקן דיינע פֿרוכטן."

האָט שרה זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער שוועל פֿונעם געצעלט וואו זי איז געזעסן און אַריינגעבעטן די געסט מיט פֿריינטלעכע רייד:

„די ברכה קומט מיט אייערע טריט, שכנטעס, דעקט אָפּ אייערע פּנימער און אָטעמט איין דעם ריח פֿון די רייפֿע עפּל מיט וועלכע עס איז אויסגעצירט דאָס געצעלט פֿונעם האַר. קומט און דערפֿרישט אייערע גומענס מיטן וויין וואָס די טאָכטער פֿון מצרים האָט צוגעגרייט."

ווען זיי זיינען פֿאַרטיק געוואָרן מיטן אויסלייגן די מתנות, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד אַרום הגרן וואָס איז געזעסן אין מיטן געצעלט, אויסגעפּוצט אין די שענסטע קליידער און געשוויגן. אַלעמענס אויגן זיינען געווען צו איר געווענדט. נאָר זי האָט אירע אויגן דעקלעך געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט, אַז מען האָט געקענט מיינען אַז זי דרימלט גאָר.

האָבן די ווייבער זי גענומען לויבן און זיך געפּלייסט אַריבערצויאָגן אײנע די אַנדערע ביים אויסרעכענען אירע מעלות. מיט די צערטלעכסטע נעמען האָבן זיי זי גערופֿן: מאָרגנשטערן אין פֿרילינג, זון אין תמוז, לבנה אין מיטן חודש, און נאָך צונעמען וואָס זיינען זיי נאָר אויפֿן צונג געקומען; און ווען די דינער האָבן צום דריטן מאָל שוין דערלאַנגט וויין מיט פֿריש געבראָטן פֿלייש, האָט זייער לויב שוין גאָר קיין גרעניץ נישט געהאַט. צווישן איין שלוק וויין און צווייטן, האָבן פֿאַרגלייכן זיך געיאָגט אײנע נאָך די אַנדערע פֿלינק און געשיקט. קיין איין אבער האָבן זיי נישט דורכגעלאָזט אָן אַ פֿאַרגלייך: ווי גלאַנציקער טוי אין פֿרימאָרגן בלאַנקען אירע ציין; ווי דער באַרג מוריה טורעמען זיך אירע פּלייצעס; ווי דער ווייַנשטאָק און דער עפּלבוים שמעקט איר לייב; ווי געקעמטע שעפּסן וואָל קרויזן זיך אירע האָר, און אירע אויגן ווי שטערן אין דער נאַכט.

אויך שרה וואָס איז געווען פאַרנומען מיט העלפן באַדינען די געסט, איז אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם איילִיקן פלאַפּלען פון די ווייבער וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פריילעכע שפּיל. אויך זי האָט גענומען פאַר־גלייכן די שוויינגנדיקע הגר צו אַ ווייסער לאַם, וואָס איז ערשט פון וואַ־סער אַרויס, צו אַ מילגרוים פול מיט קערנער, און צו אַ ברייטביינִיק אייזל, וואָס איז דער שטאָלץ פון יעדן אַרבעטס־מענטש אין לאַנד. זאַפטיק איז זי און פרוכטבאַר ווי דאָס לאַנד פון וואַנען זי קומט; ווי די מאַמע ערד אין פרילינג, ווי די מילך־קי, די שפּייזערינס פון די קינדער פון געבענטשטן לאַנד...

די גאַנצע צייט איז הגר געזעסן אַ פאַרשלאָסענע איז זיך און מיט קיין אין מינע נישט אַרויסגעוויזן אירע געפילן. פון צייט צו צייט בלויז, האָט זי מיט שטאָלץ געקוקט אַרום זיך, און ווען איר בליק איז געפאַלן אויף שרהן, האָט אַ שפּאָט־שמייכל זיך אויסגעלייגט אויף איר פּנים. קיינער האָט עס אָבער נישט באַמערקט.

און ווען די אונטערגייענדיקע זון האָט מיט רויטן קופּער גענומען פאַרבן די ליילעכער פון געצעלט, איז שרה צוגעגאַנגען צו הגרן, אָנגע־רירט איר אָרעם און הויך אַז אַלע זאָלן הערן געזאָגט: „פאַר וואָס שוויַג־סטו, טאָכטער פון מצרים? ביסט דאָך געבענטשט מיט דער ברכה פונעם האַר. אין זיין געצעלט וואוינסטו און צו דיין קינד וועל איך אַ מאַמע זיין...״

אַ חוזק געלעכטערל איז געווען הגרס ענטפער. שרה איז אַזש בלאַס געוואָרן פאַר ווייטיק און שאַנד. זי האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די ווערטער זיינען איר געבליבן שטעקן אין האַלדז. דערשטוינטע האָבן זיך די ווייבער אַ הויב געטאָן פון די ערטער, אָבער הגר האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי און מיט געמאָסטענע טריט זיך דערנעענטערט צו דער טיר פון געצעלט.

„שכנטעס,״ האָט זי זיך אויף אַן אויגנבליק אויסגעגלייכט און מיט אַ שפּאָטישן שמייכל זיך פאַרנייגט צום געזעגענען, „אַ דאַנק אייך פאַר די מתנות וואָס איר האָט געבראַכט שרהן. זי וועט זיי אודאי פאַר איר ערשטלינג האַלטן... אַ דאַנק אייך אויך פאַר די שיינע רייד פון אייע־רע גלאַטע צונגען. איך מוז זיך איילן איצט. דער האַר וועט באַלד פון פעלד קומען...״

דאָ האָט זיך שרה שוין מער נישט געקענט צוריקהאַלטן: „שוויג, דינסט, ווען די האַרינטע רעדט!‟ האָט זי אינגאַנצן געציטערט און מיט שוים אויף די ליפּן זיך צעשריגן. „ביסט צו מיר געשאָנקען געוואָרן און איך האָב דיך צו דעם האַר געגעבן. ביסט נאָך אַלץ מײַנע, און וואָס דו האָסט איז מײַן!‟

„דעם האַרס געצעלט וועט געבויט און פעסט זײַן מיט מײַן זון, האַרינטע!‟ האָט הגר שאַרף און קריגעריש געענטפערט.

„פאַלשע שלאַנג‟! האָט זיך שרה אַ לאָז געטאָן צו איר. נאָר די ווײַבער האָבן איר דעם וועג פאַרשטעלט. האָט הגר זיך ערשט רעכט צעלאַכט און געחוזקט פון שרהן: „איך בין דעם האַרס איצט. זײַן ברכה איז אין מיר אַנגעגאַנגען, און פאַלש ביסטו אַליין ווי אַ טײַך וואָס נאַרט. פאַר לײַטן בלויז מאַכסטו זיך פאַר אַ ריינע שאָף. לויבסט מיך און ווילסט מײַן זון צונעמען. גלאָט איז דײַן צונג און קענסט פאַרדעקן דעם גיפט. איך בין שוין אָבער מער נישט דײַן דינסט, שרה. איך בין די מאַמע אין דעם געצעלט. איך בין דעם האַרס און דער האַר איז מײַן.‟

ווען הגר איז אַרויס פון געצעלט, האָבן זיך די ווײַבער אײַנציקווײַז אַרויסגערוקט און געלאָזט שרהן אַליין מיט איר צער און שאַנד. פאַר כעס האָט זי גענומען אַרויסוואַרפן די מתנות וואָס די ווײַבער האָבן געבראַכט. און ווען זי האָט זיך דערמאָנט אין די לויב רייד מיט וועלכע זיי האָבן אַלע באַקרוינט הגרן, האָט עס זי גענומען וואַרפן אין היץ און קעלט. זי האָט דערפילט אַ הוילקייט אין האַרץ און אַ שווינדל אין קאָפּ. האָט זי זיך אַ וואַרף געטאָן אויפן דיל מיטן פּנים אַראָפּ אין אַ גליוועדיק וויסטן יאָמער ביז זון אויפגאַנג.

## ד

פון יענעם טאָג אָן איז אברהמס געצעלט געוואָרן פול מיט קריג און בייזע רייד. הגר האָט זיך זייער גרויס געהאַלטן און פאַר אַלעמען אין די אויגן געשפּעט פון שׂרהן. „פאַרדאַרט מויל־איזל, חרובער קוואַל,״ האָט זי גאַנץ אָפן גערופן שׂרהן. האָט זיך עס דערטראָגן צו שׂרהן און זי האָט איר גענומען אָפּצאָלן מיטן זעלבן. וואו זי האָט נאָר געקענט האָט זי הגרן באַליידיקט: „אַנשיקעניש, מצרים־זומפּ, דאָרן פון מדבר,״ האָט זי מיט כּעס גערעדט וועגן איר. די שווערסטע אַרבעטן האָט זי אויסגעזוכט פאַר הגרן, און פּונקט דאַן ווען געסט זיינען געווען אין געצעלט און הגר האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן צווישן זיי. האָט שׂרה זיך געמאַכט פאַרגעסן הגרס נאָמען און איר איצטיקן צושטאַנד, און זיך געשאַפן מיט איר ווי מיט אַ דינסט: „הער נאָר מצרישע,״ פלעגט זי איר שאַרף אַ שטאָך טאָן, „זע נאָר דאָרט צי דער קעז איז שוין גאַנץ געפּרעסט. איל זיך נאָר דאָרט צו די קוילן, ווייל איך פיל שוין דעם ריח פון פאַרברענטן קוכן...״

אין די פאַרנאַכטן, ווען אַלע מיידלעך זיינען מיט די קרוגן אויף די קעפּ געגאַנגען צו די ברינעמער שעפּן וואַסער, פלעגט זיך שׂרה אַוועקשטעלן אויף דער שוועל פונעם געצעלט און רופן הויך אַז אַלע זאָלן הערן: „וואַרט צו אַביסל מיידלעך טייערע, מיין מצרישע וועט אויך מיטגיין מיט אייך, עס טריקנט מיר דער גומען.״ און אַז הגר האָט זיך נישט געאיילט אַרויסצוקומען, האָט שׂרה שוין בייז אַריינגעשריגן אין געצעלט אַריין: „איל זיך דאָך צו, פּעטלייביקע!...״

און עס האָבן זיך געשושקעט און געשטיקט פון געלעכטער אַלע שכנים און אַפילו דאָס אייגענע הויז געזינד פון אברהמען. האָט אברהם זיך געבעטן ביי שׂרהן זי זאָל אָפּלאָזן הגרן און זי נישט פּייניקן, האָט אָבער שׂרה געוויינט און געקלאָגט:

„זאָל גאָט משפּטן צווישן מיר און דיר. צו שאַנד און צו שפּאָט בין איך געוואָרן צוליב דיר און דער דינסט. איך בין גרינג און קליין געוואָרן אין אַלעמענס אויגן און דו שווייגסט.״

און שׂרה האָט אַזוי לאַנג געוויינט פאַר אברהמען ביז ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און צו איר געזאָגט: „עס איז דיין

דינסט און דו האָסט זי מיר געגעבן. נעם דיר זי צוריק און טו מיט איר ווי דו פאַרשטייסט.״

אויף צו מאָרגנס, האָט שרה אַרויסגעשיקט הגרן פון איר אייגן געצעלט. ,,גיי דיר צוריק צום געצעלט פון די דינסטן. דאָרט וועסטו אַרבעטן און עסן, און מיט זיי וועסטו שלאָפן, ווייל אַזוי וויל דער האַר...״ האָט זי איר געוויזן די טיר.

,,לײדיקער ברונעם,״ האָט זיך הגר אַ וואָרף געטאָן אויף שרהן ווי אַ ווילדע קאַץ און זיך איינגעפלאָנטערט אין אירע האָר. אויף זייערע געשרייען איז אָנגעלאָפן אליעזר און ארויסגעשלעפט הגרן פון געצעלט קוים אַ לעבעדיקע.

# ה

אַ גאַנצע וואָך נאָכדעם האָט מען הגרן אין ערגעץ נישט געקענט געפינען. אומזיסט האָט אליעזר זי געזוכט אין די בערג אַרום. עס זיינען צוריקגעקומען מיט ליידיקן די דינער וואָס אברהם אַליין האָט אַרויסגעשיקט זי זוכן. קיינער האָט נישט געוואוסט וואו זי איז אַהינגעקומען.

אַ שטומקייט און אַ טרויער איז באַפאַלן די געצעלטן. אברהם האָט זיך נישט געוויזן. צווישן די בערג האָט ער אַרומגעוואַנדערט און געזוכט אירע שפורן, און אַפילו שרהן איז אַ שרעק באַפאַלן ווען זי האָט געהערט פון הגרס פאַרשווינדן. זי האָט זיך געשעמט אַרויסצוקומען פון געצעלט ביימאָג און געציטערט אַנטשלאָפן צו ווערן ביינאַכט, ווייל ווי נאָר זי האָט די אויגן צוגעמאַכט, האָט זי דערזען הגרן אַ געבויגענע אין דרייען קריכן אין זאַמדיקן מדבר. מיט די לעצטע כוחות קריכט זי און פאַלט אַוועק מיטן זעלבן יאָמער, ווי זי אַליין איז געפאַלן אין יענעם טאָג פון ערשטן קריג צווישן זיי.

אַזוי האָבן זיך געצויגן זיבן נעכט ווי אייביקייטן, ביז אין דער אַכטער נאָכט האָט זיך שרה אויפגעכאַפּט פון שלאָף אַ ציטערנדיקע און באַגאָסענע מיט אנגסטן. זי איז געווען איינע אַליין אין געצעלט. דורך אַ שפּאַלט פון אַ פאָרהאַנג האָבן ווייסע שטערנדלעך אַריינגעקוקט אין געצעלט אַריין. האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיי ווינקען צו איר מיט שפּאָט און געבייזער; ציען זיך אויס ווי שלאַנגען מיט אָפענע מיילער, פונעם הימל ביז צו אירע אויערן און צישען מיט גיפט: „צוליב דיר איז זי טויט, שרה, און אויך דאָס קינד, די ברכה פון גאָט, וועלן די שאַקאַלן אויפפרעסן. האָסט אַ קללה געבראַכט אויף דעם געבענטשטן פון גאָט. וועסט שוין נישט געבויט ווערן, שרה...״

פון שרעק איז איר דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן, אָבער בלויז אַ קורצע ווילע איז זי געלעגן ווי געליימט, ווייל באַלד האָט זי שפּרונג געטאָן פון געלעגער אַראָפּ, און האָט זיך איינגעהילט אין איר ווייסן שלעפּקלייד און ווי אַ נאַכט וואַנדלערין אַרויס פון געצעלט. „איך וועל אויך אַוועק אין דער מדבר,״ האָט אַלץ אין איר געיאָמערט.

זי איז אָבער אָפּגעגאַנגען קוים צען טריט פון איר שוועל ווי זי איז געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צו דער ערד. פון ערגעץ גאָר נאָענט, דאַכט זיך פון הינטער דעם בוים וואָס אברהם האָט געפלאַנצט, האָט זיך געטראָגן אַ קרעכצן. און איידער זי האָט נאָך געקענט אָפּרייסן די פיס פונעם אָרט, האָט אַ קוויטש פון אַ נאָר וואָס געבוירן קינד אויפגעציטערט די

שטילקייט פון דער נאַכט.

„גאָטס בענטשונג," איז זי מיט אַ שוועב געווען לעבן בוים און אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פון די הענט פון דער פאַרמאַטערטער הגר. „ביסט געבענטשט שוועסטער," האָט זי געפּליסטערט און אירע אויגן האָבן זיך געעפנט ווי אַ קוואַל. „זיי מיר מוחל!"

„דו, האַרינטע?" האָט הגר קוים געשעפּטשעט. „נעם אים נישט צו פון מיר," האָט זי אונטערטעניק געבעטן און טרערן האָבן זיך פון זיך אַליין געגאָסן פון אירע אויגן.

„בענטש מיך אויך, שוועסטער געבענטשטע!" האָט שרה מיט דער צונג געלעקט דאָס וואַרעמע בלוט אויפן קינדס לייב. „בענטש מיך הגר!"

מיט די לעצטע כוחות האָט הגר אויפגעהויבן איר רעכטע האַנט און אַרויסגעשעפּטשעט „זאָל גאָט דער האַר דערהערן דיך און דיין געבעט!"
„גאָט וועט דערהערן," האָט שרה מיט טרערן איר נאָכגעזאָגט און געלאָפן רופן די דינער אַריינצונעמען הגרן מיטן קינד אין איר געצעלט אַריין.

## וו

נאָכדעם איז הגר קראַנק געווען עטלעכע וואָכן, און די גאַנצע צייט איז שרה אַרומגעגאַנגען אַרום איר, זי באַדינט און זיך אָפּגעגעבן מיטן קינד. „גאָט וועט דערהערן" האָט זי גלויביק און זיכער געשעפּטשעט ווען זי האָט זיך צוגערירט צום יינגל. זי האָט שוין מער נישט געפילט קיין קנאה צו הגרן, אַ זיכערקייט איז געוואַקסן אין איר, אַז דאָס קינד האָט אויך איר געבראַכט גליק. „די ברכה פון גאָט איז אין געצעלט" האָט זי אין זיך געפּרעפּלט, „און אויך איך וועל געהאָלפן ווערן."

זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט יינגער און שטאַרקער, און ווען זי האָט געזען ווי הגר הייבט זיך אָן פילן בעסער און קען שוין אַליין זיך אָפּגעבן מיטן קינד, איז זי אַ גליקלעכע געלאָפן אנזאָגן אברהמען די בשורה.

„גאָט וועט דערהערן," האָט זי מיט פרייד אים געוויזן דאָס קינד ווי נאָר ער איז אַריין אין געצעלט. „די ברכה פונעם האַר איז מיט אונדז. רוף אים ביים נאָמען..."

„ישמעאל," (גאָט וועט דערהערן), האָט אברהם גענומען דאָס קינד און עס געגלעט און צוריקגעגעבן צו הגרן.

„י ש מ ע א ל," האָט הגר אַ גליקלעכע גענומען דאָס קינד און

טרערן ווי קיילעכדיקע פּערל האָבן געבלישטשעט אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן.

עס איז געווען שטיל אין געצעלט און רואיק, און פרייד האָט געריט אין אַלע ווינקלען, האָט הגר געלאָזט אירע טרערן רינען פריי אויף איר פאַרפלאַמט פּנים און מיט אַ שעפּטש גענומען דערציילן וואָס זי האָט איבערגעלעבט די זיבן טעג און נעכט אין דער מדבר. דערציילנדיק, איז איר פּנים געוואָרן לויטערער און אירע אויגן זיינען ווי גרעסער געוואָרן, און פאַרגאַפטע זיינען אברהם און שרה געשטאַנען לעבן איר און עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי זעען מיט די אייגענע אויגן דאָס וואָס זי האָט געזען.

„פאַרנאַכט צו בין איך אָנגעקומען אַהין,” האָט זי געשעפּטשעט און אירע אויגן האָבן געקוקט ווייט אַריבער שרהן און אברהמען, „פון הונגער און פון דורשט זיינען מיינע אויגן פאַרנעפּלט געווען. האָב איך דעם וועג צום קוואַל נישט געקענט געפינען. די שאַקאַלן האָבן ווייט אין די זאַמדן געוויינט און אַזוי האָט אויך געוויינט מיין לייב. האָב איך זיך אויסגעצויגן אויפן זאַמד און דערהערט דעם רויש פון נאָענטן קוואַל און אַ קול האָט מיך געוועקט: „הגר, שרהס דינסט, פון וואַנען קומסטו און וואוהין גייסטו?” האָב איך געענטפערט: „פון מיין האַרינטע, שרה, אַנטלויף איך,” האָט ער צו מיר גערעדט און געזאָגט: „זע, דו ביסט טראָגעדיק און וועסט אַ זון געבוירן. קער זיך אום צו דיין האַרינטע און בייג זיך אונטער איר האַנט ווייל גאָט האָט צוגעהערט דיין פּיין.” „האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צו זען דעם מלאך פון גאָט און ערשט דער קוואַל איז לעבן מיר. האָב איך זיך אָנגעטרונקען מיטן קוואַליקן וואַסער און דערפרישט געוואָרן. און עס האָט זיך אָפּגעטאָן דער נעפּל פון מיינע אויגן, האָב איך אים געזען און געזאָגט: „זע איך דיך טאַקע אויך דאָ, האַר פון זעאונג? פיר מיך צוריק אַהיים.” האָט ער צו מיר געזאָגט: „זאָלסט רופן זיין נאָמען: ישמעאל, ווייל געהערט איז דיין פּיין, און ער וועט זיין ווי אַ ווילד מדבר אייזל נישט צום צאַמען און צו אַ גרויס פאָלק, וואָס וועט נישט געציילט ווערן פון פילקייט.” „געבענטשט איז ער אין געבענטשטן לאַנד.”

האָט אברהם נאָך אַמאָל גענומען דאָס ייִנגל אויף דער האַנט, און שרה, אַ פאַרטאָענטע איז זיך, האָט אים אַרויסגענומען פון אברהמס האַנט און צוגעדריקט צום האַרץ שעפּטשנדיק אין זעלבן טאָן וואָס הגר: „גאָט וועט דערהערן מיין פּיין...”

„גאָט וועט דערהערן,” האָט הגר איר נאָכגעזאָגט און גענומען איינשטילן דאָס קינד וואָס האָט פּלוצים אָנגעהויבן וויינען פון הונגער.

# און שרה האָט געלאַכט

## א

...און ס׳איז געווען, אַז ס׳איז געקומען די צייט פון ישמעאלס קומען צווישן מענטשן, האָט הגר זיך אויסגעפּוצט אינעם ווייסן שלייער, וואָס אברהם האָט איר געגעבן ווען ישמעאל איז אנטוויינט געוואָרן; האָט גענומען דאָס פּייקל פון הירשן־פעל, וואָס אליעזר האָט געשענקט ישמעאלן ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעקומען צו די טשערעדעס, און אין איין פאַרנאַכט אַרויסגעאײַלט מיט ישמעאלן צום קוואַל צופיסנס פון די בערג.

„אײדער די זון לעשט זיך אויס און די שאָטנס פון דער נאַכט קומען אָן, וועלן מיר דאָ דעם האַר באַגעגענען,״ האָט זי שטיל אַרײַנגערעדט אינעם יינגל און געפלאָכטן זיינע האַר אין צעפּ. „זיבן לאָקן זיינען דיר אויסגעוואַקסן, קינד מיינס, און זיבן זיינען די טעג פונעם האַר. זאָלסט אים אַנטקעגנאײַלן זיבן געציילטע שפּאַן, און זיבן מאָל אויפן פּייקל דרימפּלען:
„אָט בין איך האַר, לאָמיך געפינען חן אין דיינע אויגן!״

האָט ישמעאל איר נאָכגעזאָגט מיטן זעלבן טאָן און צוגעגעבן די ווערטער וואָס אליעזר האָט אים אויסגעלערנט: „מיינע אָרעמס זיינען שטייף שוין און דער קאָפּ געלאָקט. קוק אויף מיר פאָטער, און שטעל מיך ביי דיין רעכטער זייט, אײדער דער טאָג פאַרגייט.״

„אײדער דער טאָג פאַרגייט, וועט דער האַר די אָרעמס אויסשטרעקן, דאָס פּייקל צונעמען און דיר אַ בויגן געבן, די ברכה פונעם האַר צו היטן. הערסט מיך, בכור פון אברהמס געצעלטן? אַ בויגן־שיסער וועסטו זיין. דער שטאַרקער אָרעם פונעם האַר פון די עברים. הייב אויף דיינע אויגן און זע; פאַר דיר, — אַ פעלד אין גראָזן, הינטער דיר און ביי די זייטן, — דער גליענדיקער

מדבר וואָס דער האַר האָט פאַרלאָזן. דאָרט איז די היים פונעם ווילדן אָקס און ברייטן האָרן. הערסט? — די טשערעדעס קערן זיך שוין אום פונעם פיטער־פּלאַץ. דיין בויגן וועט זיי היטן פונעם ווילד־געווילד און — — —״

„עמיץ קומט אָן, מוטער,״ האָט ישמעאל דערזען אַ פאַרהילט געשטאַלט דערנעענטערן זיך צו זיי.

„שטאַרק זיך, קינד, ס׳איז דער אויף וועמען מיר וואַרטן, ס׳איז דער האַר אַליין, וואָס איילט צו זיינע געצעלטן, שרעק זיך נישט קינד, ס׳איז זיין האַרץ וואַרעם און צום גוטן גענייגט אויף דיר און אויף מיר. זע, זיינע לאָקן ווי געשמידטער קופּער אין דער זון. אַזוי וועלן אויך דיינע זיין, מיין זון, איל אים אַנטקעגן,״ האָט זי אים אַ שטופּ געטאָן פון זיך. ישמעאל איז אָפּגעשפּרונגען אַ פּאָר טריט פאָרויס און געבליבן שטיין אַ נישט זיכערער.

„לויף אים אַנטקעגן, הירשעלע מיינס, איידער דער טאָג פאַרגייט און די זון לעשט זיך אויס. ער וואַרט אויף דיר.״

„כ׳גיי דיר אַנטקעגן, האַר, כ׳פאַל אויפן פּנים פאַר דיר, געביטער פון אונדזער געצעלט,״ האָט ישמעאל פּאַמעלעך זיך גערירט פון אָרט און גענומען אַנטקעגנגיין אברהמען. הינטער אים איז הגר נאָכגעגאַנגען און נאָכגעזאָגט די זעלבע רייד, אַזוי אַז מ׳האָט נישט געקענט וויסן ווער עס הייבט אָן און ווער עס זאָגט נאָך. „איידער די שאָטנס שווימען אַרויס פון הינטער דער זון און איידער די נאַכט קומט אָן פון איר באַהעלטעניש, לאָמיך געפינען חן אין דיינע אויגן. מיין האַנט אין דיינער,״ האָבן די רייד אַלץ מערער געקלונגען ווי אַ תפילה צו עמיצן וואָס איז פאַרהוילן און וויט, גאָר וויט פון זיי; און מערער נאָך ווי מיט די רייד, ווילן זיי אים צוציען צו זיך מיט דעם בעטנדיק־גלעטנדיקן קול און ניגון.

„וואַרט אויף מיר אין מיטן פעלד!״ האָט ישמעאל אָנגעהויבן פויקן אויפן פּייקל.

„אין מיטן פעלד, ביי די טשערעדעס!״ האָט הגר אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס און מיט אַ געבויגענעם קאָפּ זיך געשטעלט פאַר אַברהמען, וואָס איז געשטאַנען און געוואַרט אויף זיי.

„זיבן, זאָגט דאָס קול פון פּייקל און זיבן זיינען זיינע לאָקן. ער איז אין גאַנצן דיינער, האַר. אַ יונג אייזל אין דיין טשערעדע.״ האָט זי זיך דריי מאָל געבוקט מיטן פּנים צו דער ערד.

„אַט בין איך, פֿאָטער, האָסט דאָך מיך גערופֿן!״ איז אויך ישמעאל געבליבן שטיין פֿאַר אברהמען אָן מורא.

„כ׳האָב דיך גערופֿן, מיין קינד, ביים נאָמען: דאָס ערשטע קעמל פֿון מיין הויז און דער ערשטער היטער. איידער די זון לעשט זיך אויס און איידער די שאָטנס פֿון דער אונטער־ערד קומען אָן, רוף איך דיך נאָך אַמאָל ביים נאָמען: ישמעאל, דער ערשטער ביי זיין מאַמען! מיין האַנט אין דייַנער. זאָלסט פֿון איצט אָן מיט די יונגען זיין ביי די טשערעדעס, און אונדזער שפּייזער אליעזר וועט זיין אויג האָבן אויף דיר צו גוטן.״

ווען אברהם האָט גערעדט, האָט ישמעאל געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגע־בויגן, ווי דער מנהג איז ווען דער פֿאָטער זאָגט דאָס וואָס דאַרף געזאָגט ווערן אין דער שעה.

„כ׳טו אָפּ פֿון דיר דיין קינדער־פֿויק און גיב דיר איבער דאָס פֿאַסטעך־פּייפֿל מיטן שוף־בויגן. צווישן די יונגען וועסטו רוען, צווישן די קינדער פֿון אונדזער הויזגעזינד.״

„די זון לעשט זיך שוין, האַר, די ווייסע קרוין פֿון חרמון איז אין גאַנצן אין שאָטן שוין,״ האָט אליעזר זיך דערנענטערט און איבערגעגעבן אברהמען אַ פֿאַסטעך־פּייפֿל געמאַכט פֿון רויטן ליים און אַן אָנגעצויגענעם בויגן.

„מיינע אָרעמס, פֿאָטער, זיינען געשטייפֿט שוין און מיינע פֿינגער פֿלינק און שטאַרק,״ האָט ישמעאל אויסגעשטרעקט די הענט צו אברהמען. „מיין לינקע, האַלט דעם בויגן פֿעסט און מיין רעכטע, ציט און שיקט די פֿייל אין ציל. זע, שאַרף איז מיין אויג אי צו צפֿון, אי צו דרום. פֿלינק ווי דער ווינט אין מערב און קלאָר ווי די זון אין מזרח.״

„רעדסט וואויל, הגרס זון,״ האָט אברהם ליבלעך אַ קוק געטאָן אין הגרס זייט און געגלעט ישמעאלס געלאָקטן קאָפּ. „דאָס פֿאַסטעך־פּייפֿל וועט דיין קול אין די בערג טראָגן און דיין בויגן וועט דיר ביישטיין.״

„דער היטער פֿון די טשערעדעס וועט ער זיין, ביי זיין פֿאָטערס זייט,״ האָט הגר, אינעם פֿריערדיקן טאָן, הויך גערעדט און גענומען דעם בויגן פֿון אברהמס האַנט און אָנגעטאָן ישמעאלן אויפֿן אַקסל. „אַ היטער און אַ שפּייזער אין די געצעלטן וואָס דער האַר האָט געבענטשט,״ האָט זי אים צוגעדריקט צו זיך און געקושט אין קאָפּ.

„דיין האַנט אין מיינער, ישמעאל, מיין האַנט אויף דיין דיך. עס וועט די ברכה רוען אויף דיין בויגן ווי אויף באַפֿרוכפּערטער ערד, אויב דו וועסט

מיט באַרעכנטקייט אַרומגיין אין לאַנד פון דיינע ברידער.״

„פון יענער זייט טייך איז דער האַר געקומען,״ האָט אליעזר הויך אויפגעהויבן דעם קרוג מיט וואַסער וואָס ער האָט נאָר וואָס אָנגעשעפּט פונעם קוואַל, „פונעם לאַנד פון די קאַלך־אויוונס און בויגן־טרעגער, דאָס לאַנד פון הויכע טורעמס און בייז־געררייד. הויך זיינען די בערג דאָרט וואָס פאַרשאָטענען דעם שיין פון דער זון. האָט דער האַר אויפגעהויבן זיין אויג צו די טורעמס האָבן זיי מיט בייז געענטפערט, האָט ער געניגט זיין אויער צום טאָל, איז פון דאָרט געשפּעט געקומען: גיי זיך, גיי זיך, אייל פון דאַנען, מאַן פון שעפּס! ס׳איז דאָס לאַנד דאָ טרוקן פאַר דעם וואַנדערער און פאַרשטאָפּט די קוואַלן פאַרן נאָכגייער פון די טשערעדעס. האָט דער האַר געאײלט פון לאַנד פון שאָטן און בייז־גערייד, און פיילן האָבן אים נאָכגעיאָגט ביזן לאַנד פון גרין־גראָז און אָפענע קוואַלן. געבענטשט איז דאָס לאַנד דאָ מיט דער ברכה פונעם האַר. די פייל פון פיינט גרייכט נישט אַהער און דאָס בייז־גערייד איז אַנטשטומט. די ברכה פון האַר איז די ברכה פון גאָט, ישמעאל, מיט די יונגען וועסטו וואוינען און היטן די בענטשונג פון גאָט דעם האַר.״

אָפּזאָגנדיק זיינס, האָט אליעזר דערלאַנגט דעם קרוג צו אברהמען און זיך צוריקגעצויגן פונעם פעלד הינטערוויילעכטס.

„טרינק מיין זון פון דער ברכה פון דער ערד,״ האָט אברהם צוגעטראָגן די קרוג מיט וואַסער צו ישמעאלס ליפּן, „געבענטשט איז דאָס לאַנד דאָ, ווי גאָטס טייך, דער טייך פון מצרים. די ברכה דאַרף געהיט ווערן. הערסט, מיין זון,״ האָט ער אַלץ העכער געהויבן דאָס קול, „כ׳האָב אויפגעהויבן מיין האַנט און געשלאָסן אַ בונד מיט די קינדער פון דעם לאַנד. היט דיין בויגן פון אָנצורירן די ברכה פון דעם לאַנד. דעם גאַנצן מדבר האָב איך דורכגעשפּאַנט איילנדיק פון נמרודס פייל. אַ יעגער איז ער און אַ בויגן־שיכער. זיין פייל איז פאַרסמט און טראָגט די קללה אויף איר שפּיץ. זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט און זיין טורעם פול מיט רויב. היט זיך, ישמעאל! אַן אייביקע מלחמה איז צווישן טורעם און געצעלט, צווישן מיר און אים. געצעלט־וואוינער זיינען אונדזערע עלטערן פון אייביק. אַ שפּייזער און אַ היטער זאָל דיין בויגן זיין, מאַן פון שעפּס און לאַנד. דער וואַנדערער און פון פייל געיאָגטער, זאָל ביי דיר אַ היים געפינען ווי איך דאָ אינעם לאַנד פון מילך און האָניק. אָפן זאָלן די קוואַלן זיין און פריי ווי דאָס

גראָז פון פעלד און טוי פון הימל וואָס דער האַר שיקט אין זיין צייט. כ׳האָב אויפגעהויבן מיין האַנט, אַז ווער עס וועט פעלשן און די קוואַלן פאַרשטאָפּן, זועט דער מדבר אים צוריק פאַרשלינגען. די ברכה וועט אָפּגעטאָן ווערן פון אים און פון זיין מוטערס הויז. טרוקן וועט זיין ברונעם זיין און זיין בלוט וועט געגאָסן ווערן ווי דאָס וואַסער פון קרוג,״ האָט אברהם געקוקט ישמעאלן גלייך אין די אויגן אַריין און געשפריצט דאָס וואַכער פונעם קרוג אַרום זיך און אַרום ישמעאלן מיט הגרן.

„בלוט,״ האָט הגר אין איינע שרעק אַ שעפּטש געטאָן דערזעענדיק די זון פאַרגיין בלוטיק רויט.

„האַר!״ האָט ישמעאל אויסגעהאַלטן אברהמס בליק און אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו אברהמען, „כ׳האָב געפונען חן אין דיינע אויגן. כ׳האָב געהערט דיין קול און געזען דיין אויפגעהויבענע האַנט. אַזוי וועט אויך מיין האַנט אויפגעהויבן זיין און נמרודס פייל וועט צו די געצעלטן נישט גרייכן.״

„זע, די נעפּלען באַדעקן שוין די בערג און די טאָלן,״ האָט אברהם גענומען ישמעאלן און אים אַרויפגעפירט אויף דער סטע.שקע וואָס פירט צו די געצעלטן פון די פאַסטעכער און טשערעדע היטער, „די זון שיינט אויף הויך און נידעריק, די לבנה קילט די נעכט פאַרן וואַנדערער און איינגע־זעסענעם; דער טוי פון הימל פאַלט מיט זאַטיקייט אויף די זאַמדן און אויף דעם אַקער־לאַנד. די האַנט פון האַר טוט דאָס אַלץ כדי מיר זאָלן קענען זיצן אויף דער דאָזיקער ערד. מיטן האַר האָב איך אַ בונד געשלאָסן, מיין קינד,״ האָט אברהם שטיל געפליסטערט, „אַ בונד אין לייב אויף אייביק פאַר אַ צייכן צווישן מיר און אים אינעם לאַנד, וואָס ער האָט געבענטשט. ס׳איז דאָס גראָז דאָ פעט און פיל, די טייכן פול מיט פיש און די בערג מיט ווילד־געווילד. ס׳וועט דיין בויגן געגנוג שפּייז געפינען. געגעבן האָט ער אונדז דאָס לאַנד צו עפענען איר טראַכט און מיט לעבעדיקע קוואַלן דאָס אַקערלאַנד צו באַוואַסערן, דעם דורשטיקן אָנצוטרינקען און די קאַריטעס אָנצופילן. אייל זיך, קינד, די יונגען וואַרטן אויף דיר. זעסט, זיי צינדן שוין די פייערן צו בראָטן די זיבן ערשטע שעפּסן וואָס אליעזר האָט זיי געשאָנקען לכבוד דעם טאָג. עס מיט זיי, טרינק מיט זיי און זיי ווי איינער פון זיי!״ האָט אברהם אים אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך אַ ווײַלע און באַלד זיך אויסגעדרייט צו הגרן און אַוועקגעשפּאַנט מיט איר צוריק צו די געצעלטן.

# ב

אונטערן בלעטער־בוים איז שׂרה געשטאַנען אַ גאַנצן אָוונט און זיך איינגעהערט צום געזאַנג פון די פֿאַסטעכער און קול פון פּייפל און פּויק, וואָס האָט זיי באַגלייט. זי האָט געוואוסט, אַז זי טאָר נישט שטיין דאָ, אַז ס׳איז קעגן מנהג אַז אין דער נאַכט זאָל עמיץ פון הויז זיך געפינען איינער אַליין אין דרויסן. זי האָט געוואוסט, אַז קיינער טאָר זי דאָ נישט טרעפן נאָך האַלבע נאַכט, ווען בלויז דער האַר אַליין שפּאַנט אַרום צווישן די געצעלטן און זוכט דעם עלטסטן פון זיין הויז. ער קען אים אָבער נישט געפינען, ווייל זיין מוטער מיט אירע פריינד האַלטן וואָך איבער אים. ער זאָל זיך נישט באַגעגענען מיטן פֿאָטער איידער די זון פֿאַרטרייבט די שאָטנס פון דער נאַכט און דער טאָג שפּראָצט אַרויס, אַ געוואַשענער מיט בלישטשנדיקן טוי. זי האָט אָבער נישט געקאָנט איינזיצן אין איר געצעלט. די שטילקייט, דאָרט האָט זי געטריבן פון אָרט מיט רייד וואָס נאָר זי אַליין האָט געהערט: „די מאַמע פון געבענטשן הויז, דאַרף היטן דעם זון אין דער הייַנטיקער נאַכט. דער בכור איז מיטן לעבן נישט זיכער אויב דער האַר פון הויז טרעפט אים אַליין. די שטריק זייַנען גרייט, דאָס מעסער איז גלאָט געשאַרפט אין קיזלשטיין און דער מזבח וואַרט אויף אַלע ערשטע.״

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געוואַרט, אַז הגר זאָל זי רופן און בעטן צו וואַכן מיט איר איבער ישמעאלן, אָבער זי איז נישט געקומען. זי האָט געהאָפט אַז אברהם וועט שיקן אליעזרן נאָך איר, זי זאָל אַרויסקומען צו די טשערעדעס און אַכטונג געבן אויפן צוגרייטן דאָס מאָלצייט. איז אליעזר געקומען גאַנץ פרי און מיטן שופר אָנגעזאָגט, אַז דער טאָג פון בכור־הייליקונג איז געקומען, און גלייך אַוועק אין הגרס געצעלט.

ווען הגר איז אַוועק מיט ישמעאלן, האָט זי דורך די לייַלעכער זיי נאָכגעקוקט און דאָס לייב האָט געפלאָמט אויף איר. „דעם האַרס ערשטער איז נישט מייַנער,״ זייַנען טרערן געראָנען פון אירע אויגן. „כ׳האָב אים געהאָדעוועט און ער איז נישט מייַן. נישט איך קען וואַכן איבער אים. זע האַר, מייַן שאַנד,״ האָט זי ווי אין תפילה אויסגעשטרעקט די הענט צו דער אונטערגייענדיקער זון, „בלוטיק אויג, דערבליק מייַן פאַרשעמטקייט און פאַרנעם מייַן פּיין.״

זי האָט מער נישט געקענט איינזיצן אין געצעלט. זי האָט געוואָלט

שרייען, יאָמערן אויפֿן קול, נאָר מוראָ געהאַט אַרויסצואווייזן איר ביטער געמיט פֿאַר די הויז־דינער, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די געצעלטן און געצייכנט די ביישטידלעך מיט בלוט פֿון די געשאָכטענע שעפּסן. זי האָט געוואָלט לויפֿן צו אברהמען זיך באַקלאָגן, האָט זי אָבער געוואוסט, אַז זי וועט אים איצט נישט טרעפֿן. ער איז ערגעץ מיט הגרן אין פֿעלד. האָט זי געביסן די ליפּן ביז בלוט און שטיל גערעדט צו אברהמען גלייך ער וואָלט געשטאַנען לעבן איר: „האָסט מיך באַטריבט אין טאָג פֿון שמחה, דו און די מצרישע. האָסט מיך פֿאַרשעמט פֿאַר די אויגן פֿון גאָט און מענטשן און געלאָזט אַהינטער. דו האָסט מיך נישט גערופֿן און מיין פּנים מיט שאַנד באַדעקט. דעק איך צו די שאַנד פֿון מיין פּנים,״ האָט זי פּלוצים אויפֿגע־צאַפּלט פֿון דעם וואָס איז איר נאָר וואָס געקומען אויפֿן זינען, „און איך וועל קומען צו דיר ווי אַמאָל אַ שטיק פֿייער. כ׳היל זיך איין אין די ליילע־כער פֿון קדר און טיכער פֿון דמשק געשפּרינקלט מיט נאַרד און מור, דאָס פֿייער פֿון יונגפֿרויען צו דערהיטן. אויף דיין וועג וועל איך שטיין און דיינע טריט פֿאַנגען ווי אין לאַנד פֿון די גליאיקע קאַלך־אויוונס פֿון וואַנען דו האָסט מיך מיטגעצויגן אַהער אין לאַנד פֿון קעלט און פֿראָסט אין גע־ביין. כ׳וועל וואַכן איבער דיר ווי די מצרישע וואַכט איבער איר ערשטן. דו ביסט מיין ערשטער און כ׳וועל דיר ווידער זיין אַ געלוסטיק ווייב און נישט קיין שוועסטער,״ האָט זי זיך איינגעהילט אין די שלייערן און אַרויס אין דרויסן.

דער קילער אָוונט איז געווען פֿול מיט קולות. געזאַנג פֿון פּאַס־טעכער און לעצט געקלאַנג פֿון גלעקלעך פֿון אַ זיך דערווייטערנדיקן קאַראַוואַן;שעפּטשערײַ פֿון גרילן און זשומען פֿון פֿליגן צוזאַמען מיט פּלוצימדיקן אויפֿגעשריי פֿון רויב פֿויגלען ווען זיי דערשמעקן בלוט, האָט אָנגעפֿילט די לופֿט; אַ לעכצנדיק רופֿן פֿון אַ שפּיל פֿויגל דאָ נאָענט, האָט נאָכגעציטערט דעם פֿאַרשטיקטן צאַפּל פֿון אַ פֿאַרציקטער באַשעפֿעניש. אַן אויסטערלישער ציטער איז אויפֿגעגאַנגען אין איר צעהיצטן לייב. דאָס בלוט אין די אָדערן איז געפֿלאָסן הייס אין אַלע גלידער. זי איז געווען פֿול מיט באַגער. זי האָט נישט געפֿילט דעם קילן טוי וואָס האָט גע־פֿייכט אירע קליידער. מיט בײדע הענט האָט זי אַרומגענומען דעם שטאַם פֿונעם בלעטער־בוים און זיך צוגעדריקט צו אים: „האַר, ווי דער בוים וועמען דער פֿרילינג קערט אום זיין יוגנט־זאַפֿט, בין איך איצט. מיין לייב איז פֿריש און שמעקעדיק ווי דאָס פֿעלד אין גראָזן. מיין בלוט איז וואַרעם

און גלוסטיק,״ האָט זי פאַרמאַכט די אויגן און געבליבן שטיין אַזוי אַ ווײַלע, אַ באַוועלטיקטע פון אירע אייגענע רייד. דאָס פּלוצימדיקע קול פון שופר ווייט אין פעלד, האָט זי צוריק געוועקט און וואַך געמאַכט צו דעם וואָס דאָרט קומט פאָר, אָבער די גרויסע פרייד וואָס האָט אויפגע־קוועלט אין איר, האָט פריי געעפנט איר מויל און זי האָט גענומען פּלאַפּלען ווי פון היך:

„ווי דער אָדלער וואָס באַנייט זיינע פעדערן, אַזוי איז מיין לייב באַנייט. עס קוועלט דאָס בלוט ווי אַ פרי־שער קוואַל...״ האָט זי זיך הויך צעלאַכט, „איידער די נאַכט פאַרגייט וועט ער קומען נאָך און מיט מיר דעם לאַ־כנדיקן טאָג באַגעגענען.״

ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן אַרום. האָט זי ווידער פאַרמאַכט די אויגן און זיך איינגעהערט צו יעדן שאָרך וואָס איז געקומען פון ווייט. זי האָט געוואוסט וואָס עס טוט דער האַר פון הויז אין אַזאַ נאַכט און איז אַ פריידיק ציטערנדיקע געשטאַנען און געוואַרט.

אַ וואַך־נאַכט איז די דאָזיקע נאַכט אין די געצעלטן פון די עברים. די נאַכט פון הייליקן דעם בכור פון הויז. די שכנים קומען זיך צונויף צום פייער־טאַנץ און עסן די האַלבע נאַכט סעודה אין געאיילעניש. דער האַר פון הויז איז דערביי נישטאָ. ער מוז אַליין מיט די אייגענע הענט און פון קיינעם נישט באַמערקט פאַרטיק מאַכן דעם מזבח פון גרויען שטיין. ווען די ערשטע שטראַלן פון דער זון וועלן אַ פאַרב טאָן דעם הימל אויף ראָז, דאַרף ער אויפברענגען אַ קרבן אויפן מזבח, אין גאַנצן אַ פייער קרבן. קיינער טאָר נישט וויסן וואו דער מזבח וועט זיין און קיינער ווייסט נישט ווער דער קרבן איז. גאָט אַליין זוכט זיין קרבן אויס אין דער נאַכט. דער האַר פון הויז טוט זיין ווילן בלויז און זוכט אַ גאַנצע נאַכט דעם קרבן. מיטן געשאַרפטן מעסער אין האַנט, שטריק אויף די לענדן און גליענדיקע קוילן אין הייליקן טאָפּ, שפּאַנט ער אַרום אין דער נאַכט און זוכט צווישן די געצעלטן.

אויסמיידנדיק דעם האַר, פאַרזאַמלען זיך די שכנים און דאָס גאַנצע הויז־געזינד אין פעלד. ביים פייער זיצן אַלע געכט און עסן איילִיק דאָס פלייש פון די ערשטע שעפּסן פון דער טשערעדע. בלויז דאָס פלייש עסן זיי און די ביינער וואַרפן זיין אין פייער אַריין. מ׳עסט שווייגנדיק און מ׳פאַרבייסט מיט קרייטעכצער און מצות וואָס די מאַמע פונעם בכור באַקט אויף גליענדיקע קוילן. ווען די שעה פון האַלבע נאַכט דערנענטערט

זיך, טוט זיך די מאַמע אַ שטעל פֿאַרן עלטסטן גאַסט און בוקט זיך דריי מאָל מיטן פּנים צו דער ערד און זאָגט אַזוי:

„כ'האָב אַ זון געבוירן צו דעם האַר. דאָס ערשטע קינד איז געבראַכט.”

הייבט זיך אויף דער עלטסטער פֿון זיין אָרט און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט. הייבן אָן די פּייפֿלעך צו פּייפֿן, די פּייקלעך צו פּייקלען און אַלע אינאיינעם הייבן אָן צו זאָגן אין איין טאָן:

„עס איז אַ קינד געגעבן געוואָרן צו דעם האַר
אַ זון געבאָרן געוואָרן אין זיין געצעלט.
הייליק, הייליק, הייליק איז דער ערשטער פֿון דער טראַכט,
וואַכט איבער אים און היט אים אָפּ.”

הייבט די מאַמע ווידער אָן מיט שרעק אין קול:

מיין האַר האָט אַ פּייפֿל אים געשענקט און אַ בויגן געגעבן
אין העלן טאָג, און איצט איז נאַכט, די נאַכט פֿון העכסטן
האַר פֿון הימל און ערד. קוקט און זעט: מיט די גרויע אויגן
פֿון דער נאַכט בליקט ער און זוכט מיין ערשטן און מיין
איינציקן. און מיין האַר, דער געביטער פֿון אונדזער געצעלט
איז נישטאָ מיט מיר.”

„זיין מעסער איז בלאַנק געשאַרפֿט און די שטריק אויף זיין אַקסל,” מישט זיך אַריין דער ערשטער היטער פֿון די טשערעדעס.

„דער האַר וועט אַ לאַם געפֿינען, האַרינטע, אַ שעפּס פֿאַר דיין זון, מאַמע ערד. איידער די נאַכט פֿאַרשווינדט וועט ער זיך באַווייזן,” טרייסטן זי די שכנים.

„אַ לאַם פֿאַר מיין זון, אַ שעפּס פֿאַר מיין קינד,” זאָגט די מוטער נאָך זייערע רייד און טוט זיך פּלוצים אַ ריס פֿון אָרט אַנטקעגן דעם אָנקומענדיקן פֿאָטער פֿון הויז, וואָס שפּאַנט אין געאייל ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. „כ'האָב דיר אַ לאַם געבוירן, אַ שעפּסל מיט געפֿלאָכטע־נע הערנער. אַ מתּנה פֿאַר דעם האַר.”

„דאָס מעסער איז שאַרף געשליפֿן און דאָס פֿייער אָנגעברייט. דעם האַרס אויג איז פֿינצטער איבער אונדז און נאָר צום פֿלאַם פֿון קרבן וועט ער עס עפֿענען,” ענטפֿערט ער און זעצט זיך אַוועק אָפּגעוונדערט פֿונעם עולם.

**די געסט, גלייך ווי זיי וואָלטן אים אינגאַנצן נישט באַמערקט, שליסן זיך אין אַ רעדל אַרום פייער און הייבן זיך אָן צו באַוועגן צום ערשטן גלאָקן און וואָס ווייטער אַלץ האַסטיקער, ביז זיי נעמען שפּרינגען איבערן פייער און כאַפּן שטיקער ברענענדיקע צווייגן און וואַרפן אין דער לופטן מיט תפילהדיקן אויפגעשריי און ברומענדיק געזאַנג:**

„דער האַר וועט זיין לאַם געפינען
מיטן שפּראָץ פון טאָג.
דעם ערשטן לאַם און דעם ריינעם
פאַרן האַר פון ערד און גראָז.
דער מזבח איז שוין פאַרטיק
און דאָס פייער הויך.

שמעקט דער האַר הייליק בלוט,
צו זיינע נאָזלעכער זיילט דער רויך.
ביז זיין פינצטער אויג דערוואַכט
און ער שמייכלט, ווייל ר'איז זאַט:
הייליק איז דער ערשטער לאַם,
געהייליקט און געבענטשט."

**ווען האַלבע נאַכט קומט אָן, שפּרינגט דער פאָטער אויף, שטרעקט דאָס שעכט מעסער אין אַלע זייטן און ווי אָן אויסרופער צו מלחמה שאַלט ער אַרויס: „אין האַר אויף אונדזער ערד און איינער איבער די געצעלטן! אין זיין שאָטן רוען מיר, מיט זיין ברכה לעבן מיר. ער עפנט יעדער טראַכט און אויך די שפּייז איז זיין!"**

**הייבן זיך אויף די עלטסטע און רינגלען אַרום דעם בכור מיט זיין מוטער.**

„דאָס ערשטע בלוט איז הייליק און געהער צו אים
דאָס ערשטע פון יעדער טראַכט איז זיין חלק."

**רופט אַלץ דער פאָטער און דאָס מעסער גליט גאַלדיק קעגן פייער,**

„צווישן אייך איז זיין חלק, שכנים, גיט דעם האַר זיינס!"

**ענטפערן אים די שכנים מיטן זעלבן אויסרופערישן טאָן:**

„דאָס איינציקע און דאָס בעסטע נעמט ער צו,
דאָס ליבסטע און טייערסטע שמעקט זיינע נאָזלעכער.
אייל זיך, פריינד, איידער די נאַכט פאַרגייט.
זיי פלינק ווי אַ הירש —
וועסטו געפינען דאָס וואָס דער האַר זוכט.״

**אין געאייל, טוט זיך דער פאָטער אַ שטעל מיטן פנים צום פייער ווי ער וואָלט עפעס דערזען דאָרט:**

„זיין אויג איז אָפן און זיין אָרעם איז אויסגעשטרעקט
צו באַלוינען די, וואָס טוען זיין ווילן.
און ער וועט שיקן דעם טוי פון אויבן
און עפענען די קוואלן פון אונטן.״

**ענטפערן אים די עלטסטע מיטן זעלבן טאָן:**

„זיין ווילן איז געטאָן שוין, פאָטער פון געצעלט;
זיין ערד איז אונדז געגעבן,
און דיינע טשערעדעס טוען מיר פאַשען.
אַ לאָס פאַר אַ מאַן נעמט דער האַר.
קאָפּ פאַר קאָפּ און בלוט פאַר בלוט.
אַזוי איז פון לאַנג שוין געשטעלט.
אייל פון דאַנען,
ווייל דאָס וואָס אים געהערט, איז נישט מיט אונדז,
זיין חלק איז פון טשערעדע אַוועק און וואַרט אין דער נאַכט.״

**דאַן טרעט דער פאָטער אָפּ פון פייער הינטערווייילעכטס, פרעפלענדיק אַז אַלע זאָלן הערן:**

„וועט מיין האַנט אַליין מיר דינען,
און זיין אויג וועט מיך פירן אין דער נאַכט!״

**ווי נאָר ער דערווייטערט זיך, איילן אויך אַוועק אַן אַ זייט, די מוטער מיטן בכור צו באַהאַלטן זיך, אַז ער זאָל אים נישט געפינען איידער די זון גייט אויף.**

„דעם האַרס געצעלט איז פול מיט דער ברכה פון אַן ערשטן,
אַ מאַן צווישן מענערו״

**טראָגט זיך דאָס קול פון אויסרופער צו די געצעלטן צוזאַמען מיטן קול פון שופר.**

„דער צייכן פון בלוט־בונד איז מיט אונדז,
און אויף אונדזערע געצעלטןו״

**ענטפערן די איבערגעבליבענע געכט הויך אין זעלבן אויסרופערישן טאָן.**

„אַ לאַם פאַר אַ מאַן און בלוט פאַר בלוט
ווערט אויסגעלייזטו״

## ג

ווען שׂרה האָט דערהערט דאָס קול פֿון שופֿר, האָט זי געוואוסט אַז אַברהם אײַלט זיך איצט צו די געצעלטן צו. איז זי מיט האַסט אָפּגע־שפּרונגען פֿון איר אָרט און זיך אַ לאָז געטאָן מיטן פֿעלד אַנטקעגן אים.

„דער צייכן פֿון בלוט איז אויף דער האָרינטעס געצעלט און נישט אויף דער מצרישערס...” האָט זי געלאַכט אין זיך און מיט לײַכטקייט זיך געשלייכט אין דער נאַכט. „ער וועט געפֿינען דעם וואָס ער טאָר נישט געפֿינען. אַזוי איז דער ווילן פֿונעם האַר וואָס עפֿנט אַלע טראַכטן; דער ערשטער מאַן איז זײַן און נישט דער מוטערס. דאָס ערשטע בלוט איז שטאַרק און קאָכיק, באַגערט עס דער האַר אַליין.”

„ווער שלייכט עס איז דער נאַכט?” האָט אַברהם מיט אַ ציטער אין קול אַ פֿרעג געטאָן, ווען זי האָט זיך דערנעענטערט צו אים.

„אַ נאַכט פֿון שרעקן איז די נאַכט בײַ די עבֿרים,” האָט שׂרהס שטימע געקלונגען ווי פֿון אַ תּהום אַרויס, „דאָס אויג פֿונעם האַר איז פֿינצטער. זײַן אָרעם אויסגעשטרעקט צו פֿאַרמאַכן אַלע טראַכטן און פֿאַרשטאָפּן אַלע קוואַלן. די גראָזן וועלן דאַרן, און טריקענען וועלן די ברינעמער פֿון וועגן זײַן גרויסן צאָרן.”

„טרעט אָפּ שאָטן פֿון דער נאַכט,” האָט אַברהם זיך אַ נעם געטאָן אויף אַן אַנדער שטעגל, „דאָס אויג פֿון האַר וועט אָפּן זײַן. איידער דער לעצטער שטערן פֿאַרגייט וועט דער מזבח פֿאַרטיק זײַן און דער פֿלאַם וועט גרייכן ביזן הימל הויך. דער לאַם איז פֿון לאַנג שוין פֿון דער טשערעדע אַוועק. אָט אַ איז ער, מיט די הערנער אין צווײַג פֿאַרדרייט.”

„אַ מאַן און נישט קיין לאַם, אַברהם,
דאָס ערשטע פֿלייש פֿון געעפּנטער טראַכט איז הייליק פֿאַרן האַר.
נאָר זײַן ריח שמעקט אים וואויל.”

„האַרינטע״, האָט אברהם מיט גרויס שרעק דערקענט איר קול, „וואָס טוסטו אויף מיין שטעג?״ האָט ער אַרונטערגעלאָזט די שטריק וועלכע ער האָט שוין געהאַלטן גרייט צום פאַרוואַרפן אויפן לאָם.

„האָסט דעם וועג פאַרלאָרן, אברהם, דער שטעג צו די געצעלטן איז צו דיין רעכטער זייט, קום!״ האָט זי אים אָנגענומען ביי דער האַנט.

„האַרינטע,״ האָט אברהם זיך נישט גערירט פון אָרט, „אייל פון דאַנען. ס׳איז דער שטעג בלויז פאַר מיר אַליין, און דער קרבן איז שוין גרייט.״

„איך בין געקומען מיט דיר צו זיין, אברהם. די נאַכט איז פינצטער און דער האַר שפּאַנט איבער די געצעלטן אויפצוזוכן זיין געהייליקטן, דעם ערשט געבוירענעם פון הויז. איידער דער טאָג לאַכט אויף, מוז ער אים געפינען, וועט ער די ברכה ברענגען אין אונדזער געצעלט. זעסט, ער רויטלט שוין דעם מזרח מיט זיין צאָרן. בלויז דאָס בלוט פונעם בכור וועט עס שטילן.״

„ביסטו דאָס, שרה, וואָס רעדסט צו מיר?״ האָט אברהם מיט שטוינונג אַרויסגערעדט, „דיין קול ווי פון אַ פאַרהוילענער היל אַרויס און דיינע רייד דער שטאָך פון דער בין. פאַר וואָס האָסטו דאָס געצעלט פאַרלאָזט אין דער הייניקער נאַכט?״

„אַ וואָך־נאַכט איז די הייניקע פאַר אַלע ערשטע פון די עברים, אברהם. אין זיין צאָרן שפּאַנט דער האַר איבער די געצעלטן און זוכט דעם ערשטן וואָס איז צו אים געהייליקט. דו ביסט מיין ערשטער און מיין איינציקער. קום, כ׳וועל דיך אין מיין געצעלט ברענגען און איבער דיר וואַכן אַ גאַנצע נאַכט. מיין געצעלט איז מיטן בלוט־צייכן באַשמירט. איבערהיפּן וועט עס דער האַר, און זיין אויסגעשטרעקטער אָרעם וועט עס מיידן. קום שנעלער, מיין איינציקער,״ האָט זי אים אַ צי געטאָן צו זיך.

„דאָס אויג פונעם האַר איז אָפן, שרה,״ איז אברהם אָפּגעשפּרונגען פון איר, „באַרעמהאַרציק איז דער האַר און לאָזט פאַר אונדז וואָס ער האָט מיט ברכה שוין געגעבן. דער לאָם איז פון האַלבער נאַכט שוין גרייט און געהיטן אויסצוליזן דאָס בלוט פונעם ערשטן פון אונדזער געצעלט.״

„מיין געצעלט איז ליידיק, אברהם, און מיין טראַכט פאַרשלאָסן.״

„אייל אַוועק, שרה,״ האָט אברהם שנעל גערעדט, „איידער די זון גייט אויף, מוז דער ווילן פונעם האַר געשען. וועט ער בענטשן אויך דיין

געצעלט מיטן געלעכטער פון אַ זון ווי ער אַליין וואָס לאַכט אויף מיטן טאָג צוגלייך. גיי פון דאַנען און פאַרשטעל נישט דעם וועג צו דער ברכה וואָס קומט.״

„מיין פּנים איז מיט שאַנד באַדעקט אַ גאַנצן טאָג,״ האָט שרה זיך צעוויינט, „איך וועל נישט אָפּטרעטן ביז די ברכה וועט נישט רוען אויך אויף מיר.״

„האַרינטע,״ האָט אברהם זיך דערעענטערט צו איר און שטיל געשעפּט־שעט, גלויב און וואַרט. עפן די אויגן אויף און זע ווי איך האָב געזען שוין לאַנג. הערסט ?, נאָך אין דער ערשטער נאַכט ווען מיר זיינען קיין כּנען געקומען, האָט מיך דעם האַרס קול געוועקט און אַרויסגעפירט אין מיטן פלוין זאָגנדיק: „הייב אויף די אויגן, אברהם, און צייל די שטערן, אַזוי וועלן דיינע קינדער געציילט ווערן פיל.״ האָב איך אויפגעהויבן די אויגן און מיין האַרץ איז פול געוואָרן, און מיינע אויערן האָבן פאַרנומען דאָס געפּלאַפּל פון קליינע קינדער. הייב אויף די אויגן, שרה, און פאַרנעם עס אויך.״

„די נאַכט איז פינצטער, אברהם,״ האָט שרה פּלוצים אויפגעלאַכט מיט אַ משונה ציטערנדיק קול, „איך וועל געבוירן נאָך? ווען מיין לייב איז פאַרוועלקט און טרוקן שוין, און מיין האָר איז אַלט. ווער ס׳וועט הערן וועט שפּעטן איבער מיר.״

„און דו, האָסט שוין געשפּאָט, שרה,״ האָט אברהם זיך אַ הויב געטאָן איבער איר מיט דערשטוינונג און ביטערניש, „צו שפּאָט איז דער וואָס ברענגט די שפּאָט אויף זיך אַליין.״

„פאַרמיטן זאָל עס זיין פון מיר, אברהם, איך האָב נישט געשפּאָט,״ האָט שרה זיך פאַרענטפערט, „דאָס האָב איך די זאָרג פון האַרץ פון דער צונג נישט געקאָנט באַהאַלטן.״

„האָסט געלאַכט און געשפּאָט,״ האָט אברהם איבערגעריסן אירע רייד. „זע, איך האָב געהערט די רייד פונעם האַר: מ׳וועט לאַכן אין אַלע געמאַרקן און זאָגן: ווער וועט זאָגן צו אברהמען: שרה זייגט שוין קינדער,; און אַזוי וועסטו דיין ערשטן רופן: יצחק, דער לאַכנדיקער, ווי דער האַר אַליין, וואָס לאַכט ווען די פינצטערניש פאַרשווינדט. נאָר ווי אַזוי וועסטו דאָס בלוט פון דיין ערשטן אויסלייזן, שרה?״ האָט ער נאָך שטילער געשעפּטשעט, „אַז דער ווילן פונעם האַר איז פון דיר פאַרהוילן און פאַרשטעלסט מיין

שטעג צום אָנגעגרייטן לאָם״.

„דער ערשטער און דער איינציקער איז דעם האָרס,״ האָט שרה מיט פרייד אַרומגענומען אברהמען, „און דער האַר וועט אים דערהיטן און אויס־לייזן. זע, מיין האַר, כ׳פּיל די ברכה שוין קומען אין מיין לייב. עס זינגט מיך בלוט מיט יונגקייט ווידער און לאַכט ווי מיין זון, מיין איינציקער! כ׳גלויב אברהם און זע און הער ווי דו. און איך וועל וואַרטן אויף דיר אין מיך געצעלט מיטן טאָג צו גלייך,״ האָט זי געפּליסטערט און זיך גענומען איילן צוריק צו די געצעלטן.

„דעם האָרס ווילן וועט געשען!״ האָט אברהם אַ נעם געטאָן די שטריק און זיך אַ לאָז געטאָן מיטן פעלד צו די בערג צו.

און ווען דער לעצטער שטערן האָט זיך געלאָשן אויפן הימל אַנטקעגן דעם רויטן פּאַס אין מזרח זייט, האָט אַ זייל רויך זיך גענומען הייבן צווישן די בערג ווי אַ טייטלבוים און דער ווינט האָט צעטראָגן די פונקען איבערן גאַנצן פליין ביז צום געצעלט וואו שרה האָט זיך איילִיק אַרומ־געטראָגן פון ווינקל צו ווינקל מיט פרייד און געלעכטער:

„ווער וועט זאָגן אברהמען, שרה וועט זייגן קינדער...״

פּלוצים איז זי שטיל געבליבן. זי האָט דערקענט די איילנדיקע שווערע טריט. האָט זי פאַרשאַרצט דעם פאָרהאַנג פון געצעלט און אַנטקעגנגעלאָפן אברהמען מיט געזאַנג אין מויל: „קום געבענטשטער, דער מאָרגן לאַכט שוין אויף.״

אויף דער שוועל פונעם געצעלט זיינען זיי ביידע געבליבן שטיין אויף אַ ווײַלע און שטום געקוקט צו די בערג פון וואַנען עס האָט זיך גע־זיילט דער רויך פון פאַרהוילענעם מזבח גלייך אין הימל אַריין. דער מזרח האָט זיך אַלץ מער צופלאַקערט און די פייגל אַרום האָבן זיך צעפּישטשעט מיט שלווה.

„האָסט יאָ געלאַכט,״ האָבן ביידע מיט אַמאָל געהערט און געזען בלויז זיך אַליין.

# די האַרינטע איז געבענטשט

## א

עס איז געווען אין דער נאַכט פאַר דער גרויסער סעודה פון יצחקס אַנטוויינונג. אין די געצעלטן איז מען שוין געשלאָפן נאָך אַ שווערן טאָג פון אַרבעט ביי די צוגרייטונגען צום גרויסן יום טוב, וואָס וועט זיך אָנהיבן מיטן ערשטן רויטל פונעם נייעם טאָג. העלע לבנה ליכט איז געווען אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן פּלוין. עס איז געווען רואיק און שטיל אַרום. אַפילו די שאַקאַלן האָבן איינגעהאַלטן זייער יאָמערן אין די בערג. בלויז אליעזר מיט די נאַכט־היטער זיינען געווען וואַך. עס וועט נישט שלאָפן אין דער הייַנטיקער נאַכט דער אויפזעער פון אברהמס געצעלטן. ער האָט אַ סך צו טראַכטן און איבערצוקלערן איצט ווען דער האַרינטעס זון וועט דאַרפן קומען צווישן מענטשן און פאַרנעמען זיין אָרט ווי דער ערשטער פון הויז.

ער איז טאַקע אַ קנעכט אין דעם דאָזיקן הויז, דער אַלטער אליעזר, אָבער ער איז דער שפּייזער און אויפזעער און דורך זיין האַנט ווערט אַלץ געפירט. ער וועט נישט שלאָפן רואיק ביז ער וועט זיכער זיין, אַז אַלץ איז צוגעגרייט ווי געהעריק איז.

אין איילעניש האָט ער זיך געטראָגן איבערן פעלד און באַקוקט די אויוונס פון גראָען שטיין אויסגעשטעלט אין דריי רייען; באַטאַפּט די הויפנס אַפּפּאַל וואָס ליגן ביי די זייטן, צי זיי זיינען גוט טרוקן און וועלן קענען גענוצט ווערן גלייך מיטן אויפשפּראָץ פון נייעם טאָג; אויסגעפּרעגט די נאַכט וועכטער צי די אָפּגעקליבענע זיבן מאָל זיבן! שעפּסן זיינען גוט געהיט אינעם שעכט־געצעלט; מיט די אייגענע הענט געציילט און אויסגעפּרואווט די שאַרפן פון די מעסערס פון געשליפענעםביין און קרעמען, וואָס ווערן גענוצט נאָר ווען מען גרייט אַ סעודה פון בכור־אַנטוויינונג.

און געסט וועלן זיין פיל, און פון גאַר די חשובסטע פון די שכנים. עס וועלן קומען די האַרן פון גרר און די פירשטן פון קרית־אַרבע, אפילו פון יענער זייט ירדן פון מזרח וועט מען קומען. איבערן גאַנצן פלוין זיינען גע־צעלטן אויפגעשטעלט געוואָרן אַריינצונעמען די געסט. די טירן פון די געצעלטן זיינען אָפן פון אַלע פיר זייטן, ווייל פון אַלע פיר זייטן וועט מען קומען.

„לייגט צו די אויערן צו דער ערד," האָט אליעזר אַ צופרידענער זיך צוגעזעצט לעבן די נאַכט־וועכטער וואָס זיינען געזעסן ביים פייער און שטיל געשמועסט, „וועט איר הערן די פיס־טריט זייערע. די געסט זיינען שוין גאַנץ נאָענט. מיטן טאָג צוגלייך וועלן זיי אָנקומען."

„ווי די היישעריקן וועלן זיי צודעקן דעם גאַנצן פלוין...." האָט איינער פון די וועכטער אַ געניץ געטאָן מיט אומצופרידנקייט.

„האָסטו געגנוג היטער באַשטעלט, אליעזר?", האָט אַ צווייטער זיך אויפגעשטעלט און אַ שפּיי געטאָן אין פייער אַריין.

„עס איז דער מנהג אין די געצעלטן," האָט אליעזר געענטפערט, „ווען געסט זיינען אין הויז, זיינען די וועכטער פריי. מיטן טאָג צוגלייך וועט איר אייערע בויגנס אין די געצעלטן לאָזן. די מעסערס אונטערן גראָז באַהאַלטן און די שפּיזן צו די בראָט־אויוונס ברענגען. די שעכט מייסטערס און בראָ־טערס וועלן זיי דאַרפן. אַ גאַסט אין הויז איז פון גאָט געשיקט און דער האַר אַליין איז דער היטער פון די געצעלטן־ איר וועט פריי זיין גאַנצע זיבן טעג."

„זיבן טעג?!" האָבן עטלעכע מיט אַמאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן פון די ערטער.

„זיבן זיינען די טעג פון האַר, און זיבן זונען דאַרפן אויפגיין מיט יום טוב ווען דער האַרינטעס ערשטער, וועט צווישן מענטשן קומען און דער שפּייזער פון די געצעלטן ווערן."

„דער שפּייזער?! און דו אליעזר? און ישמעאל?" האָט אַ שעפּטש זיך אַ ריס געטאָן פון אַלע מיילער.

„אַזוי איז שוין פון אייביק," האָט אליעזר גענומען שאַרן דאָס פייער מיטן שטעקן און אַנטשוויגן געוואָרן.

„עס איז צום לאַכן" האָט איינער איבערגעריסן דאָס שווייגן, „די האַ־רינטע האָט געבאָרן אויף דער עלטער."

„מען לאַכט אין די געמאַרקן: שרה האָט געבאָרן, ווען דאָס מויל־איזל האָט פאַרלאָרן׳...״

„די האַרינטע איז געבענטשט! איך זאָג אייך, געבענטשט פון גאָט!״ האָט אליעזר האַרט אַ קוק געטאָן אויף אַלעמען און מיטן שטעקן אַ שטויס געטאָן דאָס פייער און אויפגעהויבן אַ זייל גליענדיקע פונקען וואָס זיינען זיך צעפלויגן און צעשפּריצט אַרום און אַרום.

„אמת,״ האָט אייער פון די וועכטער זיך אַריינגעמישט, „איך האָב וועגן דעם ביים ברונעם געהערט: הייס איז געווען דער טאָג און פייערדיק.״ האָט ער גענומען דערציילן וואָס ער האָט געהערט. „איזלען האָבן פאַרשטעקט די קעפּ צווישן די פיס פאַרמאַטערטע, און אפילו די העלדזער פון די קעמלען האָבן געטריקנט. האָט יעדער מאָן אין געצעלט זיך באַהאַלטן, און דער פאַסטעך מיט דער טשערעדע איז אין שאָטן געלעגן. בלויז אונדזער האַר אַליין, אברהם, איז אויפן שוועל פון געצעלט געזעסן. דאָס פייער פון דער זון האָט געברענט זיין קאָפּ און אים די אויגן געבלענדט. שוין דריי טעג, אַז קיין וואַנדערער איז נישט צו זען און קיין פרעמדער קומט נישט שטילן דעם דורשט ביים ברונעם און רוען אונטערן שאָטן פונעם בלעטער בוים.״ האָט ווער שלעכטס געטאָן אין הויז פון אברהם, וואָס די וואַנדערער און וועגס־גייער מיידן עס אויס? — איז דער האַר געווען באַטריבט. שוואַך איז ער געווען פון דער היץ און פאַר די אויגן פונקען, איז ער געזעסן מיט פאַרשלאָסענע אויגן און זיך איינגעהערט. ער וועט אַליין היטן דעם וועג און דערוויסן זיך דעם באַשייד. פּלוצים האָבן אין דער בלענדעניש דריי זיך באַוויזן פאַר אים. דריי פרעמדע לייט אָנגעקומען פון ערגעץ און גייען אים פאַרביי. האָט ער אויפגעריסן די אויגן און איז זיי אַנטקעגנגעלאָפן.

„גייט מיך נישט פאַרביי, מיינע האַרן,״ האָט ער זיי געבעטן. „אָט איז דער ברונעם און אָט איז דער בוים. עס איז קלאָר דאָס וואַסער און דערפרישט דעם גומען. וואַשט דעם שטויב פון אייערע פיס און רוט זיך אויס אונטערן בוים.״

האָבן די וואַנדערער אויסגעדרייט זייערע פּנימער צום האַר און פון אָרט זיך נישט גערירט. האָט דער האַר אַזוי געזאָגט:

„ביי גאָט, אָפּן איז מיין געצעלט און דער טיש געגרייט. איך וועל ברויט ברענגען און איר וועט אונטערלעינען אייערע הערצער, נאָכדעם וועט איר אייער וועג גיין. דער טאָג איז גרויס נאָך.״

האָבן זיי געענטפערט:

„האָסט רעכט גערעדט און כּ׳ אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט.״

האָט דער האַר געאײַלט אין דער האַרינטעס געצעלט, און דריי סאָה געבײַטלט מעל האָט זי פאַרקנאָטן און מצות געבאַקן, און צו דער טשע־רעדע איז ער אַליין געלאָפן און אַ יונגן רינד צוגעגרייט. און פוטער און מילך האָט ער דערלאַנגט, און זיי האָבן דאָס האַרץ זיך אונטערגעלעינט און געפרעגט:

„אָט איז דער האַר און אָט איז זיין טיש, און די האַרינטע וואו איזז״

האָט אברהם געענטפערט: „אין געצעלט איז די האַרינטע. אַליין אין געצעלט צוליבן בלענד פון דער זון.״

האָט איינער פון די דריי זיך אויפגעשטעלט און זיין פּנים פלאָם פייער:

„דער האַרינטעס געצעלט איז ליידיק, ווּעט עס פול ווערן. אין אַ יאָר אַרום, וועט זי אַ זון האַלדון.״

„די ברכה פון גאָט איז עס געווען״ האָט אליעזר איבערגעשלאָגן דעם דערציילער און אַלעמען געקוקט גלייך אין די אויגן אַריין, „גאָטס שליח האָט די ברכה געבראַכט.״

„די ברכה פון גאָט,״ האָבן עטלעכע אויף אַ מאָל געמורמלט: „דער האַר איז געבענטשט.״

„האָט דער האַר דעם קאָפּ געבויגן און אין זיך געקלערט,״ האָט דער דערציילער נישט געלאָזט זיך איבעררייסן, „וועט שׂרה נאָך געבוירן און זייגן קינדער אויף דער עלטער?״ אויך שׂרה האָט געהערט הינטער דער טיר און מיט געלעכטער געטראַכט: „נאָכן וועלקן, וועל איך ערשט בליען? און מיין האר איז אַלט... ווער עס וועט עס הערן, וועט לאַכן פיל.״

„האָט דאָס קול פונעם אָנזאָגער נאָך אַמאָל גערעדט: ׳זע, איז דען עפּעס פאַרמיטן פון גאָט דעם האַר? זי וועט אַ זון געבוירן און וועסט אים רופן יצחק, ווייל זי האָט געלאַכט׳.

„און די דריי האָבן זיך אויפגעהויבן און אַוועק, און דער האַר האָט זיי באַגלייט אויפן וועג, נאָך פאַרן אַנקומען פון די פאַרנאַכט־שאָטנס.״

פלוצים, האָט אַן אַנדער ווּעכטער זיך ראַפּטום אַ הויב געטאָן פון מיטן רעדל און מיט אַ ציטער אין קול אַרויסגעצאַפּלט ווי פון אַ פאַרהוילעניש אַרויס. „ביים שייד־וועג, איז אברהם פאַרציטערט געוואָרן צו זען אַז איינער פון די דריי שטייט פאַר אים אַן אויסגעצויגענער פייער־זייל געווענדט קיין

סדום. איז ער אָפּגעשפּרונגען פון אָרט אַ דערשטוינטער פון די בליציקע רייד וואָס האָבן אים געקלונגען אין די אויערן און געגליעט דאָס לייב:

„וועל איך דען פאַרדעקן פון אברהמען, וואָס איך גיי טאָן? ער וועט דאָך ווערן צו אַ גרויס פאָלק מיט וועלכן אַלע פעלקער וועלן זיך בענטשן. אים האָב איך דאָך דערקענט אָנצוזאָגן זיינע קינדער צו היטן די וועגן פון גאָט צו טאָן גערעכטיקייט און משפּט."

„אָ, האַר!" האָט אברהם אייפגעריסן די אויגן און דערזען דאָס צאָרנדיק, גליאיקע קול: „דאָס געשריי פון סדום און עמורה, איז געקומען ביז צו מיר, באַשווערט מיט בייז און זינד פול. כ'וועל אַראָפּנידערן מיט פייער אויף זיי און זען." — — — האָט זיך עס אין אַן אויגנבליק פאַרבאָרגן אין די אָנקומענדיקע פאַרנאַכט שאָטנס דורך וועלכע אברהם האָט מיט שרעק דערבליקט, אַז צוויי איילן דאָרט אויפן וועג קיין סדום.

„האָט אברהם געציטערט אין זיך אַ באַטריבטער" — איז דער פריערדיקער דערציילער אים אַריינגעפאַלן אין די רייד און גענומען ציען די זאָגונג מיטן זעלבן צאַפּלדיקן טאָן ווי יענער און שוין נישט אָפּגעלאָזט ביזן סוף, אַזוי אַז עס האָט אויסגעזען ווי ביידע רעדן מיט איין קול: „האָסטו דען נישט געשטאַרקט מיין האַנט צו ראַטעווען די מענטשן פון סדום און עמורה און אַדמה און צבוים און צוער פון די הענט פון דעם פאַרדאַרבער כדרלעומר? האָסטו דען נישט געשיקט מיך צו ראַטעווען לוטן און זיין הויזגעזינד?'

„און ער האָט געגענט און געהויבן זיין קול: 'ווילסטו דען פאַרלענדן דעם צדיק מיטן רשע צוגלייך? פאַרמיטן זאָל עס זיין פון דיר!'

„זאָל דער ריכטער פון דער גאַנצער וועלט, נישט טאָן קיין גערעכטיקייט? טאָמער זיינען פופציק אומשולדיקע דאָרט פאַראַן?

„כ'וועל נישט פאַרדאַרבן פון וועגן די פופציק!"

„און אויב פינעף און פערציק? און פערציק?

„און אַז דרייסיק און צוואַנציק?

„און ווען אפילו נאָר צען!" — האָט זייער קול זיך געהויבן פונעם פייער אַרויס, גליאיקע פונקען — „פאַרמיטן זאָל עס זיין פון דיר אומצוברענגען דעם אומשולדיקן מיטן שולדיקן אינאיינעם!"

„אויך צוליב די צען וועל איך נישט פאַרדאַרבן!" — האָט דער האַר ווידער דערזען דאָס קול פלאַמען צווישן די שאָטנס פון פאַרנאַכט.

„מיט פרייד און געלעכטער איז פול דאָס געצעלט פון זינט יצחק איז געבאָרן געוואָרן,״ האָט אליעזר געפּרוּווט זיי אָפּשטעלן אין מיטן. זיי האָבן אים אָבער נישט געהערט.

„אין יענער נאַכט האָט דאָס פייער פון הימל פאַרצערט די שטעט סדום און עמורה.״

„זיינע אויגן, גרויסע ווי אַ לאַמס און דאָס קול מילד מיט פריידיקן געלעכטער און שיינע רייד.״

„אַ גאַנצע נאַכט האָט דער הימל רויט געפלאַקערט און די ערד האָט געציטערט מיט געברום. זעקס טעג איז דער פלוין מיט רויך געווען אָנגעפילט און ערשט אויפן זיבעטן האָט די זון פון וואָלקנס רויך אַרויסגעלאַכט.״

„בלויז לוט פונעם הויז פון די עברים איז געראַטעוועט געוואָרן פון פייער פון סדום.״

„עס דערמאָנט נישט מער דער האַר דעם נאָמען פון זיין ברודערס זון,״ האָט אליעזר שאַרף אַ זאָג געטאָן: „זיינע קינדער האָט ער קיין סדום פאַרטראָגן און זיי זיינען ווי זיי געוואָרן.״

„די פאַסטעכער האָבן אים אין די בערג באַגעגנט מיט די טעכטער זיינע די צוויי,״ האָט יענער נישט אָפּגעלאָזט, „וועט ער אויך אַ גאַסט דאָ זיין?״

„עס ווייסט נישט מער דער האַר דאָס וואוין־אָרט פון זיין ברודערס זון,״ האָט אליעזר שוין בייז געענטפערט, „אָפּגעטיילט און פאַרשניטן האָט ער זיך פון האַרס הויזגעזינד נאָך פון לאַנג. דערמאָנט נישט מער. פון דער מדבר איז ער געקומען און די מדבר האָט אים צוריק פאַרשלונגען.״

„אַ לאַכעדיקער ווי די זון אין פרימאָרגן איז יצחק״ האָט דער דערציילער צוריק אָנגעכאַפּט דעם פריערדיקן טאָן. „און געבענטשט ווי דער טוי פון פאַרטאָג.״

„די ברכה פונעם האַר איז מיט אים און דער האַרינטעס אויג באַגלייט זיינע טריט. דער ערשטער און דער איין און איינציקער פון געצעלט.״

„דער ערשט־געבוירענער, איז ישמעאל,״ האָט אַ צווייטער מיט פאַר דראָס איבערגעשלאָגן.

„אַ בויגן־שיסער איז ישמעאל און אַ נאָכיאָגער פון ווילד געווילד אין מדבר,״ האָט אליעזר אַ שטויס געטאָן דאָס פייער, און אַ זייל פון פונקען

האָט זיך ווידער אַ הויב געטאָן אַרויף, און קופּערן רויט געפּאַרבט אַלע פּני־מער, „די ברכה פונעם האַר רוט נאָר אויף די וואָס זיצן אויפן לאַנד.“

„רעדסט מיט ווערטער, אליעזר, און דעקסט זיך איין מיט רעטעניש,“ האָט איינער מיט תרעומות געטענהט צו אליעזרן.

„ווער עס האָט אויגן, קען זיי נישט פאַרקלעפּן,“ האָט אליעזר זיך אויפגעשטעלט, „דער האַרינטעס האַרץ איז נישט צו גוטן גענייגט אויף ישמעאלן.“

„דער האַרינטעס האַרץ איז נישט רואיק פון וועגן איר איין און איינציקן“ האָט יענער זיך צוגערוקט האַרט צו אליעזרן. „די קינדער זיינען צוגע־בונדן איינער צום אַנדערן און דער יינגערער טוט נאָך דעם עלטערן. שפּילט זיך מיט זיין בויגן און איילט מיט אים צום געיעג. דעם פיילן־בייטל טראָגט ער אים נאָך און טוט אַלץ ווי ער באַפעלט.“

„די טשערעדעס מיידן זיי אויס און צום אַקער־פעלד קומען זיי נישט נאָענט,“ האָט אַ צווייטער זיך אַריינגעמישט, „ווי מדבר־זין יאָגן זיי זיך ווילד אַרום און נישט ווי געצעלטן־וואוינער.“

„עס וועט נישט הויזן דעם לאָם מיטן וואָלף,“ האָט אליעזר גערעדט ווי צו זיך אַליין, „און עס קען נישט הויערן דער בויגן־שיסער מיטן שפּיזער פון די געצעלטן. אויפן זיבעטן טאָג וועט דער האַר זיבן שעפּסן שעכטן און דאָס בלוט אויפן פרישן אַקער־פעלד שפּריצן. דער האַרינטעס זון וועט ער די גאָלדענע ברויט־קערנער געבן צו באַהאַלטן אין דער ערד, ווי עס איז פון פאַרצייטן שוין געשטעלט. און די האַרינטע וועט אים בענטשן: „ווי קערנער וועט מיין קינד שפּראָצן דאָ אין לאַנד און אייביק מיט דער ערד באַהאַפטן זיין.“

„און דער בויגן־שיסער?“ האָט ווער זיך נישט געקענט איינהאַלטן.

„אַ מדבר קינד איז ישמעאל, און די ברכה פונעם האַר קענען קיין צוויי נישט טיילן,“ האָט אליעזר ווייטער געצויגן זיינע ווערטער, „אָפן איז דער מדבר און פריי מיט ווילד־געווילד פאַר די פיילן פונעם בויגן־שי־סער.“

„ביסט גענאַרט, אליעזר“ האָט אַן אַלטער פאַסטעך זיך אויפגעשטעלט אַ נישט צופרידענער און אַ שפּיי געטאָן אין פייער אַריין, „דער בויגן־שיסער איז דער ערשטער פונעם הויז, און פון דער מדבר האָט אים זיין

מאַמע געבראַכט אינעם האָרס געצעלט. דעם האָרס ברכה איז מיט אים, ווייל זינט קין האָט באַהאַלטן זיין ברודער הבל אין דער ערד ווי אַ הויפן קערנער, הויערט די קללה אויף דער ערד איינצוזאַפּן דאָס בלוט פון די וואָס באַהעפטן זיך מיט איר. דער בויגן פונעם מדבר־זון איז אַנגעצויגן, אליעזר, און ער צילט אין אים. „ער שפּילט זיך נאָר,״ לאַכט הגר, אָבער דאָס מויל פון דער ערד איז אָפן שוין איינצוזאַפּן דאָס פאַרגאָסענע בלוט. די האָריגטע ווייסט עס און ציטערט איבער איר איין און איינציקן.״

„דאָס וואָס איז איינמאָל שוין געשען,״ האָט אליעזר אַ צאַפּל געטאָן און אַ״ש אָנגעהויבן שטאַמלען, „טאָר שוין מער נישט געשען. די ברכה פונעם האָר איז אין זיין געצעלט און וועט דאָרט בלייבן. דער מדבר געהערט צום בויגן־שיסער און די ערד צום געצעלט־היטער, און קיין ברודער־בלוט וועט מער נישט פאַרגאָסן ווערן!״

פון צווישן די בערג האָט זיך פּלוצים אַ טראָג געטאָן אַן אומגעהייער־ריש געשריי און גלייך דערנאָך פון קעגנאיבער האָט אַ פלאַטער געטאָן אַן עכא פון אַ פאַרציטערט געיאָמער. אַ חיה איז אַרויס אויף פאַרצוקונג און אַ שאָקאַל האָט געקלאָגט אין דער נאַכט אריין.

„צו די געצעלטן, היטער!״ האָט אליעזר אַ שפּרונג געטאָן פון אָרט. „אַ פאַרצוקער איז נאָענט!״

„צו די טשערעדעס!״ האָבן די וועכטער געכאַפּט די בויגנס און פאַר־שוואונדן אויף די סטעזשקעס וואָס פירן צו די געצעלטן.

## ב

אַזן עס איז געווען אַזוי ווי אליעזר האָט געזאָגט: זעקס טעג האָט די שמחה זיך געצויגן פון זון־אויפגאַנג ביז טיף אין דער נאַכט. דער גאַנצער פּלוין איז פול געווען מיט געצעלטן און ביידלעך פאַר די געסט וואָס זיינען יעדן טאָג אָנגעקומען און מיטגעבראַכט מיט זיך נייעם געטומל און פריילעכן געפילדער. אַרום די ביידלעך זיינען ערדענע און שטיינערנע פלאַכן געווען באַלייגט מיט הויפנס שפּייזן און געטראַנקען. פון צווישן די געצעלטן האָט זיך די גאַנצע צייט געטראָגן דער געש־מאַקער ריח פון געבראָטנס און דאָס מעקען פון געבונדענע שעפּסן גרייט צו דער שחיטה. לאַגלען קאַלטער ווייַן און שאַרף געקאָכטער זאַפט פון טייטלען איז געגאַנגען פון מויל צו מויל צוזאַמען מיט געפעפערטן אַר־בעס און געטריקנטע איילבירטן. פון צופיל ברענען זיינען די בראָט־אויוונס געוואָרן ווייס ווי קאַלך און ביינאַכט באַלויכטן דעם גאַנצן אַרום.

צווישן איין מאָלצייט און דעם אַנדערן, האָבן די יונגען זיך געטראָגן איבערן פּלוין אויף די פלינקע פערדלעך און באַוויזן אויסטערלישע קונצן, ווי איבערצעיאָגן אַ פליענדיקע פייל, אָדער אין מיטן געלויף, אויפשטעלן זיך אויפן רוקן פונעם פערד און מיט דער שווערד איבערהאַקן אַ בינטל שטרוי וואָס איז געשטאַנען אין מיטן פעלד. אַזוי אַ גאַנצן טאָג, און ווען עס איז טונקל געוואָרן האָט דאָס קול פון אַ טרומייט באַגלייט פון אַן איילנדיק הילכן פון אַ פּויק צונויפגעזאַמלט דעם עולם אַרום דעם העכסטן געשטעל אין מיטן פעלד, וואו עס האָבן זיך איצט אויפגעהאַלטן די שפּי־לער און מעשות דערציילער פון חברון, וועלכע האָבן יעדן אָוונט פאַרגעשטעלט די מעשה פון פאַרצייטן:

אויפן וואונק פון אליעזרן, וועלכער האָט צוזאַמען מיט די עלטסטע פון חברון אָנגעפירט מיט די שפּילן, האָבן די הויזדינער אַ צי געטאָן די געפלאָכטענע באַנדן וואָס האָבן צוגעפּעסטיקט דאָס ביידל צו דער ערד

און צעשפּרייט די לייוונטענע ווענט אין די זייטן, און פאַרן עולם האָט זיך אַנטפּלעקט די מעשה פון פאַרצייטן!

„אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד,“ האָט פון מיטן פעלד זיך קלאָר געטראָגן דעם דערציילערס קול. און פון אַלע זייטן פון פעלד און פון דער ווייטער הינטער דעם עולם, פון די בערג אַרום, דאָט אים אָפּגעענטפערט אַ געמורמל אין איין טאָן: „אין אָנהייב איז גאָרנישט נישט געווען, נאָר דער האַר אַליין.“

און איידער דער עולם האָט נאָך געקענט דערזען די שפּילער אויס־געלייגט אויפן פעלד, האָט דאָס דינע קול פון פייפל זיך אַ ציקל געטאָן און נאָכגעמאַכט דאָס פלאַטערן פון לייכטע פליגל.

„אַליין און איינציק שוועבט דער האַר אַרום,“ האָט דער דערציילער נאָכגעצויגן לויטן טאָן פונעם פייפל.

„אין פינצטערניש, אין הוילן גאָרנישט,“ האָבן קולות זיך געריסן פון אַלע זייטן מיט אַן איינגעהאַלטענעם יאָמער.

„חושך און וויסטעניש און תהום,“ האָט הויך זיך געטראָגן דעם דערציילערס קול און פלוצים אָפּגעהאַקט, און אַ שווערע שטילקייט איז געבליבן הענגען אין דער לופט.

דער עולם איז געשטאַנען שטום און געוואַרט, ביז דאָס קול פון שופר האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון אַלע זייטן און פייערן האָבן גענומען בליצן איבערן גאַנצן פעלד, און דאָס קול פונעם דערציילער האָט זיך אַ קייקל געטאָן ווי אַ דונער איבער אַלעמענס קעפּ: „האָט גאָט געזאָגט: זאָל זיין ליכט!“

אין איין אויגנבליק זיינען אַלע פיר זייטן פון פעלד געוואָרן איין גרויסער פלאַקער און באַלויכטן אַ גרופּע מענטשן אין מיטן פעלד זיצן אין אַ קרייז און הערן זיך איין צום קול פונעם דערציילער:

„און דער האַר האָט געזען, אַז עס איז גוט, האָט ער באַשאַפן דאָס ליכט פון טאָג און עס אויפגעהאַנגען אין מיטן הימל צו באַלייכטן אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן.“

אַ דערשטוינטער האָט דער עולם געשלונגען יעדעס וואָרט און נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון די שפּילער וועלכע האָבן זיך אַלע־מאָל באַוויזן אין אַן אַנדער ווינקל פון פעלד און פאָרגעשטעלט אַ טייל

פון דער מעשה פון פּאַרצייטן ביי וועלכער דער דערציילער האָט געהאַלטן. יעדן אָוונט האָט זיך די שפּיל אָנגעהויבן אויפן זעלבן אופן ווי דאָס ערשטע מאָל, און דער דערציילער האָט דערציילט די מעשה מיט די זעלבע ווערטער און מיטן זעלבן ניגון פון אָנהייב אָן ביז דעם פּלאַץ וואו מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אין לעצטן אָוונט.

בלויז ביים אָנהייב פון דער מעשה, האָט דער עולם געשוויגן, ווייל ווי נאָר דער דערציילער האָט אָנגעהויבן ציען די מעשה ווייטער, האָט דער עולם גענומען נאָכזאָגן אים אין וואָרט אין וואָרט און מיטן זעלבן טאָן. אַזוי אַז דאָס גאַנצע פעלד איז פול געוואָרן מיט דערציילערישן געמורמל און יעדער איינער האָט געפילט, אַז די מעשה קומט נאָך אַמאָל פאַר זיינע אויגן, און ער אַליין איז עס דער, מיט וועמען עס טוט די מעשה געשען.

זיי זיינען אַזוי אַריינגעטאָן געוואָרן אין דעם וואָס זיי זעען און הערן, אַז זיי זיינען געוואָרן איינס מיט דעם. מיט צער מיטגעוויינט מיט אָדמען און חוהן ווען מען טרייבט זיי אַרויס פון גן־עדן; געציטערט ווי זיי פונעם בלאַנק פונעם מלאַכס צוויישאַרפיקע שווערד און זיך געבויגן אין דרייען ווי אָדם ווען די קללה פאַלט אויף אים. זיי האָבן זיך ווי ער געוווישט דעם שוויס פון פּנים, ווען דאָס פאַרהוילענע קול האָט געדונערט איבער אים: „מיטן שוויס פון דיין פּנים וועסטו עסן ברויט!״

קיינער האָט זיך נישט געקענט כאַפּן פון וואַנען עס קומט דאָס קול צי פונעם דערציילער, צי פון די בערג אַרום, צי פון פעלד אָדער גאָר פון אויבן, ווייל עס איז געקומען פון אומעטום. זיי האָבן געניגט זייער אויג אין אַלע זייטן און אָפּגעגעבן זייער אויער צום קול וואָס איז אַזוי וואונדערלעך אימהדיק, און אָט גאָר מילד און גוט. האָבן זיי געגאַפּט און געשטוינט און זיינען אַליין געוואָרן אַ טייל פון דער מעשה פון פּאַרצייטן.

אַזוי איז געשען, אַז אין דער דריטער נאַכט, ווען קין האָט גענומען נאָכזאָגן הבלען, האָבן זיך ביי אַלעמען געהויבן די פיס מיטצואיילן מיט זיי איבערן פעלד און דאָס קול פון דערשראָקענע שעפּסן האָט זיי נאָכגעאיילט מיט שטילן ציטער און פלאַטער פון קינדערישן געוויין. זיי האָבן קלאָר געהערט ווי עס צאַפּלט אַ ברודער צו אַ ברודער: „וואָס טוסטו, קין? וואָס וועסטו זאָגן דעם טאַטן אונדזערן? און ווער וועט די מאַמען טרייסטן? ברודער מיינער...״

נאָר אַ ביין ברומען האָט דאָס קול פון געבעט פאַרטרונקען, און פאַרטויבט דאָס קול פון קינדערישן געוויין: „עס קען נישט הויזן דער ציגן־לעקער מיטן זאַמלער פון פרוכט! טראָג זיך אָפּ פון דאַנען!״

אַלץ אַרום האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם און מיט שטוינען געגלאָצט אויפן פעלד וואו די צוויי זיינען געלאָפן און געשפרונגען איינער איבערן אַנדערן אין ווילדן געיעג; די האָר פון אייגעם — רויטער פלאַם, און דער קאָפּ פון צווייטן — אַ ווייס געלאַקטער שעפּס. אָט האָבן זיי שוין די הענט אַ שטרעק געטאָן און זיך פאַרפלאָנטערט מיט קאָפּ און אַקסל, הענט און פיס, און אָט גיבן זיי זיך אַ ריס פון אָרט און דער גאַנצער פלוין איז פול מיט געטופּעריי, געיאָמער און געברום. דאָס קול פון אייגנעם מילד און ציטעריק: „מיר זיינען דאָך בײדע איין און אײנציק אויף דער וועלט, ברודער מיינער, לאָז אָפּ!״ — — — ציטערט זיין קול און גייט אויף מיט צאַפּלענדיקן געבעט; דאָס קול פון צווייטן האַרט און טרוקן: „דיינע ציגן פרעסן מיין פאַראַקערט פעלד, איינער נאַר, קען זיין דער האַר!״ — — — הויערט זיין שטימע און פאַלט מיט טעמפּקייט.

פון הינטער זייער געלאָף האָט אַ שטויב זיך געהויבן און פאַרדעקט אַלץ און אַלעמען. פּלוצים האָט אַ יאָמער זיך אַ צי געטאָן פון שטויב אַרויס און זיך איינגעבויערט אין אַלע הערצער: „וואָס טוסטו, ברודער!״ האָט די גאַנצע וועלט ווי אויסגעפּלאַצט פון שרעק.

דער עולם האָט אַ פאַל געטאָן אויף צוריק און געבליבן אַזוי אַ ווילע ווי געליימט. עס האָט דער גרויל בלויז געברומט אין אַלע איינגעווײדן און פאַר די אויגן האָט דער שטויב זיך געלייגט און אַנטפּלעקט אַ געבויגענע געשטאַלט וואָס שטייט פאַרגליווערט לעבן פייער אין מיטן פעלד און גלאָצט מיט אַ פלאַמיק פּנים און קלומפּערן לאַנגע האָר ווי געגאָסענער קופּער.

„וואָס האָסטו געטאָן, קין?״ האָט דער גאַנצער פלוין אַ ציטער געטאָן מיטן מויל פון גאַנצן פאָלק, און פון אַלע זייטן האָט אַ פאַרצאַפּלט פאַרהוילן קול זיך אַ טראָג געטאָן: „וואו איז הבל, דיין ברודער?״

„בין איך דען דער היטער פון מיין ברודער?״ האָט דאָס געשטאַלט אַ שליוכץ געטאָן און זיך נישט גערירט פון אָרט.

„דיין ברודערס בלוט שרייט פון דער ערד,״ האָט דער צאַפּל זיך געמראָגן פון אַלע זייטן און ווי אַ באַרג געהויערט איבערן געשטאַלט און

עס געבויגן צו דער ערד מיט דער גרויליקער קללה: „פאַרשאָלטן ווערסטו זיין פון דער ערד וואָס האָט געעפנט איר מויל צו פאַרשלינגען זיין בלוט. אָפן איז איר שלונג און נישט פאַרדעקט איז דיין ברודערס בלוט פון איצט אָן און אויף אייביק.״

„פון איצט אָן און אויף אייביק,״ האָט דאָס פאָלק שטיל ווי אין אַ תפילה נאָכגעזאָגט און מיט פאַרמאַכטע אויגן גענומען באַוועגן מיט די קעפּ צום פייער צו: „נע ונד זיין, ווערסטו זיין. בייטאָג וועט די היץ דיך טריי־קענען און ביינאַכט די קעלט. און ציטערן וועט די ערד צוליב דיר און אפילו די חיות פון פעלד וועלן דיך מיידן.״

ווען זיי האָבן אויפגעעפנט די אויגן, האָט דאָס פייער שוין געצאַנקט און אויף אַלע פיר איז דאָס געשטאַלט געקראָכן מיט אַ מוראַדיקן געיאָמער: „אָפן איז איר מויל און נישט פאַרדעקט איז דאָס בלוט.״ האָט עס לאַנג געג־רוילט מיט גאָרער פאַרצווייפלונג, ביז די פינצטערניש האָט עס פאַר־שלונגען און דאָס קול פון פייפל האָט זיך דערהערט פונעם העכסטן געשטעל, אַ סימן אַז די שפּיל האָט זיך געענדיקט.

דער עולם האָט זיך אָבער נישט געאיילט אָוועקצוגייך, ווייל זיי האָבן געוואוסט אַז דער האַר אליך, אברהם, האָט היינט אַנגעפירט מיט דער שפּיל און פון אויער צו אויער האָט מען איבערגעגעבן מיט אַ ציטער, אַז אויך דער ערשט געבוירענער אין געצעלט, דער זון פון דער מצרישער הגר און דער לאַכעדיקער לאַם, דאָס יינגל, וואָס די האַרינטע, שרה, האָט געבאָרן אויף דער עלטער, זיינען אין דער שפּיל געווען.

איז דאָס געווען אַ גרויס וואונדער, ווייל אַזוי פלעגט נישט געטאָן ווערן, אַז דער ייִנגסטער פון הויז זאָל גלייך זיין מיטן עלטסטן.

„דאָס יינגל״ האָבן די אַלטע געשעפּטשעט מיט פאַרדראָס, „וואוינט דאָך נאָך אין דער מוטערס געצעלט און איז נאָך צווישן מענטשן נישט געקומען מיט פייל און בויגן...״

„דער האַר טוט בלויז דער האַרינטעס ווילן,״ האָבן אַנדערע זיך סודותדיק איבערגעוואונקען, „און איר אויג איז נישט צום גוטן געניגט אויפן ערשט געבוירענעם.״

פון בײדל אַרויס האָבן אין איילעניש זיך אַ טראָג געטאָן צוויי פרויען פירנדיק צוויי יינגלעך ביי די הענט. קיין פּנים האָבן זי נישט געזען, נאָר דאָס בייזערדיקע קול פון דער האַרינטע האָבן זיי קלאָר געהערט:

„עס וועט נישט היזן דער יעגער מיטן לאָם...״

איז דער עולם געשטאַנען און געשטוינט ביז שפּעט אין דער נאַכט, נאָר זיי האָבן זיך מער גאָרנישט דערוואוסט, ווייל פון די שפּילערס האָט זיך קיינער נישט געוויזן אין דרויסן. די וועכטער האָבן גענומען לעשן די פייערן אַרום, אַ סימן אַז אַלץ איז שוין געענדיקט. איז מען שווייגנדיק צוריקגעגאַנגען יעדער צו זיין געצעלט, און די שטילקייט פון דער נאַכט האָט איינגעהילט דאָס גאַנצע פעלד. בלויז די אויוונס האָבן געגליט אין דער נאַכט אַריין און הונגעריקע שאַקאַלן האָבן אין די נאָענטע בערג געיאָמערט עלנט און פאַרלאָזן.

אַזוי זיינען זעקס טעג אַריבער און דער עולם איז גאָרנישט מיד געוואָרן. נאָך איידער ס׳איז נאַכט געוואָרן, איז שוין דאָס ביידל מיט די גרויע ליילעכער געווען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און מ׳האָט זיך קוים געקענט דערוואַרטן אויפן רופנדיק ציענדיקן קול פון פייפל, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַז די מעשה פון פאַרצייטן הייבט זיך ווידער אָן צו שפּינען.

די שפּיל האָט זיך אָבער נישט אָנגעהויבן פריער ווי די לבנה האָט זיך באַוויזן אין מיטן הימל און מיליאָנען שטערנדלעך האָבן זילבערדיק ווייס געפינקלט אין דער בלויקייט איבער אַלעמענס קעפּ. איז דאָס יונגוואַרג פון גרויס אומגעדולד אַרומגעלאָפן פון גרופּע צו גרופּע און נאָכגעמאַכט די קולות און דאָס געזאַנג פון דער נעכטיקער מעשה, און די עלטערע האָבן שטיל און סודותדיק געציטערט איבער דעם וואָס דער ערשט געבוירענער אין געצעלט, דער יעגער ישמעאל, שפּאַנט אַרום צווישן די געצעלטן אַ שטומער און קומט אַפילו נישט צו נאָענט צום ביידל פון די שפּילערס. טיילמאָל בלויז טוט ער אַ כאַפּ אַראָפּ דעם בויגן פון די אַקסלען און טוט אים אַ צי אָן, און אַ שפּיציקע פייל זשומעט אַרויף צו די שפּיצן פון די בערג און ווערט דאָרט פאַרפאַלן. און די האַרינטע מיט איר איין און איינציקן וויזן זיך אין גאַנצן נישט. די פאָרהאַנגען פון איר געצעלט זיינען אַראָפּגעלאָזט און קיינער קומט נישט אַריין און קיינער גייט נישט אַרויס פון דאָרט.

די גאָר אַלטע און זאַטע אין יאָרן האָבן גאָר געשוויגן. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז דאָס גאַנצע פעלד איז פול מיט אויגן און דער האַרינטעס געצעלט איז איין גרויס ווייס אויג, וואָס קוקט נאָך ישמעאלן

און אַלץ וואָס ער טוט. האָבן זיי אין זיך געציטערט איבער דעם, און אַן ווערטער פאַר זיך אַליין דערציילט די מעשה ווי זיי האָבן זי געדענקט פון די יונגע יאָרן. זיי האָבן מורא געהאַט טאָמער וועט די נייע מעשה נישט אויסשפּינען זיך ווי זיי געדענקען זי. האָבן זיי די אויגן פאַרמאַכט און געגליווערט מיט בלינדע אויגן צום בלויען הימל און געזען וואָס זיי האָבן געוואָלט זען. ערשט ווען די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן, האָבן זיי די אויגן געעפנט און אַריינגעצויגן געוואָרן מיטן עולם, גלייך זיי וואָלטן די מעשה געזען צום ערשטן מאָל.

אָבער אינעם זיבעטן טאָג, האָט דאָס קול פון שופר זיך צעשאָלט אידער נאָך די שאָטנס האָבן פון די בערג אַראָפּגענידערט. ס'איז נאָך געווען האַלבער טאָג און קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס זאָל באַ־טייטן. אַפילו די אַלטע לייט פון חברון האָבן נישט געוואוסט וואָס דאָס מיינט. „בלויז זעקס זיינען דאָך די מעשות פון פאַרצייטן, און דאָס קול פון שופר ווערט דאָך נאָר ביים יום טוב פון בכור הייליקונג געשאָלט." איז מען אין איילעניש געגאַנגען צום שפּיל־פעלד און מיט האַרץ־צאַפּ־לעניש געוואַרט וואָס עס וועט ווייטער געשען.

און געשען איז עפּעס אַזוינס וואָס קיינער האָט פריער דאָ נישט גע־זען און נישט געהערט: פונעם ביידל אַרויס האָט אַ קול פון אַ פּלייט אַ טרעל געטאָן, און דער האַר אַליין, אברהם, האָט זיך באַוויזן פאַרן עולם איינגעהילט אין ווייסן פון קאָפּ ביז די פיס. אין איין האַנט האָט ער אַ בינטל פולע זאַנגען געהאַלטן און אין דער צווייטער אַן ערדענע קרוג. אויף דער שוועל פון ביידל איז ער געבליבן שטיין און אַרומגענומען דעם גאַנצן פּלוין מיטן בליק. האָט עס דעם עולם דערשטוינט: „נישט אַזוי איז דאָך דער מנהג ביי די פּאַסטעכער ווען דער יינגסטער פון גע־צעלט ווערט אַריינגעפירט צווישן מענטשן." זיי האָבן אָבער געשוויגן, ווייל אַזוי איז שוין פון אייביק: „ווען דער האַר איז אויף דער שוועל, טאָר קיינער נישט עפענען זיין מויל."

פון צווישן די געצעלטן האָט זיך באַלד דערהערט דאָס קול פון אַ פּאַסטעך פייפל און די האַרינטע אינעם זיידענעם שלייער פון פורפור און בלוי, האָט זיך באַוויזן פירנדיק איר איין און איינציקן צום האַר וואָס וואַרט אויף אים. זיבן קנעכט זיינען געגאַנגען צו זייער רעכטער האַנט און זיבן צו זייער לינקער, און הינטער זיי האָט אליעזר נאָכגעאיילט

און הויך געיובלט:

„די האָרינטע איז געבענטשט!<br>
די ברכה פונעם האַר איז מיט איר<br>
און מיט דעם ערשטן!

„די האָרינטע איז געבענטשט!‟ האָבן די דינער אים נאָכגעיובלט און געבלאָזן מיט די שופרות און געפּויקט מיט די פּייקלעך.

ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענט צוםביידל, זיינען די פּויקן אַנטשטומט געוואָרן און דאָס קול פון די שופרות איז איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן, בלויז דאָס טרעלן פון דער פלייט האָט זיך געטראָגן פון דעם ביידל אַרויס און עפּעס דערציילט און געגעבן צו פאַרשטיין וואָס קיינער האָט ביז איצט נישט געוואוסט און פון פריער נישט געהערט.

דער עולם איז געווען אַזוי פאַרגאַפט און דערשטוינט, אַז זיי האָבן נישט געפילט ווי דאָס ציענדיקע טרעלן פון דער פלייט איז פּלוצים אויסגעגאַנגען און אין זעלבן טאָן, האָט אברהם אָנגעהויבן צו דערציילן: „פון דער ווייט, פון לאַנד פון די קאַלך־אויוונס האָט מיך דער האַר געפירט אַהער צום לאַנד פון גרין־גראָז און זאַטער רו. וואו נאָר דאָס אויג בליקט גייט אויף אַ פעלד אין אַקער, און טשערעדעס הויערן אין שפּאַלטן פון פעלזן. מיט בערג איז דאָס לאַנד אַרומגערינגלט און עס גרייכן נישט אַהער די פייער־קוילן פון ווילדן יעגער נמרוד און די טריקעניש פון זאַמדיקן מדבר. געבענטשט איז דאָס לאַנד דאָ, ווי דער גאָרטן פון גאָט, ווי דער גן־עדן פון די ערשטע טעג.‟

„ווי דאָס לעבעדיקע וואַסער פון האַרס ברינעמער,‟ האָט אליעזר זיך דערנעענטערט צו אברהמען און אָנגעפילט דעם ערדענעם טאָפּ מיט פריש וואַסער.

„די ברכה פונעם האַר איז מיט אונדז,‟ האָט אברהם ווייטער געצויגן זיינע רייד און טראָט ביי טראָט אַנטקעגנגעגאַנגען שרהן מיט יצחקן, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט צו אים אין שטילן שווייגן. „פון יעדן בייט אין גאָרטן גייט אויף דער ריח פון געבענטשטער היים, און פון יעדן בוים און גראָז טריפט מיט דער לויב פון שווערער מי. היט די ערד, די ברכה פון דעם האַר, מיין זון!,‟ האָט ער מיט דער רעכטער האַנט געשטרעקט דאָס בינטל זאַנגען צו יצחקן, „טרעט נישט אָפּ פון איר. שטייניק זי אויס און רייניק זי פון מדבר זאַמדן און ווילד געוויקס, ווייל אַזוי איז דער ווילן

פון דעם האַר. די ברכה זאָל אייביק געווערן אויף דער מאַמע ערד.״

„די ברכה פונעם האַר איז די ברכה פון גאָט, מיין זון!,״ האָט שרה געשעפּטשעט און זיך געשטעלט הינטער יצחקן, „שטרעק אויס דיין האַנט און נעם די ברכה פון דער מאַמע ערד, קינד!״

„מיטן שוויס פון דיין פּנים און לעבעדיק וואַסער זאָלסטו זי נערן און פייכט מאַכן, ווייל זי איז די מאַמע און שפּייזערין פון אַלע לעבעדיקע,״ האָט אברהם אַ גאָס געטאָן דאָס וואַסער אויף דער ערד און הויך אויסגערופן: „די האַרינטע איז געבענטשט!״

דער עולם אַרום האָט עס אונטערגעכאַפּט און נאָכגעפּרעפּלט: „די האַרינטע איז געבענטשט, די מאַמע ערד, די שפּייזערין פון אַלע לעבעדיקע.״

פון ביידל אַרויס איז ווידער אויפגעגאַנגען דאָס קול פון דער פּלייט און יצחק האָט הויך איבערן קאָפּ געהויבן דאָס בינטל זאַנגען און אַזוי אָנגעהויבן: „האָסט מיך גערופן, האַר, אינמיטן טאָג און איך בין אָנגעברייט. דיין ווילן וועט געשען. עס ווייסן נישט מיינע פיס פון וואַנדער און מיינע הענט ווען די טראַכט פון דער מאַמע ערד עפענען און זי זעטיקן מיט די לעבעדיקע קוואַלן וואָס זיינען אין איר פאַרבאָרגן. אַ שפּייזער אין דיין הויז וועל איך זיין. איך וועל די ברכה היטן ווי די האַרינטע, מיין מוטער, די ערשטע אין דיין הויז.

„עס איז וואויל אַזוי, מיין זון,״ האָט אברהם אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף יצחקס קאָפּ, „ביסט געבענטשט מיט דער ברכה פונעם האַר אין מיטן טאָג. עס וואַרט דאָס לאַנד אויף דיר און דער פאַסטעך מיט דער טשערעדע. דיין היים איז דאָ, און אָפּן זאָל זי זיין פאַרן וואַנדערער און אַנטרונענעם פון שווערד און מדבר פייער. זעכט, אַ בונד האָסטו געשלאָסן מיט דעם לאַנד און אירע זין, אַ בונד פון ברודערשאַפט. היט זיך פון צו פאַרלאָזן די ערד אויף וועלכער דו טרעטסט, און פון צו פאַרטרייבן די וואָס זוכן דיין שוץ, ווייל טריקענען וועט די ערד אונטער דיר און דאַרן וועט יעדער וואָרצל און גראָז, אויב דו וועסט דעם בונד ברעכן. אַ בלייערנער, דער הימל איבער דיין קאָפּ, אויב דו וועסט דעם בונד פאַרגעסן.״

יצחק איז געשטאַנען מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און זיינע פלאַקסענע האָר האָבן געציטערט צוזאַמען מיט זיינע שטילע רייד: „אַזוי איז דער ווילן פונעם האַר, אַן אייביקן בונד האָב איך געשלאָסן מיטן לאַנד און מיט אירע זין!״

„מיין איין און איינציקער, איז דער ערשט־געבוירענער אין מיין געצעלט! די ברכה פונעם האַר איז מיט אים—," האָט שרהס קול זיך אַ צי געטאָן איבער אַלעמענס קעפּ מיט זיכערקייט און נצחון.

„די ברכה פונעם האַר" האָט דער עולם אָנגעהויבן נאָכזאָגן אירע רייד און אָפּגעהאַקט אין מיטן, ווייל פונקט דאַן האָט ישמעאל זיך באַוויזן אָנגעטאָן מיטן בויגן וואָס אברהם אַליין האָט אים געשענקט און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן יצחקן.

„זיבן זיינען די טעג פון האַר," האָט אליעזר איבערגעריסן דאָס שטיל־שווייגן, „און זיבן קערנער וועט דער האַרינטעס ערשטער אין דער ערד באַהאַלטן," האָט ער איבערגעגעבן די קערנדלעך צו יצחקן און גענומען דאָס בינטל זאַנגען פון זיין האַנט און מיט זיי געפלאָכטן אַ קראַנץ אויף זיין קאָפּ.

„פון דער מאַמע ערד זיינען די קערנדלעך געקומען און צו דער ערד ענטפער זיי צוריק איבער," האָט אברהם אים אָנגענומען ביי דער האַנט און צוגעפירט צו אַ שטיקל פריש צעגראָבענע ערד, „מיט דער מאַמע ערד, מיט דער שפּיזערין, ביסטו איצט איינס אויף אייביק און אייביק."

„אויף אייביק און אייביק!," האָט דער עולם אויסגערופן מיט פרייד און שרעק, ווייל זיי האָבן קלאָר געזען ווי ישמעאל האָט זיך אָפּגערוקט פון יצחקן מיט אַ פול מויל געלעכטער און די האַרינטע האָט מיט פינקלדיקע אויגן אַ שפּאָן געטאָן צו אים און געבליבן שטיין אין מיטן וועג מורמלענדיק פאַר זיך „אויף אייביק און אייביק דער האַר און שפּייזער פון די געצעלטן!."

„זיבן זיינען די טעג פון האַר און זיבן שעפסן זיינען אָנגעברייט נאָך פון ערשטן טאָג," האָט אליעזר אויסגערופן און געפירט דעם עולם צום בערגל וואו די עלטסטע שכנים זיינען געשטאַנען לעבן די געבונדענע שעפסן און געזונגען דאָס קרבן ליד:

„איידער דער טאָג פאַרגייט,
איילט דער האַר
צו די זיבן וואָס זיינען אָנגעברייט,
קאָפּ פאַר קאָפּ
און גליד פאַר גליד
פאַרן ערשטן פונעם האַר;
זיבן פאַר איינעם,
זיבן פאַר איינעם,
איז דער ווילן פונעם האַר."

**וועז אברהם האָט אויפגעהויבן דאָס מעסער צו שעכטן דעם ערשטן שעפס האָט אליעזר הויך געצויגן מיט אַ ניגון:**

„בלוט פאַר בלוט
און לייב פאַר לייב
איז אויסגעלייזט."

**דערביי האָט ער אונטערגעשטעלט דעם טאָפּ, אין וועלכן ער האָט פריער געהאַלטן דאָס וואַסער, און איינגעזאַמלט דאָס בלוט פונעם קרבן.**

„דאָס אַקער פעלד וועט עס טרינקען
און עפענען איר טראַכט,
די מאַמע שפייזערין וועט זיך זעטיקן
און מער נישט עפענען איר מויל
צו פאַרשלינגען פאַרגאָסן ברודער־בלוט,
אייל זיך יצחק, לאַכעדיקער לאַם!"

**האָט ער אים דערלאַנגט דעם טאָפּ.**

**„אייל זיך איידער דער טאָג פאַרגייט און די שאָטנס קומען אָן:**
**דער ערשט געבוירענער איז אויסגעלייזט!"**

**האָט אליעזר נאָכגעאיילט יצחקן וואָס האָט געשפּאַנט מיטן טאָפּ צום אַקער פעלד.**

**„אויסגעלייזט!" האָט דאָס פאָלק געענטפערט און אַרומגערינגלט אבר־המען און אים אַוועקגעפירט צו די געצעלטן וואו ס'איז שוין געווען געגרייט די לעצטע סעודה וואָס דאַרף זיך אָנהייבן מיטן באַווייזן זיך פון די ערשטע שטערן און ענדיקן האַלבע נאַכט.**

**„דער איין און איינציקער איז אַליין אין פעלד, האַרינטע," איז הגר פלוצים אויסגעוואַקסן לעבן שרהן. „אייל נאָך אים און פאַרבאַרג אים אין דיין געצעלט איידער דער טאָג פאַרגייט און דער האַר וועט אים זוכן אין דער נאַכט." האָט זי שטיל געשעפּטשעט. „עס וועט אליעזר באַשמירן דיין געצעלט מיטן הייליקן בלוט, און מיין איינציקער, דער ערשט געבוירע־נער, וועט זיין בויגן טרעטן צו היטן אים די גאַנצע נאַכט."**

**„מיין איינציקער איז אויסגעלייזט שוין, עס וועט נישט הויזן דער יעגער מיטן לאַם!" האָט שרה זיך אָפּגערוקט פון הגרן מיט אַן אומרואיקן געבייזער, און מיט שרעק צוגעזען ווי ישמעאל איילט מיט אַ געשפּאַנטן בויגן צום פעלד וואו יצחק מיט אליעזרן זיינען אַוועק.**

„מיין איינציקער איז אויסגעלייזט שוין!“ האָט זי געגומען נאָכאיילן נאָך זיי און געמורמלט: „עס וועט נישט הויזן דער בויגן־שיסער מיטן לאָם!“

---

פון די געצעלטן איז שוין אויפגעגאַנגען דאָס געשריי און פריידיקע געלעכטער פונעם עולם, אָנהויבנדיק די גרויסע סעודה פון בכור־אויס־לייזונג.

# אברהם שיקט אַוועק הגרן מיט ישמעאלן

## א

שטילקייט פון באַגינען איז געווען אויפן גאַנצן פּלוין. געדיכטע פרימאָרגן נעפּלען האָבן פאַרהוילן פון אויג אַלע געצעלטן און פאַרדעקט די בערג אַרום. די פייגל אין די נעסטן האָבן נאָך געדרעמלט. בלויז אברהם דער עברי, דער האַר, וועמען גאָט האָט געבענטשט אין לאַנד, איז שוין לאַנג וואַך.

מיט שווערע טריט און אַ באַטריבט געמיט האָט ער געשפּרייזט אין פייכטן גראָז און גאָרנישט נישט געזען. דאָס האַרץ איז אים פול געווען און שווער.

„איך האָב צוגעזאָגט און וועל עס מוזן טאָן, האַר!” האָט ער פּלוצים אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט אונטערן „בלעטער בוים.”

דער מאָרגנשטערן האָט בלאָס געפינקלט פון נעפּל אַרויס, אָבער אברהם האָט עס נישט געזען. די פרימאָרגן פייכטקייט האָט דורכגענומען זיין גאַנץ לייב, און פונעם בוים זיינען טראָפּנס טוי גערונען אויף זיין קאָפּ און באָרד און ער האָט עס נישט געפילט. די אויערן זיינען אים פול געווען מיט שרהס בייזן גערייד אַ גאַנצע נאַכט:

„טרייב אַרויס די דינסט מיט איר זון. עס וועט ניט ירשענען דער דינסטס זון מיט מיין איינציקן, מיט יצחקן.”

„טרייב אַרויס!” האָבן די ווערטער אים געגעסן ווי מאַיל, „דער דינסטס זון...”

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און גאָרנישט נישט געזען.

דער לעצטער בליאַסק פון שטערן איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען און אַ גרויער אומעט האָט געקוקט אויף אים פון אַלע זייטן.

„טרייב אַרויס," האָט עס געביטערט אין אים מיט שרהס קול, „מיין זון און דער דינסטס, קענען נישט הויזן אין אײנעם. זאָל גאָט משפטן צווישן מיר און דיר."

„זאָל גאָט משפטן!" האָט ער עס מער נישט געקענט איבערטראָגן און אויפגעריסן די אַרומיקע שטילקייט פאַרדעקנדיק דאָס פנים מיט די פלאַכן פון זיינע הייסע הענט. אַ ציטער האָט אים אַרומגענומען און אַ בושה. ער האָט ווידער דערזען הגרן שלאָגנדיק מיטן קאָפּ אינעם שטויב פאַר זיינע פיס.

„האַר, לאָמיך נאָר איינמאָל נאָך געפינען חן אין דיינע אויגן און זאָלן דיינע אויערן אָפן זיין: ער איז דאָך אין גאַנצן דיין, האַר. ער איז דאָך פלייש פון דיין פלייש. אַן אינד אין דער מדבר, דער ערשטער פייל פון דיין בויגן. דיין אייגן בלוט גיסטו אויס."

אויפן שפּיץ בוים האָט אַ פויגל אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ פון דער נעסט אַרויס און אַ פישטש געטאָן. האָט אברהם אויפגעצאַפּלט און זיך אַ לאָז געטאָן מיט אימפּעט איבערן פליין. אין גרויס געאייל האָט ער געשפּאַנט, אָבער הגרס יאָמער האָט אים נאָכגעאיילט. פון אַלע זייטן איז געקומען איר קול מיט געבעט און ביטערער טענה: „אפילו דער שפּאַרבער שפּיזט דאָך זיינע יונגע און האַלט זיי אין זיין נעסט... וואוהין זאָל איך גיין, האַר? וואָס וועט פון דיין ערשטלינג ווערן? זאָל גאָט משפטן און רעכענען!"

„זאָל גאָט משפטן," האָט ער אין זיך נאָכגעזאָגט די ווערטער. „משפטן און רעכענען. זיבן מאָל זיבן איז קיין גערעכנט געוואָרן. זיבן מאָל זיבן און נאָך מער," איז ער פלוצים שטיין געבליבן.

מיט גרויסע אויגן פון שרעק האָט ער דערזען ווי דער מזרח פלאַמט אויף און פון הינטער די בערג קוקט אַרויס די זון, אַ פייערדיק רויט אויג.

„איך פאַרמאַך מיין אויג ווען דער האַר זעט אַלץ!" האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, „איך האָב געשוואָרן און וועל מוזן מקיים זיין. אָ, האַר, דו ווייסט דאָך: די ייִנגלעך זיינען יונג נאָך און נאַריש און די צונגען פון די מאַמעס זיינען ווי פאַרסמטע פיילן. ווי די שפּאַרבערס פליען זייערע פיילן אין מיין געצעלט. האָסט מיך געבענטשט אין דעם דאָזיקן לאַנד, האַר, און מיין אייגן פלייש און ביין קען נישט רוען מיט מיר. ווי אַ געטריי קעמל

האָט דאָך לוט, מיין ברודערס זון דורכגעשפּאַנט דעם מדבר ביי מיין זייט. און איצט וואו איז ער, האַר? דאָס געשריי פון אומרעכט האָט צו מיינע אויערן זיך דערטראָגן און איך האָב אים אַוועקגעשיקט. האָט ער זיך מיט סדום באַהעפט און נישטאָ מער. אָ, האַר, דיין רויט אויג ברענט אויס די פינצטערניש פון דער נאַכט, ברען אויך אויס די שווערקייט פון מיין האַרץ: איז עס בלויז אַ דאָרן וואָס איך רייס אויס? פאַרמער איך דען גערעכטיקייט אין געבענטשטן לאַנד? די האַנט פון הגרס זון איז שווער אויף שרהס איין איינציקן. זיינע פיילן צילט ער גלייך אין אים און זיין מויל איז פול מיט בייזקייט און הויך־גערייד ווי דער דור פון מבול. מיין האַרץ איז פול מיט שרעק, האַר! ער איז דאָך אויך דער צייכן פון דיין ברכה. האָסט מיך געבענטשט און דאָס בייז לויערט אַלץ אויף מיין געצעלט: ווי קין און הבל קענען זיי נאָך ווערן, און וואָס וועט ווערן פון דיין צוזאָג, האַר? ענטפער מיר! גיב מיר אַ צייכן אַז איך זאָל וויסן,” האָט אברהם אויפגעריסן די אויגן מיט געוואַלד, און דערזעענדיק אַז דער גאַנצער מזרח איז שוין פייערדיק רויט, האָט ער שנעל אָנגעהויבן פרעפלען: „האַלט איין דיין פייער, האַר, צאָרן נישט, וויל שטויב פון דער ערד בין איך. דייך איז דער ווילן און דיין איז דאָס טאָן. איך וועל דאָס שטאַרקסטע מוילאייזל שפּאַנען און לאָגלען מיט לעבעדיק וואַסער וועל איך אָנפילן, און ברויט און קעז און געטריקנטע פייגן וועל איך אָנלאָדן. קוק און זע: מיין האַרץ איז פול מיט שרעק פאַר דעם וואָס קען געשען! ביטערקייט און קריג איז מיין גאָב ביטאָג און ביינאַכט צוליב הגרן און דעם יינגל וואָס דו האָסט איר געשענקט. נעם זיי דו אין דיין שוץ. פיר זיי צו רו און צו פרידן אין הגרס לאַנד.”

וויט אין די בערג האָט אַן אייזל זיך צעשריגן מיט אַ יאָמער. האָט אברהם זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און אין געאייל גענומען שפּריזן צו די געצעלטן צו.

# ב

„עס איז אַזוי דער ווילן פונעם האַר,‟ האָט ער אין געאײַל אַרײַנגערעדט צו הגרן אין געצעלט אַרײַן, „אײַל זיך אײדער דער מאָרגן וועקט דאָס הויזגעזינד אויף. אָט איז שפּײַז און געטראַנק. נעם דאָס ייִנגל און גיי צום לאַנד פון דײַן היים.‟

„האַר!‟ האָט הגר מיט אַ כליפּ זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן פּנים צו דער ערד, „דאָס ייִנגל איז קראַנק און שוואַך, און דאָס האַרץ פון דער מאַמען איז שווער און באַטריבט.‟

„נעם זײַן בויגן מיט. דאָס אויג פונעם באַשאַפער איז אויף אים צו גוטן און זײַן אָרעם וועט אים העלפן, שטיי אויף און גיי. עס איז אַזוי דעם האַרס ווילן.‟

„דעם האַרס ווילן!‟ האָט אַ קול פון שפּאָט זיך אַ ריס געטאָן פון ווינקל פון געצעלט וואו ישמעאל איז געלעגן אין גרויס היץ, „דעם האַרס ווילן איז אין מײַן בויגן, מוטער! דערלאַנג מיר דעם בויגן און דעם פּײַלגאַרטל, וועל איך זײַן דער האַר און דו די האַרינטע!‟

„זיי נישט בייז אויף אים, האַר!‟ האָט הגר אַרומגעכאַפּט אברהמס פיס, „עס ברענט די היץ זײַנע געדערים און זײַן זינען איז פאַרטונקלט, דערבאַרעם זיך!‟

„ווי נמרוד דער גרויסער יעגער, וועל איך ווילטירן פאַנגען און וואַרפן פאַר די שאַקאַלן,‟ האָט ישמעאל זיך צעשריגן און זיך צוגעקייקלט צו אברהמען, „מײַן אָטעם איז פײַער און מײַנע אָרעמס זײַנען שטײַף פאַרצויגן. מיט מיר איז די ברכה געקומען אין דעם געצעלט, און מיט מיר וועט זי בלײַבן. טרעט אָפּ, דו באַטריגער פון מײַן מוטער. עס איז איך, ישמעאל דער בכור, וואָס רעד צו דיר!‟

„שווײַג, קינד!‟ האָט הגר אים אַרומגענומען און געפּרואווט באַרויִקן,

„עס איז דיין זינען פאַרטונקלט. מיר מוזן גיין. עס איז אַזוי דער ווילן פונעם האַר וואָס זעט אַלץ.“

„איך צי דעם בויגן און טרעף אין ציל. קיינער שטייט מיר נישט אַנט־קעגן,“ האָט ישמעאל זיך געפּרואווט אויפשטעלן און מיט שוים אויף די ליפּן גערעוועט. „עס וועט מער קיין רו נישט זיין אין די געצעלטן פון די עברים. דאָס אויג פונעם האַר איז רויט און פייערדיק. איך זע עס און גיי פון דאַנען, ווייל געצייכנט זיינען די געצעלטן פון די עברים אויף אייביק מיט אומרו און באַטרוג. שטיי אויף, מוטער, און פיר מיך אַהין, וואו דו האָסט די ברכה געקראָגן, איידער איך צי דעם בויגן אָן. אייל זיך מוטער, ווייל די אויגן פונעם פאָטער ברענען מיט גרימצאָרן. לאָמיר שפּאַנען, איידער זיין דונער פאַלט אויף אונדזערע קעפּ. באַהאַלט מיך, מוטער!“ האָט ער אין פּלוצימדיקער שרעק געגומען יאָמערן. „ווילדע אָקסן האָבן מיך אַרומגע־רינגלט און שטויסן מיך. וואָס שטייסטו פון ווייטן, יצחק? ברודער מיינער! אַ פייער ברענט אין מיין אינגעווייד, פאָטער. איך בין דאָך פליש פון דיין פלייש. דיין הייס בלוט ווערט פאַרגאָסן און דו שטייסט מיר נישט ביי. ווילסט דיין ברכה נישט דערהיטן, האַר? וועט אַ קללה הויערן — — — “

„שטיל זיך איין, ישמעאל,“ האָט אברהם זיך אַראָפּגעבויגן און אים אָפּגעווישט דעם שווייס. „ביסט שטאַרק, קינד, אין דיין צאָרן, און דיינע אָרעמס זיינען געשטייפט. דיינע הענט אויף אַלעמען און דיין פייל איז פאַרכמט. קענסט נישט הויזן אין איינעם מיט אַ פאַסטעך פון שעפּסן און היטער פון זאַנגען, די ברכה פון דער ערד. ביסט אַ יונגער אָקס, ישמעאל, גיי שטויס די ווינזלטירן און באַציר זיך מיט זייערע הערנער. דאָרט איז דיין ברכה און זאָל דאָס אויג פון האַר דיך היטן און גרויס מאַכן צווישן דיינע ברידער.“

אַ ווײַלע איז ישמעאל געלעגן אַ באַוועלטיקטער פון דער היץ און אברהמס מילדע רייד.

„פאָטער!“ האָט ער פּלוצים אָנגעהויבן מורמלען פון שלאָף. „עס איז אַזוי דער ווילן פונעם האַר. דאָס וואָרט פון קריג איז שוין געזאָגט און קענסט עס נישט צוריקנעמען מער. עס וועט נישט הויזן דער יעגער מיטן שעפּס. פאַרטרייב מיך פאָטער, איידער די פייל טרעפט אין ציל.“

„עס וועט מיין אויער בלייבן אָפן פאַר דיר אַלעמאָל, קינד, שטיי אויף און גיי!“

„שלאָג מיך בעסער, פאָטער, רייס מיך אויס און זאָל די קללה זיך אָנהייבן גלייך פון מיר. איך האָב דאָך אויפגעהויבן מיין האַנט אויף דיר,״ האָט ער זיך צעיאָמערט.

„פאַרמיטן זאָל עס זיין פון מיר און דיר, קינד, צו צעשיידן זיך מיט בייז. עס מוז דער פאָטער פאַרשטיינערן זיין האַרץ, כדי דאָס בייז זאָל נישט געשען און די ברכה פונעם האַר זאָל קענען לעבן אייביק. זיין איז דער ווילן און זיין איז דאָס טאָן. אייל זיך, עס זאָל קיין פרעמדער אייך נישט זען ביים אַוועקגיין. איך אַליין וועל אייך באַגלייטן און דאָס אויג פונעם האַר וואָס זעט אַלץ און רעכנט און משפּט.״

„ער משפּט און רעכנט,״ האָט ישמעאל מיט פאַרברענטע ליפּן נאָכ־געזאָגט אברהמס ווערטער און אַריינגעפאַלן אין אַ פאַרטאַיעטן שלאָף.

„האַר!״ האָט הגר שטיל גענומען שעפּטשען, „דאָס ייִנגל שלאָפט און עס איז גוט פאַר אים. לאָז אים נאָך אַ ווײַלע רוען אונטערן דאַך פון זיין היים. דיין ווילן וועט געשען סיי ווי.״

„דאָס הויזגעזינד וועקט זיך שוין,״ האָט אברהם נישט געוואָלט נאָכגעבן.

„ווילסט די שאַנד פאַרהוילן פון אַ פרעמד אויג, האַר, וואָס וועסטו אָבער מיט מיין פּיין און צער טאָן?״

„ביסט נישט אַליין אין דיין ווייטיק, טאָכטער פון מצרים. דעם פאָטערס האַרץ אין פול מיט שרעק און זיין אויג וועט אַלע מאָל נאָכגיין אייערע טריט אויפן ווייטן וועג.״

„דער ווילן פונעם האַר וועט געשען!״ האָט הגר אים איבערגעשלאָגן און אָנגעכאַפּט זיין אָרעם. „עס קען נישט הויזן דער יעגער מיטן שעפּס און די דינסט מיט דער האַרינטע. איך בין דיר אָבער אַ ווייב געווען.״ האָט זי הייס געפּליסטערט, „אַלע ווייסן, אַז איך בין צו דיר געגעבן גע־וואָרן פון דער האַרינטע. דו אַליין אָבער ווייסט, אַז איך בין צו דיר אַליין געקומען. פונעם ערשטן טאָג אָן אין דיין געצעלט, האָט מיין לייב געבענקט צו דיר און זיך געלאָבט מיט דיר און דיין גבֿאָד. די ברכה פון מיין יונגן חלום ביסטו געווען און געבליבן ביז היינט. איינס נאָך לאָז מיך הערן, האַר, איך בעט דיך, זאָג אַז איך בין נאָך געבענטשט מיט דיין גענאָד אַפילו איצט. לאָז מיך מיטנעמען מיין חלום מיט זיך. ער וועט מיר ווי אַ לעבע־דיקער קוואַל זיין אין דער מדבר. לאָז מיך הערן, אַז נישט דו טרייבסט

מיך אַרויס, נאָר די קנאה וואָס פאַרצערט ווי דער טויט און די שנאה וואָס איז גייציק און שוואַרץ ווי דער שפּאַרבער מיט די גרויסע אויגן. איך לאָז מיין האַרץ מיט דיר און די ברכה פון מיין לעבן.״

„האָסט וואויל גערעדט, הגר, וואָרהאַפטיק זיינען דיינע רייד,״ האָט אברהם געגלעט אירע האָר, „אַ מענטשנס היים איז דאָרט וואו זיין האַרץ וואוינט. נישט איך טרייב דיך אַרויס, און עס איז מיין האַרץ נישט רואיקער פון דיינעם; דאָס גרויסע אויג פונעם האַר זעט און ווייסט, אַז נאָר כדי אויסצומיידן דאָס בייז שיק איך דיך אַוועק. עס איז צו קליין איין שפּאַן ערד אַז צוויי זאָלן אויף אים שטיין, און די ברכה קען נישט הויזן מיט קריג. דאָס יינגל איז אַ ווילדער ווילדער אויסגעוואַקסן, זיין בויגן איז אַלע מאָל אָנגעצויגן. ציטערט דעם פאָטערס האַרץ: זיבן מאָל זיבן איז קיין גערעכנט געוואָרן און הבלס בלוט איז נאָך אַלץ נישט געשטילט. ביסט אַ מאַמע, הגר, דאַרפסט מיט טריישאַפט אים אויף די אַקסל נעמען און ווי אַ פייל פונעם בויגן איילן מיט אים פון דאַנען דאָס אומגליק צו פאַרמיידן, און זאָל דיין ליבשאַפט אויך די קללה אָפּווישן פון זיינע ליפּן און פון אונדזער געצעלט. ביסט דאָך מיר אַלעמאָל טריי געווען.״

„אברהם!״ האָט הגר זיך פּלוצים אויסגעגלייכט און מיט שטאָלץ אַ זאָג געטאָן, „איך האָב די ברכה אַריינגעבראַכט אין דיין געצעלט און וועל זי היטן. זאָג דער האַרינטע: פון אומגליק אַנטלויף איך און נישט פון איר. די ברכה פונעם האַר איז מיט מיר. און זאָל ער משפּטן צווישן מיר און איר!״

„אַ דאַנק דיר, טאָכטער, פאַר דיין טריישאַפט. דאָס אויג פונעם האַר און דאָס האַרץ פונעם פאָטער וועט אייך מיט חסד באַגלייטן וואו איר וועט זיין. גייט אין פרידן און מיט רו.״

„האַר, אַ לויב צו דיר!״

„גרויסער זעער, אַ דאַנק צו דיר,״ האָט הגר געפּרעפּלט אין אַ תפילה.

„מיין געצעלט איז גאַנץ און פול.  
דאָס האַרץ פונעם פאָטער איז מיט מיר.  
וואו איך גיי איז ער פאַראַן,  
וואו איך שפּאַן איז ער מיט מיר.  
זע, האַר, ער שיקט מיך אַוועק  
און עס איז מיר נישט שווער דאָס גיין,  
ווייל זיין האַרץ און דאָס יינגל  
זיינען ביידע מיין.״

פון די שטאָלן האָבן זיך גענומען הערן די געשרייען פון די פּאַסטעכער אַרויסטרייבנדיק די טשערעדעס. האָט הגר אויף זיך אָנגעלאָדן דאָס ברויט מיטן וואַסער, און אין געאייל אַ כאַפּ געטאָן ישמעאלן און אַוועקגעשפּאַנט מיטן קעמל־וועג וואָס פירט אין די בערג אַריין צו דרום צו.

אַ ווײַלע איז זי אַזוי געגאַנגען און נישט אומגעקוקט זיך אויף צוריק, נאָר ווען זי איז צוגעקומען צום ראַנד פון פּלוין, האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום אָרט וואו די געצעלטן זיינען געשטאַנען און דערזען ווי אַב־רהם שטייט אויפן שוועל פון איר געצעלט און פאַרבינדט די פאַרהאַנגען פונעם אַריינגאַנג.

„זע, קינד, מיין געצעלט איז גאַנץ געבליבן!״ האָט זי שטאַרק צוגע־דריקט ישמעאלן צו זיך און אַרויסגעפּלאַצט אין אַ הילפלאָזן געוויין.

# ג

אַ גאַנצן טאָג נאָכדעם האָט אברהם זיך נישט געוויזן אין די געצעלטן, ערשט ווען עס איז נאַכט געוואָרן איז ער אַ באַטריבטער, אַ געבויגענער אַריין אין שרהס געצעלט און אַ ברום געטאָן צום געלעגער וואו שרה איז געלעגן:

„אַפילו דער שפּאַרבער פּיטערט די זייניקע, טאָכטער פון כשדים לאַנד!”

„ריין פון שלעכטס דאַרף בלייבן דאָס געצעלט פון די עברים,” האָט שרה זיך אַ ריס געטאָן פון געלעגער, נאָר דערזעענדיק אים שטיין אַ דערשלאָגענעם, אַ פאַראומערטן, האָט זי אָנגעהויבן שטאַמלען, „האַר מיינער, עס איז דיין דאָס געצעלט און דיין ווילן זאָל געשען אין דיין געצעלט. דעם דאַרן רייסטו בלויז אויס אײדער ער שטעכט, דעם מדבר־שטויב ווישסטו אָפּ איידער ער פאַרטרינקט די גראָזן און וואַרצלען. לאָז מיך אויסריידן אינגאַנצן, געבענטשטער פון גאָט.” האָט זי זיך געוואָרפן אברהמען פאַר די פיס, „דער דינסטס זון האָט הענט ווי שפּיזן, אַ מויל פול פיילן און אַ האַרץ געפּאַנצערט מיט בייז און זינד. ציטערט דער מאָמעס האַרץ: ווי קען ער הויזן מיט מיין אײנציקן, דאָס ווייסע שעפּסעלע? די פיילן פון דער דינסטס זון זייַנען פאַרסמטע און זיין בויגן איז אַלעמאָל געצויגן. פלאָם זיין פּנים און קופּער רויט זיינע האָר, און אונדזער לאַבעדיק שעפּסעלע איז יונג און צאַרט. ווי וועט ער קענען ביישטיין דעם פייער־פּלי פון דעם רויטן יעגער? האָסט בלויז איין ברכה געקראָגן, האַר, און איינע דאַרף זי בלייבן. עס קענען זיך נישט טיילן אין שלום די מילדע טויב מיטן בלוט־אויגיקן שפּאַרבער.”

„דיין צונג טריפט מיט צוקערדיקן סם, האַרינטע פון מיין געצעלט,” האָט אברהם אָפּגעשטופּט שרהן פון זיך, „עס איז נישט מיין ווילן געווען צו פאַרטרייבן מיין פלייש און מיין געביין. די קינדער זיינען יונג און שפּילן זיך. בלויז די קנאה ברענט דאָס אַזוי אין דיר צו דער מצרישער וואָס דו האָסט מיר אַליין געבראַכט און פון איר טאָקע געבויט געוואָרן.”

„האַר,‟ האָט שרה זיך אויסגעגלייכט און אים דורכגעשפּיזט מיט גליענדיקע אויגן, „האָסט גערעדט און אַזוי איז געשען, האָסט צוגעזאָגט און האָסט מקיים געווען. עס קען נישט געטיילט ווערן די ברכה פון גאָט און עס וועט נישט הויזן די האַרינטע ־וואו עס גרויסט זיך די דינסט. מיינסט, אַז די קנאה נערט מיין ווילן. אַזוי וועלן אַלע זאָגן. איך זאָג אָבער: אַ מאַן פאַר־לאָזט זיין מאַמע צוליב דער פרוי און פרייד זיך, אָבער אַ מאַמע וועט דעם מאַן אויסרייסן פון זיך מיטן האַרץ צוליב איר קינד... הער מיך צו, אברהם, דעם גאַנצן מדבר האָב איך דורכגעשפּאַנט ביי דיין זייט. מיט צעפּלאַצטע ליפּן פון זון און דורשט האָב איך די ערשטע געקושט. דעם שטויב פון דעם געבענטשטן לאַנד כנען: די מצרישע האָב איך דיר נאָכדעם געבראַכט כדי צו בויען דיין געצעלט. צו שפּאָט און געלעכטער בין איך געוואָרן ביי אַלע שכנים און האָב געשוויגן, ווייל די ברכה האָט געמוזט קומען אין דיין גע־צעלט. און ווען די ברכה איז געקומען, האָב איך געוואוסט, אַז זי איז נאָר דיינע און מיין האַרץ האָט מיט ווייטיק געציטערט איבער דיר און איבער דער ברכה וואָס איז געגעבן נאָר צום שטאַם פון די עברים... האָט גאָט צוגעזען מיין פּיין און מיין שאַנד און אויך מיך געבענטשט און אויפגעבויט דאָס געצעלט פון די עברים. מיין ברכה איז אין דיין געצעלט און איך וויל זי מיט קיינעם נישט טיילן אויסער מיט דיר אַליין. איך ווייס אַז עס איז דיר שווער דאָס שיידן מיט דער מצרישער און איר זון, עס איז מיין האַרץ אויך נישט גרינג, נאָר ווען איך האָב געזען דער מצרישערס זון שפּילן זיך מיט מיין איינציקן, האָט מיין אינגעווייד אויפגעצאַפּלט: זע, שרה, אַ בויגן איז אָנגעצויגן אויף דיין קינד, ווענד אים אָפּ. היט די ברכה פון גאָט! און הער, האַר,‟ איז שרה אַריבער אין אַ פליסטער, „ווערסטו נישט וועלן דערהיטן די ברכה פון גאָט אין דיין געצעלט, וועל איך אַליין זי היטן פון דיינעט וועגן. עס איז גרויס און געבענטשט דאָס לאַנד כנען.‟

„עס איז געשען ווי דו ווילסט, טאָכטער פון כשדים־לאַנד,‟ האָט אברהם מיט אומעט איר געענטפערט, „ביסט אַ שוועסטער און אַ ווייב געווען. דעם מדבר האָסטו דורכגעשפּאַנט ביי מיין זייט און נישט געקלאָגט זיך. ביסט האַרינטע און קענסט געביטן. עס איז אָבער מיין האַרץ שווער און טריב וועגן דער מצרישער און איר ייִנגל, די ערשטע פרייד פון דעם האַרס צוזאָג אין מיין געצעלט, און עס איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן: דער וואָס פאַר־טרייבט די ערשטע פרייד, וועט קיין אַנדערע שוין מער נישט געניסן מיטן

פולן מויל. האָסט אָפּגעטאָן די ערשטע פרייד פון אונדזער געצעלט, שרה, ווילסט מיט קיינעם זיך נישט טיילן, וועט דאָס געצעלט זיין גאַנץ פאַר דיר אַליין, און זאָל דאָס אויג פונעם האַר צו גוטן רוען אויף זיין אייגענער ברכה. זאָל ער רעכענען און משפּטן מיט חסד, אַז די קללה פון קריג זאָל זיך אָפּטאָן פונעם הויז פון די עברים."

פון זיינע רייד איז שרה איינגעשרומפּן געוואָרן און מיט שרעק זיך גענומען דוקן הינטערוויילעכטס. זי האָט געוואָלט עפּעס דערווידערן אָבער נישט געקענט. אין האַלדז איז איר געווען זייער ענג און דורכן נעפּל וואָס האָט פאַרדעקט אירע אויגן האָט זי געזען ווי אברהם פאַרלאָזט דאָס געצעלט אַ געבויגענער און קוקט נישט מער אין איר זייט אַריין.

„אברהם, האַר, ברודער מיינער!"

האָט זי צום סוף זיך געשטאַרקט און צוריקגעקראָגן דאָס לשון. קיין ענטפער האָט זי אָבער נישט געקראָגן, בלויז אַן אָפּקלאַנג פון רייד האָבן זיך געטראָגן פאַר אירע אויגן און אויערן:

„דער האַר וועט משפּטן און רעכענען פאַר דעם וואָס דו האָסט געטאָן..."

מיט שטאַרע אויגן האָט זי זיך אַרומגעקוקט איבערן געצעלט און גאָרנישט נישט געזען. אַ וויסטע ליידיקייט האָט געהויערט אין אַלע ווינקעלעך. דער פאָרהאַנג איבערן אריינגאַנג איז געווען האַלב פאַרשאַרצט, און עס האָט אַריינגעקוקט אַ נאַכט אָן שטערן.

# אין דער מדבר פונעם האַרס ברינעמער

דריי מאָל האָט די זון זיך געזעגנט צו מערב צו און פאַרשוואונדן אינעם פייערדיקן גלי, און הגר מיט ישמעאלן האָבן אַלץ נאָך געוואַנדערט אין דער מדבר.

„אָט באַלד וועלן די ברינעמער זיך באַווייזן, די זיבן ברינעמער פונעם האַר,״ האָט הגר געשטאַרקט דעם אָפּגעשוואַכטן ישמעאל, „אָט איז דער קעמל־שליאַך. זעכט, מיין קינד, דאָס אויג פונעם האַר איז צו גוטן אויף אונדז, אָט באַלד וועסטו זען דאָס לעבעדיקע קוועלן פון דער ברכה פון דער ערד.״

„וואוהין ציסטו, מוטער?״ האָט ישמעאל געקרעכצט און זיך געבעטן, „אייל נישט אַזוי. עס זיינען שלאַבעריק מיינע פיס, און אין די געדערים ברענט אַ פייער.״

„פון אומגליק אייל איך, קינד, פון דער קללה וואָס צייטיקט אין מיין מויל אַנטלויף איך. גורט אָן דיינע לענדן, בכור פונעם האַר, און אייל נאָך מיר, ביז מיר וועלן צום וואַסער קומען, און פון דאָרט איז נאָר אַ קעמל־שפּאַן צום לאַנד פון מיין היים. דאָס לאַנד פון גרויסן טייך און פייערדיקן רייט־וואָגן פון פּרעה.״

„איך קאָן נישט דיין היים און וויל נישט גיין אַהין. אַ פייער ברענט מיין אינגעוויד און נאָר דאָס בלוט פון דער האַרינטע וועט עס לעשן. קום צוריק, מוטער, און איך וועל טונקען מיינע הענט אינעם בלוט פון דער האַרינטע, וואָס איז שוואַרץ ווי די קראָ.״

„שווייג, זון! די ברכה פונעם האַר איז מיט אונדז און קיין בלוט טאָר זי נישט פאַרפלעקן. אָט איז דער לאָגל און לעש דאָס פייער אין דיינע געדערים. דאָס האַרץ און אויג פונעם האַר איז מיט אונדז. און נאָך זיין בענקשאַפט וועט אונדז ווייזן דעם וועג אַהיים.״

„דאָס האַרץ פונעם פאָטער איז קיזלשטיין פאַר מיר, און מיין היים איז דאָס זאַמד פון הייסן מדבר," האָט ישמעאל זיך פלוצים ווילד צעשריגן און אַ פאַל געטאָן אין זאַמד מיט פאַרגלעזטע אויגן און שוים אויף די ליפּן.

מיט שרעק האָט הגר זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די קני לעבן אים און זיך צעיאָמערט:

„זע, האָסט דאָס לעצטע ביסל וואַסער אויסגעגאָסן און דער וועג איז נאָך וויט."

ישמעאל איז געלעגן אַ פאַרטאַיעטער. דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט און פון די צעשפּאָלטענע ליפּן איז געקומען זיין קול אַ הייזעריקס, אַן איבערגעבראָכנס:

„לאָז מיך דאָ, מוטער, איך בין נישט דעם האַרס, און דער האַר איז נישט מיין. דער מדבר איז מיין היים. מיין בויגן ציט און טרעפט אין ציל. איך וועל זיך אויפהייבן און ווי אַ שטורעם די געצעלטן איבערקערן, און דאָס האַרץ פון קיזלשטיין וועל איך צעשטויבן פאַרן ווינט."

„שטיי אויף, ישמעאל, שטאַרק דיינע קנעכל און נישט דיין מויל, האָסט דאָס וואַסער אויסגעגאָסן," האָט הגר מיט די לעצטע כוחות אים געוואָלט אויפשטעלן און נישט געקאָנט.

ער האָט נישט געהערט אירע רייד. עס האָט אים געוואָרפן אין היץ און אין קעלט און קיין קלאַנג נישט געקענט אַרויסברענגען פון זיך. הגר איז געשטאַנען איבער אים און מיטן שלייער געשאָטנט אויף זיין קאָפּ און שטיל עפּעס געמורמלט. די זון האָט פייערדיק געברענט אירע גלידער און זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אַ שווינדל האָט געטאַנצט פאַר אירע אויגן מיט בלויע און רויטע רייפן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ און אין אַלע זייטן, זי אַרומגערינגלט און זי אַוועקגעטראָגן מיט זיך צו די פלוינען פון חברון: אָט זיינען די בערג אַרום און אָט בלאַנקען שוין די געצעלטן אין דער זון. די האַרינטע שפּילט זיך מיט איר געצערטלטן, לאַכנדיקן זינדל אונ־טערן בלעטער־בוים.

„מיין איינציקער, מיין בכור מיין געבענטשטער," הערט זי ווי שרה פּליסטערט אַ צופרידענע, „עס איז נאָר דו און איך און דער האַר."

די רייד האָבן איר אַזאַ ברי געטאָן, אַז זי האָט אַ צאַפּל געטאָן מיטן גאַנצן לייב, אַרויסגעלאָזט דעם שלייער פון דער האַנט און אַ שפּיי געטאָן.

„עס וועט מיין קללה דיך גרייכן אומעטום, טרוקענער ברונעם, דו!"

איך בין דעם האַרס, און דער האַר איז מיין.״

„וואַסער!״ האָט ישמעאל פּלוצים אַרויסגעקרעכצט אַ פאַרשמאַכטער.

„וואַסער!״ האָט הגר צוריק אַ נעם געטאָן דעם שלייער און מיט רויטע אויגן געשניטן דעם מדבר. נאָר דער שווינדל האָט אַלץ נאָך געדרייט זיך פאַר אירע אויגן און פאַרדרייט איר זינען. אין די אויערן קלינגען עפּעס מאָדנע רייד: „היט די ברכה פונעם האַר. ניט איך טרייב דיך אַרויס, דאָס אומגליק פאַרמיידן טו איך נאָר פון מיינע געצעלטן!״

„וואַסער!״ האָט אַ קול זיך געריסן צו איר פון ערגעץ טיף ווי פון אונטער דער ערד און זי האָט עס נישט באַנומען. אירע אויגן גלאָצן פאַר זיך און זען אברהמען. אויפן שפּיץ באַרג שטייט ער און קוקט אויף איר מיט אויגן פול מיט בענקשאַפט. אָט שטרעקט ער אויס די הענט און נעמט זי אַרום. זי האָט זיך אַ ציי געטאָן צו אים מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס, אָבער די פיס האָבן איר שוין נישט געדינט און זי איז אַ פאַל געטאָן אַריבער ישמעאלן.

פונעם פאַל איז זי געקומען צו זיך און קלאָר דערהערט ישמעאלס פאַר־שמאַכטע רייד:

„איך שטאַרב, מוטער, וואַסער!״

„וואַסער!״ האָט זי מיט די לעצטע כוחות זיך אויפגעשטעלט און גע־נומען לויפן פאַרויס מיט געיאָמער: „וואַסער.״

דאָס קול איז אָבער צוריקגעקומען פון אַלע זייטן מיט גרויער הוילקייט און אַ גרויסע שרעק האָט זי אַ וואָרף געטאָן פון די פיס און זי איז געבּ־ליבן ליגן אין זאַמד מיטן פּנים אַראָפּ.

ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט די זון שוין געפלאַקערט אין מערב העליש רויט געגאָסענער קופער. אויף די בערגלעך זאַמד זיינען שוין גע־קראָכן די שאָטנס פון דער אָנקומענדיקער נאַכט און געהילט אין גרוי דעם גאָלדיקן גלאַנץ פון דער מדבר.

איז הגר אויפגעשטאַנען, האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום ברענענדיקן מערב און מיט אַ קול טרוקן און גרוי אַזוי געזאָגט:

„זע, דאָס יינגל שטאַרבט און דעם האַרס ברכה האָב איך נישט דערהיט. עס איז דאָס אומגליק נישט פאַרמיטן געוואָרן פון מיר, וועל איך די קללה נישט פאַרמיידן אויך פון איר. צאָרן פייערדיק אויג, ברען זי אויס. זאָל די פייערדיקע פיינטשאַפט אייביק פלאַקערן און פאַרצערן אָן אויפהער.״

„וואַסער!‟ האָט זיך פון ווייטן געטראָגן ישמעאלס קרעכצן.

„ווי דער דורשט וואָס פאַרצערט מיין קינד,‟ האָט הגר העכער געהויבן איר שטימע נישט צו הערן ישמעאלס קול, „אַזוי זאָל די שנאה פאַרצערן איר בלוט. זע, פייערדיקער האַר, און פאַרנעם מיין קללה ווי דער בראַנדאָפּפער וואָס שמעקט צו דיינע נאָזלעכער.‟

„וואו ביסטו, מוטער?‟ האָט זיך צו איר געטראָגן ישמעאלס קול. זי האָט עס אָבער קוים געהערט. זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און געגלאָצט צו דעם קויל פייער, וואָס איז אַלץ קלענער געוואָרן און געזונקען הינטער די זאַמדן. האָט זי זיך אויך אַזוי לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אַריינגערוקט דעם קאָפּ צווישן די קני און שטיל געיאָמערט אין זיך:

„קוק צו, האַר, און זע, ווי די ברכה פונעם האַר גייט אויס. מיינע אויגן זיינען געשלאָסן און איך וויל נישט זען זיין סוף.‟

„מוטער!‟ האָט ישמעאל זי גערופן מיט די לעצטע כוחות.

מוטער!‟ האָט דאָס ווידערקול געענטפערט פון אַלע זייטן און זי אויפּגעריסן פונעם טיפן גליווער אין וועלכן זי איז אַריינגעפאַלן.

„ביסטו דאָס, האַר?‟ האָט הגר נישט דערקענט די שטימע.

„איך בין מער נישט קיין מוטער, האַר! האָסט צוגעזאָגט און גענאַרט ווי אַ מדבר־קוואַל. אַ גרויס פאָלק וועט פון אים אַרויסקומען,‟ האָט זי זיך צעשריגן נישט מיט איר קול, „אַ גרויס פאָלק האָסטו געזאָגט, נישט צום ציילן פיל!‟

„נישט צום ציילן פיל!‟ האָט דאָס ווידערקול אָפּגעקלונגען מיט אירע אייגענע רייד: „ווי אַ מויל־איזל ווילד וועט ער זיין, אַ בויגן שיסער אין דער מדבר. זאָלסט אים רופן ישמעאל, ווייל גאָט האָט געהערט דיין פּיין.‟

הגרס רייד און דאָס ווידערקול האָבן זיך אַזוי צוזאַמענגעטראָגן, אַז עס איז אויסגעקומען ווי פון דער נאַכט אַרויס רעדט ווער צו איר. האָט זי זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן קול מיט אַ ציטער: „הערסט מיך, האַר, דאָס ייִנגל שטאַרבט. אָט זיינען דאָך דיביימער, און וואו איז דער ברונעם דיינער מיטן קוואַליק וואַסער?‟ האָט זי מיט אימפּעט זיך אַ לאָז געטאָן צווישן די ביימלעך וועלכע זי האָט פּלוצים דערזען פאַר זיך און אַ יאָמער געטאָן אין דער נאַכט אַריין:

„ישמעאל, וואַסער, דעם האַרס ברונעם!‟

„אייל זיך, הגר,‟ האָט זי אויף שנעל געטונקען איר שלייער אינעם

קילן וואַסער און גענעצט איר פּנים און די ליפּן.

„נעם דאָס יינגל!"

האָט אַלץ אַרום גערעדט צו איר מיט אַ ציטערדיק און היימיש קול, „טרינק אים אָן, ווייל ער וועט נאָך זיין צו אַ גרויס פאָלק..."

„אין דער טונקלקייט האָבן זיך מיינע אויגן געעפנט." איז זי מיטן זעלבן ציטער אַרויפגעפאַלן אויף ישמעאלן און גענעצט זיין פּנים מיטן נאַסן שלייער,

„דערפריש זיך קינד, וואַסער פונעם ברונעם פונעם האַר," האָט זי קוים דעם אָטעם געקענט כאַפּן, „שטאַרק זיך, ווילד מויל־איזל. אין דיין הימ האָב איך וואַסער געפונען. דאָס קול פונעם האַר האָט מיך געפירט. ער וועט נישט נאַרן, שטיי אויף!"

האָט זי אים אַ נעם געטאָן אויף די אַקסל און צוגעטראָגן צום ברונעם.

„איך האָב געהערט אַ קול," האָט ישמעאל אין אַ ווײַלע אַרום געעפנט די אויגן און הויך געקרעכצט, „וואו ביסטו, מוטער?"

„אָט בין איך, געבענטשטער פון גאָט. האָסט געהערט? דעם האַרס קול האָט מיך געפירט ביז אַהער. די ברכה פונעם האַר איז מיט אונדז," האָט זי זיך אַריבערגעבויגן איבער אים מיט אַ פּליסטער.

„האָסט געשאָלטן, מוטער?"

„די האַרינטע, קינד, און איר הויזגעזינד האָב איך פאַרשאָלטן."

„אַ פייער האָט געברענט מיין אינגעווייד און הייסע קוילן האָבן געגליט אויף מיין קאָפּ," האָט ישמעאל ווי נישט געהערט אירע רייד, „איך האָב געשריגן: מוטער, און דו האָסט נישט געענטפערט. האָב איך די אויגן צוגע־מאַכט און פלאַמען האָבן געלעקט מיינע באַקן און מיך געגעסן מיט אָן אָפן מויל. האָב איך הויך געשריגן, העכער ווי דער ווידלטיר און שטאַרקער ווי דער ווילדער אָקס, און מיין קול איז געשפרונגען איבער די זאַמד־בערגלעך און געפלאַקערט ווי די פייער־הויפנס אויף די בערג, ווען די לבנה ווערט גע־בוירן. אַזוי איז אַלץ אַרום פאַרצערט געוואָרן און איך האָב מער נישט גע־הערט מיין אייגן קול, און מיין געשריי איז פאַרלענדט געוואָרן אין פלאַקערדיקן זאַמד. פלוצים האָט מיך עמיץ אָנגערירט מיט אַ קול פונקט אַזאַ פלאַקער־דיקס ווי מיינס, נאָר מיט קילקייט האָט עס מיך באַרירט: „וועכט זיין צו אַ גרויס פאָלק, ברודער מיינער. דיין נאָמען אויף אַלעמענס ליפּן, ישמעאל,

האָט ער געשמייכלט צו מיר מיט די אויגן פונעם לאַכעדיקן־לאַם.״

„אָ, מוטער, הערסטו?! ברודער מײַנער, האָט ער מיך גערופן! איז דאָס פֿײַער אָפּגעגאַנגען פֿון מײַנע בײנער און מײַן מויל האָט זיך ווידער געעפֿנט.״

„וואַסער! האָסטו געשריגן,״ האָט הגר אים איבערגעשלאָגן, „וואַסער, מוטער, איך שטאַרב.״

„דו ביסט געווען ווייט, מוטער, מיך געלאָזן אַליין, האָט דאָס קול מיך געגלעט: נייג צו דאָס אויער צו דער ערד, וועסטו הערן ווי סע ריזלט אַ קוואַל דאָ נישט ווייט. די מאַמע ערד וועט נישט פֿאַרלאָזן די וואָס זײַנען איר טריי. האָב איך אויפֿגעריסן די אויגן און געזען אין פֿײַערדיקן ראָד מײַן לאַכנדיקן ברודער און דעם האַר שטיין איבער מיר מיט גענאָד, און זייער קול איז געווען זיס אויף מײַן גומען.״

„די זאַמדן האָבן געבלענדט דײַנע אויגן, קינד מײַנס, שלאָף אײַן,״ האָט הגר געווישט דעם שווייס פֿון ישמעאלס שטערן.

„איך האָב אויסגעשטרעקט די אָרעמס,״ האָט ישמעאל נאָך אַלץ געזען דאָס זעלבע בילד, „איז יצחק מיר אַנטקעגן געלאָפֿן מיט געלעכטער ווי אַלעמאָל, און דער האַר האָט אַרויסגעצויגן דאָס פֿאַסטעך־פֿײַפֿל פֿון זײַן בוזעם, נאַר,״ האָט ישמעאלס קול ווידער אָנגעהויבן ציטערן, „דאָס קול פֿון פֿײַפֿל שטעכט מײַן לײַב, ראַטעווע, מוטער! די אויגן פֿונעם האַר זײַנען ווי שפּיזן שטעכיקע, און יצחקס פּנים איז קויל־שוואַרץ, אַ שוואַרצע קראָ פֿלאַטערט איבער זײַערע קעפּ מיט דײַן קול אין אָפֿענעם מויל: „זאָל מײַן קללה אויפֿגיין פֿאַר דיר ווי דאָס פֿײַעראָפּפֿער וואָס שמעקט צו דײַנע נאָזלעכער.״

„שלאָף אײַן,״ האָט הגר געגלעט דעם ציטערנדיקן ישמעאל, „עס פֿאַלט דער טוי פֿון הימל, די ברכה פֿון דער נאַכט פֿאַרן מידן וואַנדערער אין דער מדבר, דרימל אײַן און פֿאַרגעס די שרעקן פֿון די פֿאַרגאַנגענע טעג. איך האָב געשאָלטן פֿון בייזן געמיט. מיט דײַן שנאה האָב איך געשאָלטן דאָס הויז פֿון דער זאָטער און גרויסמוויליקער. און ווי אַ פֿײַל פֿון דײַן בויגן האָט די קללה דעם הימל געלעכערט.״

„אין מײַן האַרץ האָט זי געטראָפֿן,״ האָט ישמעאל זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויפֿגעזעצט, „עס זײַנען שלאַבעריק געוואָרן מײַנע אָרעמס, פֿינצטער איז געוואָרן אַרום, בלויז געשריי האָב איך געהערט, און גאָרנישט מער.״

„עס איז געווען מיין קול וואָס האָט דיך געוועקט, ישמעאל,” האָט הגר אים צוריק אָװעקגעלייגט אויף אַ זייט, „מיין קול מיטן צוזאָג פונעם האַר: דו וועסט זיין צו אַ גרויס פאָלק, צווישן דיינע ברידער, די מדבר־זין, וועסטו רוען, אַ בויגן שיסער ווי זיי. דיין האַנט אין יעדנס לייב און דיין אָרעם אויף יעדנס נאַקן.”

„מיין לייב אין יעדנס האַנט, יעדנס אָרעם אויף מיין נאַקן,” האָט ישמעאל געמורמלט פון שלאָף, „האָסט מיך פאַרשאָלטן, מוטער, מיט מיין פייל, און דו ביסט נישט שולדיק.”

„דיין אָרעם אויף יעדנס נאַקן, ישמעאל. דער האַר האָט דערהערט מיין געבעט און די ברכה איז דיין, און דער מדבר וועט זי דערהיטן. ער איז דיין שפּייזער און דיין היים. מיטן פייער־בראַנד פון דער פרימאָרגן זון וועט דיין פייל פליען און טרייבן דעם ווילד־אָקס פון זיין פּאַשע־פּלאַץ און דעם וויזלטיר פון זיין באַהעלטעניש. זע, די שטערן קוקן אויף דיר מיט די גרויסע אויגן פונעם האַר, און זיי וועלן דיך שיצן און פאַרהיטן, מיין זון.”

„די גרויסע אויגן פונעם האַר,” האָט ישמעאל געמורמלט פון טיפן שלאָף.

---

עס איז שוין געווען אין סוף פון דער נאַכט, ווען הגר האָט זיך איבערגעכאַפּט פון שלאָף און דערזען ישמעאלן זיצן לעבן קוואַל און גלאָצן פאַר זיך. זי האָט זיך שטילערהייט צוגעשאַרט צום אָרט וואו ישמעאל איז פריער געלעגן און גענומען דעם בויגן מיט זיך, און מיטן ערשטן פלאַם פון דער נייער זון, האָט זי זיך אַ שטעל געטאָן פאַר אים מיטן בויגן אין דער האַנט און אַזוי געזאָגט:

„דער האַר איז מיט דיר, מיין קינד, איל זיך מיט דער זון צוגלייך.”

„מיט דער זון צוגלייך, מיט פייל און בויגן, האַר!” האָט ישמעאל אַ כאַפּ געטאָן דעם בויגן און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט ווי אַ מזרח ווינט.

# װען דער האַר האָט געצאָרנט

## א

אין יענע טעג, האָט אַ פֿייערדיקע זון הויך געפֿלאַמט איבערן גאַנצן פּלוין פֿון דרום לאַנד. טרוקן זײַנען געװאָרן אַלע קװאַלן, און ליידיק װי אַ גרוב אַ פֿאַרלאָזענער, זײַנען געװאָרן די ברינעמער אין גאַנצן אַרום. דערנאָך האָט אַ מזרח װינט אַ יאָג געטאָן מיט דינעם בריענדיקן שטויב פֿון זאַמד, װאָס האָט גרוי געמאַכט די פֿאַרברענטע געװיקסן און פֿאַרצוקט דאָס לעצטע ביסל פֿײַכטקייט װאָס דער טוי פֿון דער נאַכט האָט באַהאַלטן אין דער מאַמע־ערד.

זײַנען די ערד־אַרבעטער אַרומגעגאַנגען פֿאַרצאָגטע און מיט קעפּ געבויגענע צו דער ערד, און די פּאַסטעכער האָבן מיט די פֿאַרשמאַכטע טשערעדעס געבלאָנקעט אין די בערג צו זוכן אַביסל שאָטנדיקע פֿײַכטקייט אין די היילן און באַרג־שפּאַלטן.

װי אַ קאַלך־אויװן איז דער גאַנצער פּלוין געװען, און ס'איז אויפֿגעגאַנגען פֿון דאָרט דאָס ביטערע קרעכצן פֿון פֿרויען און קינדער צוזאַמען מיטן יאָמערלעכן בלעקעכצן פֿון די בהמות און שעפּסן.

אין די געבערג, אויף די הייליקע שפּיצן, האָבן די כּוהנים קרבנות געשאָכטן און מיטן װאַרעמען בלוט געשמירט די געצן, און זיי דערנאָך געטראָגן איבער די פֿאַרטריקנטע פֿעלדער מיט געזאַנג און געליאַרעם; די הייליקע יונגפֿרויען, האָבן ביים שײַן פֿון לבֿנה אַרומגעבלאָנקעט אין די בערג און געריסן װילד־געװיקסן מיט די הוילע הענט. געמישט זיי מיט װײַרויך און רויט־געװירץ, און געראויכערט אויפֿן הייליקן פֿײַער פֿון מזבח; די הימלקוקערס און שטערנזעער, האָבן געקוקט דורך די זײַלן רויך כּדי צו טרעפֿן צי דער צאָרן פֿונעם האַר װערט אין הייליקן רויך פֿאַרשלונגען.

„עפן דיינע נאָזלעכער, האַר,
און זאָל דער ריח באַטעמט זיין
צו דיין גומען איצט און אַלעמאָל,
ביז פאַרדעקן וועט דער רויך
דאָס פייערדיקע אויג, —
דעם גרימצאָרן פונעם האַר!"

האָבן די כוהנים געפּרעפּלט און געשפּרייט די הענט צום פייערדיקן הימל.

אויך אין די טאָלן, אונטער די לינדנביימער, האָבן די הייליקע מיידלעך די אויגן זיך אויסגעוויינט; אָנטבלויזט די לייבער קעגן דער לבנה, זיך געשמירט מיטן בוימל געוואַרעמט ביים הייליקן פייער פון מזבח און זיך געצייכנט מיט די הייליקע נאָדלען און אזוב געפלעכטן:

„זע, האַר, אונדזער פּיין,
טרוקן די טראַכט פון מאַמע־ערד,
לײַדיק אונדזער שייער."

נאָכט אויף נאָכט אַזוי, און קיין לינדערונג איז נישט געקומען. „דאָס אויג פון האַר איז בלוטיק רויט און זיין צאָרן איז גרימיק, פון וועגן דער זינד וואָס איז מיט אונדז טאָג און נאַכט," האָט דאָס פּראָסטע פאָלק זיך געשושקעט מיט טרויער און שרעק.

קיינער האָט נישט אָנגערופן די זינד ביים נאָמען, נאָר אַלע האָבן גע־וואוסט וואָס די זינד איז.

„ס'איז נישט געווען נאָך אַזוינס אין אונדזער לאַנד, זינט די טעג פון נאָכן מבול."

„מיט די געטער זיינען זיי געגאַנגען אין וואוילטאָג און נישט געלעס־טערט."

„פון דער מדבר האָט מען נייע פירעכצן אונדז געבראַכט, איז ווי צו אונדז געוואָרן."

„דער מדבר גייט אויף אונדז צוליב אונדזערע זינד."

„איז עס דען נישט געווען אויסגעקריצט אויף שטיין און ביין אין הייליקן טורעם, אין שלם: דער ערשטער איז הייליק און זיין בלוט דאַרף דורך פייער מיט אים זיך באַהעפטן..." האָבן אַנדערע שוין הויך די זינד דערמאָנט.

„האָבן מיר דען אַ נייעם שטיין געקריצט?״

„מלכי צדק, האָט דאָך אָבער אַליין די ווידערס געהייליקט און זייערע הערנער פאַר שופרות געריינקט פאַרן כבוד פונעם האַר:״

„אַ באַראַן פאַר אַ מאַן
און פליש פאַר פליש
שמעקט זיינע נאָזלעכער — — ״

האָבן אַנדערע פון זיך אַליין גענומען פרעפּלען די באַקאַנטע ווערטער.

„עס האָט מלכי צדק געלייענט די צייכנס פון די שטערן און בלינד געוואָרן...

„פאַר די זינד פון זיינע קינדער וואָס האָבן אונדז פאַרבלענדט מיט פרעמדע מנהגים.״

„מיט די מדבר לייט האָבן זיי זיך באַהעפט, מיט די עברים, די קעמל טרייבער.״

„דאָס לאַנד איז פריי געוואָרן פון זייער מי, און פרידן הערשט אויף דער ערד!״ האָבן יינגערע דערווידערט.

„קומט די בראַנד פון אַלע זייטן. דער מדבר גייט אויף אונדז און פאַרלענדט.״

„מלכי צדק איז בלינד, ווי צו אונדז, זעט ער נישט...״

אַזוי האָבן זקנים געמורמלט אין די געצעלטן, און יונגע טאַטעס האָבן שטום געשוויגן, געבראָכן די פינגער אין דער שטיל און געציטערט מיט די שוואַרצע בערד. מאַמעס מיט צעשראָקענע אויגן, האָבן זייערע ערשטע געהיט און מיט שטומען צער נאָכגעקוקט די טריט פון זייערע האַרן ווע־מעס ערשטע זיינען נאָך נישט אויסגעלייזט.

## ב

אַזױפֿן שװעל פֿון איר געצעלט איז די האַרינטע, פֿון די עבֿרים געזעסן אַ צאַפּלענדיקע. שױן דרײַ טעג, אַז איר אײנציקער איז אין ערגעץ נישט צו געפֿינען. דאָס האַרץ איז איר זײער שװער, װײַל פֿון יענעם טאָג אָן װען דער האַר האָט זיך דערװײַטערט פֿון איר, איז איר אײנציקער אַלעמאָל מיט איר װען דער טאָג פֿאַרגײט. און אָט זײַנען שױן דרײַ זונען פֿאַרגאַנגען און ער װײַזט זיך נישט.

אַלט, זײער אַלט איז די האַרינטע. עס איז די עלטער זי באַפֿאַלן מיט אַמאָל. קױם װאָס זי הערט און קױם װאָס זי זעט, אָבער די טריט פֿון איר אײנציקן פֿאַרנעמט זי נאָך פֿון װײַטן. זײַן פֿרײדיקן שפּאַנען צו איר יעדן פֿאַרנאַכט דערזעט זי אַפֿילו דורכן זאַמד־שטױב װאָס די טשערעדעס הײבן אױף קעגן דער אונטערגײענדיקער זון.

אָן רײד קומט ער און נעמט איר האַנט אין זײַנער, און ס'איז גלײַך װי דער האַר אַלײן זאָל זי באַרירן. איר גאַנצע בענקשאַפֿט צום האַר, װאָס האָט זי פֿאַרלאָזט גלײַך נאָכן פֿאַרטרײַבן די דינסט מיט איר זון, טוט אַ צאַפּל אױף װען איר אײנציקער רירט איר האַנט אָן.

„דו װײסט דאָך, האַר," פֿליסטערט זי אין זיך צו אבֿרהמען דורכן אָנריר פֿון איר אײנציקן, „נישט צוליב מיר האָב איך דיך באַטריבט. נישט צוליב מיר האָב איך די דינסט פֿאַרטריבן. צוליב אים, אונדזער לאַכעדיק שעפּסעלע, האָב איך מײַן האַרץ געמאַכט פֿון שטײן און מײַן געצעלט פֿאַראומערט מיט עלנט. און עס טוט מיר נישט באַנג," טוליעט זי זיך צום שװײַגנדיקן זון, װי װעלנדיק דורך דעם באַהעפֿטן אירע רײד מיטן האַרס לײַב, „מײַן טאָג פֿאַרגײט, האַר. אין שאָטן פֿאַרגײען מײַנע לעצטע שעהן און ס'איז מיר גוט, װײַל יעדן אָװנט איז מײַן זון מיט מיר, און דו ביסט מיט מיר כאָטש אַזױ װײַט. ער איז אין גאַנצן מײַן און דו האָסט אים ליב, װײַל דײַן אײנציקער און ערשטער איז ער איצט..."

זי האָט יצחקן קיינמאָל נישט געפרעגט צי ער האָט דעם פאָטער געזען און וואָס ער מאַכט. מיט שטאָלץ האָט זי זיך צוגעקוקט ווי ער שפּאַנט צו איר זוי אברהם אַמאָל. זיינע ליכטיקע האָר קרייזלען זיך ווי ביי אַ שעפּס פּונקט ווי דעם פאָטערס, נאָר דעם פאָטערס האָר זיינען פלאַמיק רויט און דעם איינציקנס פלאַטערן מיט אַ בלענד; דעם פאָטערס פּנים איז האַרט און פון ווינט צעשמיסן, און דעם זונס מילד און צאַרט; דעם פאָטערס קול קלאָר און זיכער, און דעם זונס — פאַרחלומט און גלעטנדיק. אַז ער דערציילט עפּעס איז עס אַזוי פאַרהוילן און בענקנדיק ווי דעם האַרס קול אַמאָל אַמאָל. ווען ער האָט אין „אור" נאָך זי אַ צי געטאָן צו זיך דאָרט ביים ברונעם, אין דער נאַכט פון דער ניי געבוירענער לבנה:

„זעסט, מיין האַרינטע וועסטו זיין ווי די מלכה פון הימל, איינע און איינציקע ווי זי. וועסטו גיין מיט מיר אין דער ווייט ווי זי?"

„צי מיך און איך וועל לויפן, מיין האַר, מיין שטראַלנדיקער," שעפּטשעט זי אין דער שטיל און הערט זיך איין צו יצחקס גלעטנדיק קול ווי עפּעס פון אַ מיטן ארויס.

„אויף די בערג רויכערן זיך די נעפּלען. אין די היילן הויערט אַן אימה," האָט ער אָפּט ווי פון זיך אַליין אַנגעהויבן, „מ'דאַרף זיך דערוויסן וואָס עס איז דאָרט, ווער עס באַהאַלט זיך דאָרט."

ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער אָפּט איבערדערציילן די מעשות וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון די פאַסטעכער וועגן די היילן וואו דער זיידע קין האָט זיך באַהאַלטן מיטן גליענדיקן האָרן אויפן שטערן, און וועגן די נעפּלען צווישן וועלכע דער הייליקער חנוך איז פאַרשוואונדן אויף אייביק. נישט אַנדערש, אַז גאָט אַליין האָט אים געקושט דאָרט אויפן שפּיץ פון די פעלזן. זי האָט געשלונגען יעדן וואָרט און געצאַפּלט מיט פרייד און שרעק: „גיי נישט אַהין, קינד, ס'איז פאַרהוילן פאַר אונדז דער סוד פון די ערשטע טעג. זע, ס'איז אַזוי ברייט דער פּלוין און נאָענט דאָס אַקער פעלד. די ברכה פון האַר איז דאָ מיט אונדז."

„דער האַר וועט מיך נעמען אַהין צו די בערג און אין דער מדבר אַריין, וואו דער — — —" האָט ער זיך איינמאָל אַרויסגעכאַפּט פאַר איר און אָפּגעהאַקט.

„דער האַר וועט דיך," האָט זי אים האַסטיק אַ צי געטאָן צו זיך און אַנטשטומט געוואָרן.

דאָס גאַנצע לייב האָט אין איר אַ ציטער געטאָן און מיט אַלע כוחות האָט זי קוים זיך איינגעהאַלטן נישט אויפצושרייען. זי האָט געוואוסט, אַז דער האַר טיילט זיינע טעג מיט דער איינזאַמקייט פון דער מדבר פון די זיבן ברינעמער.

די שפּורן פון די אַרויסגעטריבענע זוכט ער דאָרט. מיט פאַרמאַכטע אויגן אַפילו זעט זי נאָך אַלץ יענעם אויפגעפלאַמטן שטילן פרימאָרגן, ווען הגר האָט אַוועקגעשפּאַנט מיט איר איבערגעוואַקסענעם רעווענדיקן זון, אַן איינגעהילטע אין גרויע שלייערן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבערן זאַמדיקן שטעג און געלאָזט שמאָלע צייכנס ביזן ראַנד פון דער פאַרהוילנקייט. זי האָט געזען ווי אברהם האָט מיט ציטערנדיקע הענט געקניפּט און פאַרבונדן די ליילעכער פון דעם געצעלט פון דער דינסט און געפילט, אַז מיט דער פּלייצע אַפילו קוקט ער איר נאָך און פאַרקניפּט די עקן פון אירע נאָכהענגענדיקע שלייערן אין אַ גרויסן געפלעכט, וואָס זאָל לאָזן סימנים אויף אַלע וועגן. די אַנגסטיקע קעלט נעמט זי אויך איצט דורך, כאָטש ס'איז שטיקנדיק הייס אַרום און אַרום.

„אָ, האַר,“ רייסט זיך פון איר די שטומע שרעק איצט ווי אין יענעם פרימאָרגן.

גאַנצע טעג און וואָכן איז דער האַר נישטאָ אין די געצעלטן. זי פילט עס פון דער שטילקייט וואָס נעמט דאַן אַרום דעם גאַנצן פּלוין. די הויז־מיידלעך מיידן זי אויס און אַפילו אליעזר ווייַזט זיך נישט, כדי נישט צו דאַרפן ענטפערן אויף איר פרעגנדיקן בליק. זי ווייסט: נאָך די צייכנס ציט ער איצט. אין דער מדבר איז ער אַוועק. מיטן שפּראָץ אויף טאָג, האָט ער אין געאייל געשפּאַנט דאָס אייזל און אויפגעלאָדן אויף דעם פולע לאָגלען וואַסער, געטריקנטע פייגן, געפּרעכטן קעז און האָניק און דין געבאַקענע קיכלעך; פון אַלע שפּייזן וואָס קענען לאַנג געדויערן האָט ער צוביסלעך מיטגענומען און זיך אַרויסגעשלייכט פון הויף איידער דאָס געזינד איז וואַך געוואָרן. קיינער האָט נישט געזען וואוהין ער איילט אַזוי, אָבער אַלע האָבן געוואוסט צו דערציילן פון אויער צו אויער: „דאָס הארץ גייט אים אויס פון בענקשאַפט צו זיי. צו הגרן און ישמעאלן איילט ער, אין דער מדבר פון די זיבן ברינעמער. דאָרט זוכט ער זיי.“

„דער דינסט טריט גייט ער נאָך...“ האָט זי אָפט אַ ציטערנדיקן שעפּטש געטאָן פון גרויס באַטריבטקייט, ווען די איינזאַמקייט האָט איר שוין איבער־

דריסיק געקלעמט.

„די בענקשאַפט צו דעם וואָס איז געבוירן אין זיין געצעלט פירט אים,״ האָט יצחק צאַרט געגלעט די הענט פון דער איינגעשרומפּענער האַרינטע. „זיין אויג היט אים און ס׳וויל זיכער זיין, אַז דאָס בייז פון דער מדבר האָט אים נישט פאַרשלונגען.״

„צו זיין געצעלט טוט ער קומען,״ האָט זי פּלוצים אויפגעצאַפּלט און אַ פּליסטער געטאָן ווי פון אַ הינערפּלעט אַרויס אַן אַלט באַקאַנטע זעאונג. „ער גייט פונעם איזל נישט אַראָפּ...״ קנייטשט זיך אַ נחתדיקער שמייכל אויפן צעקאַרבטן פּנים, „דער בויגנשיסער איז אין געצעלט נישטאָ...״

„אין געיעג אַ גאַנצן טאָג,״ פאַרענדיקט פאַר איר יצחק די מעשה, און זיי זעען ביידע דעם האַר אַ געבויגענעם אויפן איזל פאַר אַן אָפן געצעלט. ער וואַרט עמיץ זאָל אַרויסקומען פון דאָרט. און וואָס לענגער עס דויערט, אַלץ קלאָרער זעען זיי ווי זיין גאַנץ געביין איז איין שטיק וואַרטן אין צעגליעטן דרויסן. „און אויך די דינסט וויזט זיך נישט.״ שעפּטשען ביידע גלייך אַרויס און ווייסן נישט ווער עס האָט עס אַרויסגעזאָגט, און פילן נישט צי ס׳איז ביטער דאָס זאָגן צי זיס אויפן גומען.

„צו זיך אין לאַנד, קיין מצרים, האָט זי זיך אומגעקערט,״ דערמאָנט זיך יצחק וואָס ער האָט אונטערגעהערט פון די פאַסטעכער.

„אַ ווייב האָט זי געקויפט פאַרן בויגנשיסער,״ ווייסט אויך די האַרינטע וואָס מ׳דערציילט וועגן דעם אין די געצעלטן.

„דאָס אויג פון האַר וויל זיכער זיין, ווער עס היט דאָס געצעלט פון דעם וואָס איז זיין,״ טרייסט זי יצחק.

„דאָס האַרץ פונעם פאָטער,״ גליווערט איר לייב און קנוילט זיך איין אין שטומען פּיין. אַ ווייטיק קלעמט איר און דאָס מויל עפנט זיך שוין פון זיך אַליין מיט אַ טענה אָבער זי פאַרבייסט די ליפּן און שטומט. זי נעמט אַרום איר איינציקן און טוליעט זיך צו אים מיט ציטערניש.

אַזוי איז עס אַלעמאָל. אָבער איצט, אויפן דריטן טאָג ווי דער איין און איינציקער איז אויך נישט מיט איר, צאַפּלט איר גאַנץ געביין. די קילקייט פון אָוונט גליווערט די גלידער און פרירט דעם שוויס אין די שלאַבעריקע געלענקען. אַ גרויל קלעמט דאָס פלאַטערנדיקע האַרץ און יעדער שטערן פינקל אויבן דאָרט, שטעכט איר לייב מיט שרעק און שווידער: „אין די בערג איז ער

אַוועק דער מילדער לאָם. אין קינס היילן וואו דער בויגנשיסער האָט זיין נעסט פאַרהוילן. ער וועט אים פאַנגען.״ טוט זי זיך אַ ריס פון אָרט און בלייבט שטאַר שטיין אין מיטן אַ פעלד אַנטקעגן אַן אויסטערליש געשטאַלט: אין שוואַרצע יילעכער געהילט דער גאַנצער גוף און אָפענע אויגן ווי דער תהום קוקן אַרויס פון זיי; דאָס פנים געשפּיגלט אין לבנה־שיין איז אָט פון פאָרנט און אָט פון הינטן, אי נאָענט, אי אַזוי ווייט, אַז זי קען עס נישט דערזען. אַ בשורה ברענגט עס און יעדן וואָרט איז אַ מעסער מיט טויט אַנגסטן: „דער האַר איז אין דער מדבר געווען.״ הערט זי דאָס קול פון דער נאָענט און דאָך פון אַ ווייטער פאַרהוילנקייט. זי ווייסט עס שוין פון לאַנג, און אָט פילט זי איצט דאָס אומגליק אויפן שפּיץ פון זיין צונג.

„און מיין איינציקער?״ וויל זי אַרויסשרייען, אָבער בלייבט שטום שטיין שטאַרנדיק אין אַרומיקן חושך, וואָס האָט זי פלוצים אַרומגערינגלט. דאָס געשטאַלט האָט זיך אין חושך פאַרשאָטן און דער גאַנצער פינצטער רעדט צו איר: „די שטראָף וואָס איז אָנגעברייט פון סאַמע אָנהייב, איז אויף אונדז געקומען צוליב דעם איין און איינציקן וואָס איז נישט אויסגעלייזט.״

„דער האַר איז אין דער מדבר אַוועק צו געפינען דעם ערשטן פון זיין הויז,״ נעמט זי שפּאַנען ווי וועלנדיק אַרויסרייסן זיך פון דער פינצטער, „ער איז אויסגעלייזט שוין פון לאַנג.״

„אַז דעם בויגנשיסער, האָט דער מדבר פאַרשלונגען, האַרינטע, איז דיין איין און איינציקער דער ערשטער, און איז נישט אויסגעלייזט....״ דערזעט זי ווידער דאָס געשטאַלט פאַר זיך און דאָס קול קומט פון אַלע זייטן:

„דו אַליין האָסט דערצו געפירט. דעם ווילן פון גאָט טוט דער האַר בלויז. דעם איין און איינציקן, דעם וואָס ער האָט ליב, האָסטו נישט דערהיטן, האַרינטע. איז ער פאַרטאָג אויפגעשטאַנען, איידער נאָך די נעפּלען זיינען פון די בערג אַראָפּ און איידער נאָך דאָס הויזגעזינד פון די עברים, האָט דאָס קול פון פאַסטעך פייפל געהערט. דאָס אייזל האָט אַליין געשפּאַנט, גענומען דעם הייליקן טאָפּ מיט די גליענדיקע קוילן, און דאָס שטיין־מעסער און די זיבן מאָל זיבן געפלאָכטענע שטריק, און ווי ער האָט דאָס האַלץ אויפן איין און איינציקן אָנגעלאָדן, איז ער מיט די יונגען דעם פרימאָרגן אַנטקעגנגעגאַנגען צו די בערג. בלויז דער האַר און דער לאַכע־

דיקער לאָם דיינער, זיינען אויפן באַרג אַרויף. דאָס אייזל מיט די יונגען פון שטאָל, זיינען אין טאָל געבליבן וואַרטן אויף — — — "

פון גרויס שרעק האָט שרה דאָס לשון פאַרלאָרן און געגלאָצט אין דער פינצטערניש און דערזען, אַז דאָס געשטאַלט וואָס איז איר אויסגעקומען אַזוי אויסטערליש, איז גאָר אַן אַלטער, וואַנדערער־דורכגייער מיט שטויב אויף די צעריסענע קליידער און אויסטערלישע מעשה אויף דער צונג. אַלע אירע גלידער האָבן געפראָרן און געגליווערט, בלויז דאָס האַרץ האָט האָס־טיק געצאַפּלט, און אין די שלייפן האָבן געשלאָגן האַמערס.

זי ווייסט, אַז אַזוי טאַקע פלעגט מען אין איר היים־לאַנד טאָן, ווען דער פאָטער האָט אין אַ פאַרטאָג גענומען דעם עלצטן אין די בערג. בלויז די מאַמע האָט געקענט וואַכן איבער איר זון און פאַרשטעלן דעם פאָטער דעם וועג.

„און איך האָב מיין איינציקן נישט דערהיטן!" האָט זי מיט אַן איבער־געריסן קול אַ פאַל געטאָן צו דער ערד און קוים געהערט דעם פרעמדנס קול: „און עס איז געווען אויפן דריטן פאַרטאָג, זיינען זיי געקומען נאָענט צום אָרט. זיינען די נעפּלען פון די היילן אַרויס און פאַרדעקט יעדן שטעג. זיינען זיי געגאַנגען אָן אַ וועג און די שטילקייט האָט זיי געפירט ביז צום אָרט פון הייליקן מזבח. שטום דער פאָטער און גרוי זיין פּנים, נאָר דאָס קול פון קינד וואונדערט מיט שטוינען: „אָט איז דאָס האָלץ און אָט איז דאָס פייער, פאָטער, און וואו איז דער שעפּס פאַרן קרבן?"

האָט דער פאָטער געשלונגען שטיקער נעפּל און דאָס האַרץ האָט גע־צאַפּלט מיט יעדן וואָרט, וואָס האָט צו זיין אויער דערגרייכט: „דער האַר זעט שוין זיין שעפּס, מיין זון...."

„אַזוי זיינען ביידע געגאַנגען ביז....."

„שטיי אויף, האַרינטע!" הערט זי קוים אַ קול, אַ באַקאַנטס, וואָס וועקט זי פון טיפן דרימל, אָבער זי קען זיך נישט אָפּרייסן פונעם אָרט פון גרויען שטיין. אָט איז דער איין און איינציקער אַ געבונדענער, מיט אויפ־געריסענע אויגן צום הימל דעם פאַרנעפּלטן, און איבער אים — דער האַר מיטן בליציקן מעסער אין אויסגעשטרעקטער האַנט. רויט דער נעפּל איבער זיי און פלאַמיק דער פּאַס פון מזרח, וואו עס בלאַנקט אין פלאָנטער פון צווייגן־געפלעכט דער פאַרדרייטער האָרן פון דעם דורכאיילנדיקן באַראַן.

„אברהם!" טוט זי זיך אַ ריס צום אָרט פון גרויען שטיין און איר קול

שנײדט און טרײבט די נעפּלען. „אַ לאָם פאַר אַ מאַן! אַט איז ער מיט די הערנער אין געצװײַג פאַרפּלאָנטערט...."

„זאָלסט נישט אויסשטרעקן דײַן האַנט אויפן ייִנגל!" טראָגט זיך איר נאָך אַ ציטער־קול פון אַלע זײַטן.

„כ'װעל מער אויף דײַן װעג נישט שטיין, האַר!" יאָמערט זי מיט און שטרעקט די ציטערנדיקע הענט צו אים און פּילט, אַז דאָס חיות ציט זיך איר אויס ביז צום אָרט און בלײַבט ליגן אויפן אָנגעריכטן הױפן האָלץ װאו עס ליגט דער איין און איינציקער מיט פאַרבלענדטע אויגן צום רויטן הימל.

„האַרינטע!" װעקט זי אַלץ דאָס פריערדיקע קול. קוים װאָס זי עפנט די אויגן אויף און דערזעט אליעזרן שטיין אין דער עפענונג פון געצעלט מיט אַן אָפן מויל פון בשורה:

„דער האַר איז פון די בערג געקומען...."

„און דער......", האָט זי נישט באַװיזן צו פאַרענדיקן, און צום אויער האָט שוין נישט געגרייכט אליעזרס פריידיק פּרעפּלען: „דער איין און איינציקער איז מיט אים און אויך די יונגען, װאָס מיט זיי. די ערד איז געבענטשט, און אויסגעלייזט איז דער עלצטער פון די עברים מיט דער ברכה פונעם האַר פאַרן גאַנצן לאַנד. יעדער בכור איז אויסגעלייזט פון איצט אָן אין גאַנצן פלוין. זע, עס אײַלט דער רעגן פון מערב זײַט און זאָט װעט װערן די ערד מיט דער ברכה פון הימל. שטיי אויף, האַרינטע. דעם האַר מיטן אויסגעלייזטן הער איך קומען!" האָט אליעזר מיטאַמאָל דערפילט, אַז די האַרינטע הערט אים נישט און אַ ריס געטאָן דעם פאָרהאַנג פון געצעלט מיט אַ געיאָמער:

„די האַרינטע! האַר פון די עברים!"

„מ י י ן א י י נ צ י ק ע ר !" האָט שרה אַ לעצטן שעפּטש געטאָן מיט אַ צאַפּל, שטרעקנדיק די ציטערנדיקע הענט אין אַ האַלב קרײַז װי זי װאָלט עמיצן אַרומגענומען.

אין דרויסן האָט אַן אייזל זיך אומגעהייעריש צעשריגן, און שטאָלפּערנדיק הינטערװיילעכץ, האָט אליעזר זיך אַרויסגערוקט פון געצעלט מיטן געיאָמער פון טויט־שרעק :

„ד י ה אַ ר י נ ט ע !"

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין שוויגער
גיטל פּאָפּעליס ע״ה
וואָס איז געווען צו מיר
ווי א מאַמע.

## און ס'איז געווען אָוונט און ס'איז געווען פרימאָרגן

••• אָוז, ווען אָדם האָט ס'ערשטע מאָל די אויגן געעפנט, איז דאָס ליכט פון די ערשטע טעג הויך געשטאַנען איבער דער וועלט. ס'איז געווען זייער שטיל ארום און ארום, נאָר אין זיינע אויערן האָט נאָך פריידיק געפלאַטערט דער יובל פונעם קול וואָס האָט אים גערופן:

„שטיי אויף, אָדם, און גיי!"

האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפרייזן איבער דער וועלט. מיט אָפענע אויגן און אָנגעשטעלטע אויערן האָט ער געשפּאַנט פאָרויס אַ דערשטוינטער. איבער זיין קאָפּ, — דאָס ליכט פון זיבן זונען, און אונטער זיינע פיס, — דאָס געלע זאַמד אין שימער.

„שטיי אויף, אָדם, און גיי!" האָט ער מיטן פולן מויל נאָכגעצויגן נאָכן קול וואָס אין זיינע אויערן. האָט זיין געשריי זיך אַ יאָג געטאָן אין דער בלענדנדיקער ליכטיקייט און אָפּגעהילכט אין צעכוואַליעטן גראָז פון נאָענטן טאָל:

„שטיי אויף, אָדם, און גיי!"

האָט ער מיט וואונדער זיך גענומען אַרומקוקן אין אַלע זייטן פון דער וועלט און ווידער אַוועקגעאיילט אויף זיין וועג. אָבער זיין בליק האָט לאַנג נישט גערוט אויף קיין זאַך, נישט אויפן געלן בליאַסק פון זאַמדיקער ערד, און נישט אויפן זילבערנעם גלאַנץ פון כוואַליעדיקן וואַסער; נישט אויף דעם ווייסן שטיין פון באַרג און נישט אויפן גרינעם גראָז פון טאָל.

ס'איז געווען נאָך איידער גאָט האָט רעגן אַראָפּגעשיקט אויף דער ערד, און נאָך איידער די ביימער האָבן זייערע קעפּ געהויבן אין דער הויך. ס'איז נאָך ניי געווען די וועלט און יונג.

האָט אָדם פריי און גרינג זיך געטראָגן איבער דער וועלט. געשפּאַנט אין הייסן זאַמד און זיך געפּליעסקעט אין קילן וואַסער; געקלעטערט אויף

בערג און זיך געוואַלגערט אין גראָז. מיט די הענט און פיס און אַלע אבֿרים, האָט ער אַלץ אָנגעדירט און געטאַנצט פון פרייד; געקראָכן אויף אַלע פיר יאָגנדיק דעם אייגענעם שאָטן און באַלד אויפגעשפרונגען רופנדיק:

„שטיי אויף, אָדם, און גיי!"

עס האָט געזונגען אין אים און אַרום אים, און איבער אים, — זיבן זונען,בלענדנדיק אין העלקייט.

אַזוי אַ גאַנצן טאָג, ביז ער איז פּלוצים געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער: דאָס ליכט פון טאָג האָט זיך אַ לעש געטאָן און פאַרשוואונדן; די הייסע ערד, — אָפּגעקילט און גרוי, און די גראָזן, — געבויגענע צו דער ערד, האָבן די רעגנבויגן־פאַרבן פאַרלאָרן. די וועלט האָט זיך אין אַ שטומער קלעמעניש איינגעהילט.

האָט אָדם מיט שטוינונג געבליקט אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט און גענומען ציטערן מיט אַלע גלידער. ער האָט נאָך איינמאָל געפּרוּווט אַ רוף טאָן מיטן קול וואָס אין זיינע אויערן, איז עס געווען פרעמד און הויל. איז ער אַ פאַל געטאָן צו דער ערד מיטן פנים אַראָפּ מיט אַ פאַרקלעמטן געיאָמער, אָן אַ קול.

און אַ נעפּל איז אויפגעגאַנגען פון דער ערד און אַלץ אַרום אים פאַרדעקט און איינגעהילט. איז ער אַזוי געלעגן געגליווערט פון קעלט און שרעק, דאָס קול וואָס אין זיינע אויערן איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן, די אויגן פאַרקלעפּט מיט בלינדקייט פון געדיכטן נעפּל, און אַלע גלידער שווער געשלאָגן מיט טויבקייט.

און ווען דער פייכטער טוי האָט געניִדערט אויף אים, האָט ער ווידער דערפילט אַז ער ציטערט און די ציין זיינען אים אייליק. האָט ער מיט גיריקייט געלעקט דעם נאַסן טוי און מורא געהאַט דעם קאָפּ אויפצוהויבן.

לאַנג, זייער לאַנג האָט ער אַזוי געהויערט אויף אַלע פיר און שווער געאָטעמט, ביז אַ געהייל פון ערגעץ זייער ווייט האָט פּלוצים צעריסן די אַרומיקע שטומקייט. האָט עס אָדמען אויך אויפגעריסן פון זיין טויבקייט, און ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און אַ ברום געטאָן מיטן עכאָ פון יענעם געהייל און גענומען טראָגן זיך אין דער פינצטערניש אַריין.

ביז טיף אין דער נאַכט אַריין האָט ער זיך אַזוי געטראָגן, און פאַר אים און נאָך אים זיינען געלאָפן קליינע חיהלעך, וואָס האָבן זיך געאיילט צו אַנטרינען פון מויל פון אַ רויב־חיה.

מיט די הענט פֿאַרויס און ברייט צעעפֿנטע אויגן, האָט ער געשניטן די פֿינצטערניש און געוואָיעט און געציטערט אויפֿן קול. ערשט ווען די פֿיס האָבן אים אַריינגעפֿירט אין אַ טיפֿן שטראָם אַריין, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען גלאָצן אין אַלע פֿיר זייטן פֿון דער וועלט.

„שטיי אויף, אָדם, און גיי!" האָבן זיינע פֿאַרהאַקטע ציין מיט אַמאָל אַרויסגעלאָזט דאָס קול קלאָר און ריין, און אַ ווידערקול פֿון ווייט האָט אים נאָכגעזאָגט וואָרט אין וואָרט. האָט ער אָפּגעווענדט זיינע אויגן פֿון אַלע פֿיר עקן פֿון דער וועלט און דערזען, ווי איבער אים און פֿון אַלע זייטן פֿון אויבן,ווינקען צו אים ווייסע לאַנגע שטראַלן, איז ער אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן באַרג און אַ הירזשע געטאָן אַ דערשטוינטער: „אָ האָ, אָ!"

די שרעק האָט זיך אָבער נאָך נישט געהאַט אָפּגעטאָן פֿון אים, האָט ער זיך פֿאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און אַ פֿאַרגאַפּטער אַזוי לאַנג געבליקט אין הימל אַריין, ביז די אויגן־לעפֿלעך האָבן זיך אים גענו־מען פֿאַרמאַכן און פֿון זיך אַליין האָט ער גענומען מורמלען מיט גרויס צי־טער: „אָ, רעד צו מיר נאָך אַמאָל!" ער האָט אָבער געמורמלט אַזוי שטיל, אַז אַפֿילו קיין עכאָ האָט אים נישט געענטפֿערט. האָט ער געוואָלט די אויגן אויפֿרייסן, האָט ער אויך נישט געקאָנט, ווייל דער שלאָף האָט אים באַוועל־טיקט און אַראָפּגעדריקט זיין קאָפּ צווישן די קני.

ער האָט אָבער נישט געוואוסט אַז ער שלאָפֿט און נאָך אַלץ געצאַפּלט מיט אַלע גלידער: „רעד צו מיר נאָך אַמאָל!"

און אַז די שטילקייט אַרום אים האָט זיך נישט אָפּגערופֿן, האָט ער גע־שטרעקט די הענט צו די שטערן, אָנגעכאַפּט די ווייסע זילבער שטראַלן און זיי געגלעט און געטוליעט צו זיך, און געקלעטערט מיט זיי אויף די בערג און געקראָכן אויף אַלע פֿיר, און געהויבן זיך אַלץ העכער און העכער רופֿנדיק שוין הויך אויפֿן קול: „אָ, האָ, האָ!"

און פּלוצים האָט אַ גרויסער פּחד אויפֿגעשפּיזט די האָר אויף זיין לייב, ווייל ר'האָט דערפֿילט אַז ער הערט נישט דעם אָפּקלאַנג פֿון זיין אייגן קול, און אַ שטומע פֿינצטערניש הויערט איבער אים. האָט ער זיך אַ ריס גע־טאָן פֿון אָרט און געעפֿנט די אויגן אין אַ צאַפּלענדיקער שרעק. אָבער זע אַ וואונדער: ביים ראַנד פֿון הימל, האָט אַ רויטער פֿלאַקער אַ צינד געטאָן די וועלט: און אַ כאָר פֿון פֿייגל האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געזאַנג. איז אים פּלוצים אַזוי גוט געוואָרן אין גאַנצן לייב, אַז ר'האָט דערהערט דאָס קול

אין זײַנע אויערן און מיט גרויס פֿרייד האָט ער זיך גענומען טראָגן אין אַ ווירבלדיקן טאַנץ, און מיטגעיובלט מיט אַלע פֿייגל: „צווי, טשי, צווי, טשי, צווי, טשי.“

און ווען ער איז געקומען צו זיך פֿון דער גרויסער פֿרייד, איז די זון שוין געשטאַנען הויך אין הימל און ס'איז ווידער געווען שטיל אַרום און אַרום, נאָר דאָס קול אין זײַנע אויערן האָט זיך קלאָר און ריין געטראָגן אין דער לופֿטן פֿאַר אים, הינטער אים און פֿון אַלע זײַטן: „שטיי אויף, אָדם, און גיי!“

האָט ער געפֿאָלגט און איז געגאַנגען, און אין האַרצן בײַ אים האָט געזונגען אַ גרויס געזאַנג: „ס'איז געווען אָוונט און ס'איז געווען פֿרימאָרגן, איין טאָג.“

און ווידער האָט ער, אין גאַנג, געלאָפֿט און געשפּרונגען. וואו נאָר אַ גרעזל, האָט ער עס געגלעט און פֿאַרזוכט מיט די ליפּן; וואו אַ וואַסערל, האָט ער עס מיט די טריט געמאָסטן און געקילט אין דעם זײַנע גלידער; און אויך מיט די חיות פֿון פֿעלד איז ער נאָענט געווען, און גערעדט צו זיי און גערופֿן בײַם נאָמען.

זײַנען זיי אָבער אַנטלאָפֿן פֿון אים ווי נאָר ער האָט זיך געוואָלט צורירן צו זיי. האָט די פֿרייד זיך אָפּגעטאָן פֿון אים, ווײַל אַלץ אַרום איז געשטאַנען שטיל און קיינער האָט נישט געענטפֿערט זײַן רופֿן, און קיינער האָט נישט געזונגען זײַן געזאַנג. האָט ער הויך און שטאַרק גענומען רופֿן און געפּאַטשט זיך אין די היפֿטן בײַם אויסרופֿן אַ נאָמען פֿון אַ באַשעפֿעניש, אָבער בלויז אַ הויל און ווײַט ווידער־קול האָט אים געענטפֿערט. איז ער נאָכגעלאָפֿן דעם קול און עס נישט געקאָנט דעריאָגן, איז אים אַזאַ צער און אימה באַפֿאַלן, אַז ער האָט זיך אין דער גאַנצער לענג אויסגעצויגן אויף דער ערד און פֿאַרגראָבן די הענט אין זאַמד.

דער טאָג איז שוין געווען זייער הייס, און קיין חשק אויפֿצוהייבן זיך האָט ער נישט געהאַט, האָט ער בלויז מיט פֿאַרגאָסענע אויגן געקערט זײַן בליק אין אַלע זײַטן און געזען ווי די באַשעפֿענישן זיצן פֿאַרשטעקט אין די לעכער פֿאַרוויִז. איז אים נאָך טריבער געוואָרן דאָס געמיט, און פֿון גרויס בענקשאַפֿט האָבן אַלע גלידער אין אים זיך צעוויינט שטיל און יאָמערלעך און ביטער.

פּלוצים איז זײַן גאַנץ לײַב אויפֿגעציטערט געוואָרן פֿון גרויסער פֿרייד;

דאָס קול האָט זיך אומגעקערט צו אים. פון נאָענט און פון ווייט, פון איבער אים און פון אונטן איז עס געקומען, און אים איז אַזוי גוט און ליב געוואָרן. אַזאַ העלע ליכטיקייט איבער אים און אין אים. און דאָס קול אין די אויערן האָט געפּליסטערט און געפּלאַטערט ווי אין ערשטן טאָג. און ער האָט געפּילט און געוואַקסט, אַז אַלע שרעקן זיינען שוין פאַרביי. עמיץ רעדט צו אים, עמיץ איז מיט אים. האָט ער נאָך שטאַרקער געשלאָסן די אויגן זיינע און זיך געטוליעט צו דער הייסער ערד, וואָס האָט אויך ווי ער געהערט דאָס געזאַנג פון אַלע וועלטן.

און ס'איז געווען ווי די גאַנצע וועלט וואָלט מיט אַ מאָל צוגעשוואומען צו אים און געגלעט מיט ליבשאַפט און רחמנות:

„וואָס ווייִנסטו, אָדם ? וואָס פעלט דיר ?"

„זיי מיט מיר אַלעמאָל!" האָט אָדם אַרויסגעצאַפּלט, און אַלע זיינע גלידער געשטרעקט צו דער ליכטיקייט איבער אים, „כ'בין אַליין, ליכטיקער. איך לויף דיר נאָך און קען דיך נישט דעריאָגן. פאַרלאָז מיך נישט!"

„ווי קען איך דיך פאַרלאָזן, אָדם, אַז איך בין אומעטום," האָט דאָס קול זיך געוויקלט אַרום אים און אים געוויגט אַהין און אַהער.

„כ'בין אַליין, ליכטיקער," איז אָדם זיך פאַרגאַנגען אין געוויין, איך רעד און קיינער הערט נישט. איך רוף און קיינער ענטפערט נישט. זיי מיט מיר אַלעמאָל!"

„ווי קען איך זיין נאָר מיט דיר, אָדם, אַז איך בין אומעטום," האָט דאָס קול אים ווידער איינגענומען און געצערטלט זיין לייב, נאָר אָדם האָט זיך געצאַפּלט פון ווייטיק:

„וואָס טוסטו, ליכטיקער?"

„זע, פון דיין אייגן לייב וועל איך אַ העלפער דיר געבן, וואָס וועט זיין מיט דיר אַלעמאָל!" האָט דאָס קול זיך גענומען דערווייטערן פון אים און די ליכטיקייט האָט זיך אָפּגעטאָן.

„ווער זשע ביסטו, וואָס רעדסט צו מיר און קענסט נישט זיין מיט מיר?" האָט אָדם שווער געאָטעמט און זיך געוואָרפן אין אַנגסטן, „כ'וויל דיך זען!"

„וואַך אויף, אָדם, און זע, ביכט ערד, און פלייש און בלוט — — — "

„און ליכט," האָט אָדם אויפגעריסן די אויגן פון שלאָף מיט שטוינונג און שרעק:

„איך זע דיך נישט, וואו ביסטו?“

„אַט בין איך!“ האָט אים אַ קול פונקט ווי זײַנס געענטפערט פון דער זײַט, און אין זײַנע אויערן האָט פון גאָר ווײַט נאָך אַלץ געפליסטערט דאָס פרײַ־ערדיקע קול:

„ס'איז נישט גוט אָדם זאָל זײַן אַליין, הייב אויף דײַנע אויגן און זע דײַן אייגן פלייש און בלוט. פון דײַן זײַט, האָב איך זי געבויט אין דײַן שלאָף.

האָט ער קער געטאָן זײַנע אויגן אין דער זײַט און דערזען אַ באַשעפעניש פונקט ווי ער. איז ער אויפגעשפרונגען מיט פרייד און זי אָנגענומען בײַם אָרעם און געפלאַפלט:

„ביסט ווי איך, לעבעדיקע!“

„ביסט ווי איך, ערדיקער!“ האָט זי מיט דעם זעלבן קול אים געענט־פערט.

האָט אָדם זיך צעטאַנצט אַרום איר און אין גלוסטעניש געיובלט:

„פלייש פון מײַן פלייש און ביין פון מײַן ביין, איך רעד און דו הערסט, איך רוף און דו ענטפערסט. זײַ מיט מיר אַלעמאָל!“

„זײַ מיט מיר אַלעמאָל!“ האָט די פרוי אויסגעשטרעקט בײדע הענט.

האָט ער זי אַ צי געטאָן צו זיך, און צוזאַמען האָבן זיי זיך גענומען טראָגן איבערן פעלד מיט געלעכטער און געפלאַפל. האָבן די געפליגל פון אונטערן הימל דערהערט זייער קול און מיטגעפלאַפלט מיט זיי, און די גראָזן אויף דער ערד האָבן זיך אין די זיבן פאַרבן פון רעגנבויגן אויס־געפוצט, און די פרוכט־ביימער האָבן מיט פרייד די באַלאָדענע צווייגן זיי אַנטקעגן געשיקט, האָבן זיי געגעסן און זאַט געוואָרן און זיך ווייטער גע־טראָגן איבער דער וועלט מיט געזאַנג און פרייד.

און ווען דער טאָג האָט זיך גענייגט צום אָונט, האָבן זיי פון קיין שרעק מער נישט געוואוסט. זיי האָבן די פינצטערניש נישט געזען, נאָר דאָס געזאַנג פון זייער האַרץ איז געווען מיט זיי. און איבער זיי האָט געפלאַטערט דאָס ליכטיקע קול: „פילט אָן די וועלט און פאַרמערט זיך!“

און אדם האָט גערופן די פרוי, חוה, ווײַל זי איז די מאַמע פון אַלע לעבעדיקע.

# אינעם טאָל פון לאַנד שנער

## א

פון זוויט, פון די היילן און שפּאַלטן אין די אַררט־בערג אין מזרח זייט, האָבן די וואַנדערער געצויגן מיט קינד און רינד. הינטער זיי, דאָס לאַנד פון דער אויפגייענדיקער זון, וואו דאָס בלענדנדיק ווייסע זאַמד בריט די טריט, און פון פאָרויס זיי — דאָס לאַנד פון אָוונט שאָטנס, וואו הימל און ערד קילן זיך אינעם פּורפּור און בלוי פון גרויסן ים.

צופּיס און אויף מויל אייזלען, אויף הויקערדיקע קעמלען און ברייט־ביינינקע אָקסן, האָבן זיי געצויגן טאָג נאָך טאָג אָן אַן אָפּשטעל.

„דאָרט וואו די זון נייגט זיך צו איר רו, איז גראָז פאַראַן און זיס וואַסער,” האָט איינער דעם אַנדערן געשטאַרקט און געטרייסט.

ווי לאַנג זיי האָבן אַזוי געוואַנדערט ווייסט קיינער נישט. זיי אַליין אויך נישט. ס'האָט קיינער דעם וועג נישט געמאָסטן און די יאָרן פון וואַנדערן נישט געציילט, ס'איז שוין אַזוי לאַנג אין דעם, אַז זיי האָבן שוין אויך פאַרגעסן פון וואַנען זיי זיינען געקומען און פאַר וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט זייער פריערדיקע היים. איצט, ווייסן זיי בלויז איינס: הונגער און דאָרשט איז מיט זיי, און זיי מוזן געפינען אַ פלאַץ פון גראָז און וואַסער.

האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן בוים און קוואַל וואָס זיי האָבן באַגעגנט אויפן וועג און דערנאָך ווייטער געצויגן אַהין וואו די זון פאַרגייט פּורפּור רויט יעדן פאַרנאַכט.

„דאָרט איז רו און זאַטקייט, האָט טאַטע איבערגעגעבן זיין קינד, שטעל זיך נישט אָפּ אין וועג.”

מיט אָט דער האָפענונג זיינען אַלטע און שוואַכע אויסגעגאַנגען מיט אָפענע פאַרחלומטע אויגן, און יונגע און געזונטע האָבן נישטערנדיק די לופט מיט אָפענע מיילער און אויערן געצויגן אַלץ ווייטער און ווייטער.

ביז אײנמאָל האָט אַ ווינט אַ בלאָז געטאָן אויף זיי מיט פייכטן אָטעם, האָבן די עלטערע זיך געוואָרפן אויף דער ערד און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן געהערט דאָס ווייטע ריזלען פון קוואַלן און רוישיקן שומען פון כוואַליעדיקן ים.

איז די וואַנדערער אַזאַ פרייד באַפאַלן, אַז זייערע יובלענדיקע קולות האָבן פאַרטויבט דעם גאַנצן אַרום און פאַרהילכט דעם פייפנדיקן ווינט וואָס האָט זיך פריי געטראָגן איבערן ברוין זאַמדיקן פלוין. און ווען זיי זײַנען אָנגעקומען צום „טאָל פון שנער,” האָבן זייערע שוואַרץ־אַפּלען זיך צעשפּיגלט אין די ברייט געעפנטע אויגן מיט גרויס שטוינונג, און מער ווי איין וואָרט נישט געקענט אַרויסברענגען פון די פאַרטריקנטע גומענס: „אַהאַ!” זײַנען זיי געפאַלן מיטן פּנים אַראָפּ און געקושט יעדן גרעזל און שוואַרץ גרודקעלע ערד.

„אַ לויב דעם האַר,” האָבן די זאַפטיקע ריחות זיי פאַרשיכורט מיט אַ גלעטנדיקן געמורמל וואָס איז געווען אַזוי זענעפטיק און ליב, אַז זיי האָבן נישט געזען ווי די נאַכט קריכט לאַנגזאַם אַראָפּ פון די בערג אַרום און פאַרהילט אַלץ אין אַ טיפן פורפור און בלוי.

אַ גאַנצע נאַכט זײַנען זיי אַזוי געלעגן און נישט געוואוסט צי זיי שלאָפן, צי זיי זײַנען וואַך. אַפילו ווען די אייזלען האָבן זיך אינמיטן נאַכט אומגעהייער צעשריגן מיט אומעטיקער בענקשאַפט און איבערגעשראָקן די קינדער, האָבן די עלטערע בלויז אויף אַ ווײַלע געהויבן די קעפּ אַרויף און ווייטער געבליבן ליגן פאַרטאַיעטע. מיט האַלב אויפגעעפנטע אויגן געזען די בלישטשנדיקע שטערן טאַנצן אינעם טיפן בלוי, שפּרינגען פון אָרט צו אָרט ווי די אינדן אין פעלד און לאָזן נאָך זיך אַ פאַרהוילענעם ווייסן זילבער־וועג. האָט זיך יעדן איינעם געדאַכט אַז ער הערט אַ ציטערנדיק פלאַטערן פון אויבן איבערן קאָפּ און אַ שטיל שאָרשען פון גראָזן אונטן. האָבן זיי זיך אויך געהויבן פון די ערטער און פון יעדער גליד און אָדערל אין לײַב איז אויפגעגאַנגען דאָס גרינג פליכטערנדיקע געזאַנג וואָס האָט קיין נאָמען און קיין קלאַנג נישט געהאַט ביז יובל דער זינגער האָט עס מיטן זונען־אויפגאַנג פון דער האַרפע אַרויסגעצויגן און עס גערופן „דאָס פריי־מאָרגן געזאַנג פון שטערן און גראָזן.”

מיטן מאָרגן־רויט, האָבן זיי די קינדער אַראָפּגענומען פון די רוקנס פון די קעמלען און אייזלען, און באַלד האָט קינדעריש געלעכטער זיך פריי

צעקלונגען איבערן טאָל. נאָך די קינדער האָבן די טשערעדעס מיט פריי־
לעכן געבלעקעכץ זיך אַ לאָז געטאָן אין די הויכע גראָזן, און די ווייבער
האָבן אייליק געפלאָכטן גראָז־פלאַטעס צו באַדעקן די געצעלטן וואָס די
מענער האָבן אויפגעשטעלט.

„דאָס איז דער טאָג אויף וועלכן מיר האָבן אויסגעקוקט,” האָבן די
מענער מיט ליכטיקע פּנימער זיך באַגריסט.

„דאָס איז דאָס אָרט צו וועלכן מיר האָבן געגאַרט,” האָבן די ווייבער
געצאַפּלט פון פרייד.

און זיי האָבן זיך געפּלייסט און אויפגעשטעלט געצעלטן איידער נאָך
די זון האָט זיך ווידער גענויגט צו מערב און זיי האָבן די טשערעדעס איינ־
געזאַמלט אין דעם הויערפּלאַץ איידער נאָך די שאָטנס זיינען פון די בערג־
שפּיצן אַראָפּגעקראָכן אין טאָל אַריין.

און זיי האָבן דעם אָרט אַ נאָמען געגעבן „דער טאָל פון לעבן,” וייל
וואו דאָס אויג האָט אַ בליק געגעבן איז פול געווען מיט גערויש און גע־
פלאַפּל פון באַשעפענישן וואָס ווידמענען זיך אויף דער ערד; געפליגל וואָס
פליט שפּרינגענדיק אין גראָז און שוועבט פריי אונטערן הימל; און וואַ־
סערן און קוואַלן וואָס שטראָמען מיט אַ פּלייץ פון די בערג אַראָפּ ביז צו
די געדיכטע און פעטע גראָזן אַ מאָן די הויך.

און אַזוי האָבן זיי געלעבט: דעם טאָג האָבן זיי אויפגענומען מיט דער
פלייס און מי פון זייערע געזונטע הענט און די נאַכט האָבן זיי באַגעגענט
מיט פייערן און געזאַנג און זאַטע רו. זיי האָבן געגעסן דאָס פלייש פון די
חיות און געטרונקען די מילך פון זייערע פי און געלויבט דעם האַר וואָס
האָט זיי געפירט ביז אַהער.

„ס'איז זעטיק דאָס אָרט און אָנגעטרונקען פריש,” האָט יובל דער
זינגער געצויגען די כּטרונעס פון זיין האַרף.

„ווי דאָס גן־עדן גלייך, וואו גאָט אַליין שפּאַצירט אין העלן טאָג,”
האָבן יונגפרויען סאַמעטן שטיל געצערטלט דעם ניגון זיצנדיק פאַר די
געצעלטן אין העלע נעכט.

אַזוי זיינען פיל מאָל זיבן מאָל זיבן און נאָך מער זונען, אויפגעגאַנגען
און פאַרגאַנגען, און לבנות האָבן זיך קופּערן רויט געעלטערט און זילבערן
בלאַס באַנייט אַזוי פיל מאָל אַז נישט צום ציילן פיל. און זיי האָבן זיך
געפּרוכפּערט און געמערט און אָנגעפילט דעם גאַנצן טאָל.

## ב

און ס'איז געווען אַז דער טאָל איז אָנגעפילט געוואָרן מיט זיי, איז זיי ענג געוואָרן אין די געצעלטן. אַן אומרואיקער געמורמל האָט זיך גענומען טראָגן פון טיר צו טיר.

„קלייך איז אונדזער טאָל און נידעריק דאָס געצעלט,‟ האָבן יונגע זיך געקלאָגט.

„ווי דער בלינדער ערד־וואָרעם פאַרשאָטנט אין ענגשאַפט.

„לאָמיר אויף די בערג קלעטערן, נייע ערד זוכן און נעענטער צו די הימלען גרייכן!‟

אומזיסט האָבן טאַטעס זיך געפלייסט דעם אומרו צו לינדערן און ווידער אַמאָל און נאָך אַמאָל איבערדערציילט די שענסטע מעשות פון „טאָל פון לעבן.‟ זיי דערמאָנט אויך אין דעם זאַמדיקן מדבר וואָס ברענט ווי אַ קאַלך־אויוון בייטאָג און פרירט די גלידער ביינאַכט. אויך יובלס ליד פון גראָז און שטערן האָבן זיי מיט זיי געזונגען מיט געבעט און ציטער. זיי האָבן זיך אָבער נישט צוגעהערט און נאַכט אויף נאַכט מחנותווייז פאַר־לאָזן דעם טאָל.

„נייע הייכן וועלן מיר גרייכן! צו דער ווייט און ברייט וועלן מיר ציען,‟ האָט אַ נײַ ליד זיך געטראָגן פון אַלע ווינקלען פון טאָל.

איז אַ פחד באַפאַלן די איינוואוינער פון טאָל. „מיר זיינען אַ גרויס פאָלק. די ערד איז פול מיט אונדז. אַ געצעלט איז צוגערוקט צו אַ געצעלט. וואָס זאָלן מיר דען אָנהייבן צו טאָן? די געצעלטן זיינען פול שוין ווי אַ לאָגל. קוים דעם אָטעם צו כאַפּן. די הערצער פון די יונגע זיינען אומרואיק און די הענט שלאַבעריק.‟

אָפּגעטאָן האָט זיך די רו פון „טאָל פון לעבן,‟ אַ זון האָט געקריגט מיט זיין פאָטער און אַ טאָכטער מיט איר מוטער.

„צו וואָס האָסטו אונדז געבאָרן?‟ האָבן קינדער געביטערט מיט צאָרן.

„אַ געבענטשט לאַנד האָבן אונדזערע עלטערן געפונען. גראָז און וואַסער אין זון. וואו וועט איר זיינס גלייכן געפינען?״ האָבן די עלטערן זיך געבעטן, „אויף יענער זייט בערג איז דער מדבר!״

„די עלטערזיידעס האָבן געזוכט און געפונען. וועלן מיר אויך גיין זוכן!״ האָבן די יונגע אַרויסגעשפּריזט מיט שטאָלץ פון טאַטע מאַמעס געצעלט. דעם ווייטיקדיקן שליוכץ פון מאַמעס האַלדז נישט געהערט און דעם ביטערן קרעכץ פון אַלטן טאַטן נישט פאַרנומען.

„מירן גיין און מיר וועלן זוכן, מירן ציען און געפינען אַ ניי פּיטער־פּלאַץ און אַ נייעם הימל!״ האָט עס אַרויסגעשריגן פון יעדן יונגס מויל. די אויגן האָבן געבלישטשעט און די באַקן געפלאַמט, און די פּיס האָבן מיטגעציטערט מיט דער האָפענונג צו געפינען.

און אויך פירער זיינען אויפגעשטאַנען צווישן זיי, הויכע ווי די ריזן און פעסטע ווי דער קרעמענשטיין אין די בערג.

„קוקט נישט אויף צוריק!״ האָט דער ברייטבייניקער אַשור אַוועקגעשפּריזט אין מיטן העלן טאָג ווייטער צו מערב זייט. „אין דער ווייט וועלן מיר שטעט בויען!״ האָט די מחנה אים נאָכגעשפּאַנט אין דער ווייט אַריין אַזוי אַז אַפילו די פלינקסטע יעגער אויף די שפּיצן פון די בערג האָבן מער מיטן אויג נישט געקענט דערבליקן וואוהין זיי זיינען אַוועק.

און ס'איז געווען, אַז די איינוואוינער פון טאָל האָבן געזען אַז די קינדער פאַרלאָזן זיי, האָבן זיי אין טרויער געזאָגט איינער צום אַנדערן: „אונדזער נאָמען ווערט פאַרשניטן פון דער ערד. דאָס געלעכטער פון יוגנט האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדזער טאָל. ווי אַ טרוקענער ברונעם אונדזערע געצעלטן. דאָס אייגן פלייש און בלוט האָט דער מדבר פאַרשלונגען.״

„די זאַמדן פון מדבר וועלן אונדזער געביין פאַרדעקן, וויי איז אונדז!״ האָט דאָס קול פון יאָמער זיך געהויבן פון יעדן געצעלט און זיך דערטראָגן ביז די שפּיצן בערג וואו דער יעגער נמרוד האָט זיך אַרומגעיאָגט מיט זיינע יונגען, די בויגנשיסער. האָט ער ווי אַן אינד זיך געאיילט צו די געצעלטן פון טאָל און מיט דער חכמה פון אַ פוקס די אַלטע געטרייסט: „שטייט אויף, ווישט די אויגן אויס! גורט אָן די לענדן ווי אַמאָל און לאָמיר דאָ בויען אַ שטאָט העכער ווי די שפּיצן פון די בערג, און אינמיטן אַ טורעם וואָס זאָל אָנרירן מיט זיין שפּיץ די ברעגעס פון הימל... וועלן די פאַרבלאָנדזשעטע פון דער ווייט דערבליקן זייער היים. און ווען אַ שטורעם וועט

זיי דעם וועג פאַרשטעלן, וועלן זיי די אויגן הייבן צום הימל און זען ווי די היים טוקט זיך אין בלויקייט, וועט עס זיי אַ טרייסט זיין און אויך אונדזער נאָמען וועט גרויס זיין אומעטום..."

„אין דער ווייטער פרעמד, אין דער מדבר טרוקעניש, וועלן זיי זען די היים און בלייבן איין פאָלק מיט איין שפּראַך, מיט איין בענקשאַפט." האָבן די אַלטע געביסן די בערד צופרידענע און געשטאַרקטע.

„פאַרוואָר," האָט נמרוד געשטרעקט זיין בויגן אַן אָנגעצויגענעם צו דער ווייטער בלויקייט, "מיר זיינען אַ גרויס און שטאַרק פאָלק. וואָס מיר ווילן מוז דערגרייכט ווערן. פון דעם שפּיץ פון טורעם וועלן מיר די גאַנצע וועלט זען. אויך אַשור און זיינע לייט וועלן זיך נישט אויסבאַהאַלטן פון אונז און זייערע אויגן מוזן ווענדן צו אונדז, צום האַרץ און קאָפּ פון דער וועלט." איז די אויסגעשאָסענע פייל אַרויסגעשפּרונגען פון בויגן ווי אַן איילנדיקע בשורה און וואָרענונג צו די ווייטן.

„פונעם שפּיץ טורעם צום הימל וועט איין שפּאַן זיין," האָט מיט אַ ציטערנדיקע קול און פלאַטערנדיק האַרץ געצאַפּלט דער יונגער יובל, אַן אור־אייניקל פון ערשטן זינגער, „מיטן זיידנס האַרף, וועל איך אין הימל שפּאַצירן און זינגען מיט די שטערן, מיט דער זון, מיט דער בלויקייט ווי אָדם אַמאָל אין גאָרטן פון עדן," האָט ער געחלומט אויף דער וואָר.

„אונדזערע פיילן וועלן די ווייטסטע ווייטן דערגרייכן און גרויס מאַכן אונדזער נאָמען אין לאַנד," — האָט נמרוד חוצפּהדיק נאָכגעמאַכט דעם זינגערס פאַרחלומט קול און פאַרהוילן דעם זינגערס מורמלען אין פאַר־טראַגנקייט „דאָס געזאַנג פון הימל און בענקשאַפט וועט זיין מיט אונדז..."

„מיר וועלן אונטערשפּאַרן דעם הימל," האָבן אַנדערע געשפּאָט שוין מיטן פולן מויל, „די פענצטער פון הימל וועלן שוין מער נישט פאַרפלייצן די ערד ווען עס פאַרגלוסט זיך זיי. דער רעגנבויגן וועט טאָג ווי נאַכט הענגען איבער אונדז!"

„איין פאָלק, איין שפּראַך און איין ווילן, וועלן מיר זיין!" האָט נמרודס שטימע געהילכט העכער פון אַלעמענס, איין ווילן און איין פירער זאָל ביי אונדז זיין! אונדזער נאָמען פון אייביק ווי גאָט אַליין דער האַר!"

„אונדזערע אָרעמס ווי קיזלשטיינער שטאַרק, וועלן בויען די שטאָט און דעם טורעם אין מיטן."

„ווי די אָדלערס וועלן אונדזערע שאַרפֿע אויגן אַלץ דערבליקן אין דער ריכטיקער מינוט, און אַלץ וועט אונדז זיין אונטערטעניק און ליגן אונטער אונדזערע פיס.‟

„אונדזער פריינטשאַפֿט וועט אונדז ביישטיין. זאָל קיינער נישט זאָגן: ס'איז מיר ענג אין טאָל פון לעבן!‟ האָט דער אַלטער פּלג קוים געפּיש־טשעט מיט זיין קוויטשיק קולכל, „האַלט זיך אינאיינעם. לאָזט נישט דעם מדבר אונדז פאַרשלינגען ווי עלנטע זעמדלעך אין ווינט!‟

„אונדזערער אויגן, לויטערע און ריינע ווי סאַפּיר, וועלן אין דעם נייעם הימל זיך שפּיגלען‟ האָט יובלס צאַרט כאַמעטן קול אַלעמען פלוצים אַרומגענומען, „און די אויערן וועלן דערהערן דאָס שטערן־געזאַנג אין שטילקייט.‟

„און ס'וועט זיין אַזוי טאָג ווי נאַכט,‟ ווינטער ווי זומער. מיט האַרף און פידל וועלן מיר אין די הייכן — — —

„לאָמיר קנעטן דאָס ליים און ברענען אויף ציגל!„ האָט נמרוד אַ דונער געטאָן און זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. נאָך אים האָבן מחנות זיך אַ לאָז געטאָן איבערן טאָל מיט פרייד און געזאַנג. ווי די ערשטע וואַנדערער פון אַמאָל האָבן זיי דאָס ליים געקנאָטן מיט פלייס. די ציגל געברענט און געלייגט אַ שורה אויף אַ שורה מיט דער האָפענונג פון וואַקסן און גרויס ווערן אויף אַלע אייביקייטן.

אַזוי איז די שטאָט געוואַקסן און דער טורעם האָט זיך געהויבן העכער פון אַלץ און געפינקלט אין זון. זיינען זייערע הערצער פול געוואָרן מיט פרייד ווי אַ לאָגל מיט ווין. און זיי האָבן געבענטשט דעם טאָג ווען זיי האָבן די אַרבעט אָנגעהויבן און געלויבט דעם האַר נמרוד, וואָס איז שטאַרק ווי דער בופלאָקס, שיין ווי די טירקלטויב אין די שפּאַלטן פון די בערג, און קלוג ווי דער פוקס אין וואַלד.

„דער האַר אַליין איז מיט אונדז,‟ זיינען יונג און אַלט זיך פאַרגאַנגען אין שטילן שעפּטשען, דערזעענדיק נמרודן אָנגעטאָן אינעם שופּענעם קופּער־גלאַנציקן פאַנצער.

„דער האַר איז אין זון געהילט, זיין קאָפּ אין פונקען און אין פלאַם,‟ האָט פּחד און פאַרוואונדערונג זיך געטראָגן נאָך זיינע טריט, און אויף וועמען נאָר ער האָט זיין אויג געוואָרפן איז יענער אַ פאַרצאַפּלטער אויפ־געשטאַנען און אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד מיט ציטערנדיקער פרייד.

אַ שטאָלצער האָט נמרוד געשפּאַנט פון אָרט צו אָרט, און פון צייט צו צייט אַ צי געטאָן דעם בויגן זייַנעם, און אַ פּאַרסמטע פייל האָט אַ שניט געטאָן די לופט מיט אַ צישען פון אַ שלאַנג. האָבן אַלע נאָענט שטייענדיקע ציגל־לייגער אַ הייב געטאָן די קעפּ אויף אַרויף און צוגעקוקט מיט אַנגסט און גאַפן ווי די פייל, אַ ווייס געזילבערטע, שפּריצט מיט פונקען קעגן דער זון... און ווערט פאַרלוירן ערגעץ אין די נעפּלען אויף די שפּיצן בערג.

„מעכטיק זייַנען די אָרעמס פונעם האַר!"

„דאָס און נאָך מער!" — האָט נמרוד פּלוצים אַ שפּרונג געטאָן פון אָרט און געלאָזן די ציגל־לייגער דערשראָקענע און פאַרבליפטע.

„ווען דער קאָפּ פון טורעם וועט די פענצטער פון הימל גרייכן," האָט איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבן ווי אַ סוד, „וועט דער האַר ציען זייַן בויגן גלייך אַרויף..."

„אַ גאָט איז צווישן אונדז," — האָט אַן אַנדערער שוין אייַנגאַנצן געצי־טערט.

און דאָס וואָרט פון נמרודן איז הייליק געוואָרן ביי זיי. וואָס ער האָט געהייסן האָט מען געטאָן, — אין דער גרעסטער היץ פון דער ברענענדיקער זון בייטאָג און אין דער שניידיקסטער קעלט פון פראָסטיקן ווינט בייַנאַכט. אין מידקייט ביז חלשות, אין העלן טאָג און אין פוילער רו פון מיטאָג צייט, האָט אַלץ פּאָר זייערע אויגן געפינקלט אין גרויסקייט, נמרוד דער האַר מיטן שופּענעם פּאַנצער אויפן לייב און בליצנדיקן קיווער אויפן קאָפּ.

„איין פאָלק, איין ווילן, איין פירער!" האָט עס גערעדט אין זיי און די אויגן האָבן געבלישטשעט.

בלויז יובל דער זינגער און זייַן אַלטער פרייַנט פלג, זייַנען נישט געווען צופרידן: „זייַן קול איז האַרט ווי דער קרעמענשטיין," האָט יובל געטרויערט. „ער דערהויבט זיך און נישט דעם טורעם," האָט פלג געציטערט מיט באַדויער.

זיי האָבן אָבער מורא געהאַט צו רעדן הויך. איז יובל אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער און די האַרפע זייַנע איז אים נאָכגעהאַנגען איבערן אַקסל אַ שטומע ווי אַ דערשראָקענע טויב. און פלג האָט פאַר זיך געשעפּטשעט קוים וואָס עמעץ האָט געהערט: „ער בויט נאָר זיך..."

פלג איז שוין זייער אַלט געווען און שוואַך, האָט אים זייַן אייניקל, יסכה די שיינע, געפירט צום בוי־פּלאַץ און ווי נאָר ס'איז פאַרטיק געוואָרן אַ

שטאָק, האָט ער געאײַלט יסכהן זי זאָל וואָס שנעלער געפינען אַ ווינקל פֿאַר אים דאָרט, ווײַל ער וויל פֿון די ערשטע דאָרט זײַן.

„ווייסט, טאָכטער," האָט ער איר אין אויער אַרײַנגעשעפּטשעט, „גאָט אַליין וועט אונדז מקנא זײַן..."

„יובל זאָגט אויך אַזוי," האָט דאָס מיידל אונטערגעהאַלטן דעם זיידן און געקלעטערט אַרויף, „פֿאַר וואָס זשע זענט איר בײדע אַזוי פֿאַרטרויערט?" האָט זי פּלוצים אַ בייזערדיקן פֿרעג געטאָן.

„זעסטו נישט," האָט פּלג אויסגעדרייט זײַן זילבער קאָפּ האָר צו איר, „זעסט טאַקע נישט ווי זײַן בויגן הויערט איבער אַלעמענס קעפּ. זוי שפּיזיק עס בלענדט די זון אויף זײַן פֿאַנצער און שפּרייט שרעק אויף אַלץ."

„כ׳זע, זיידע, כ׳זע," האָט יסכה אַנטציקט געשטאַמלט, „כ׳זע דאָס העלסטע ליכט גייט אויף פֿון זײַן פּנים..."

„עס זעט דײַן אויג מיטן גלוסטן פֿון דײַן האַרץ בלויז, יסכה," האָט יובל צו איר פֿון דער זײַט באַמערקט און דאָס פּנים זײַנס נאָך מער פֿאַרהילט אין טרויער, „עס קען נישט זײַן קיין העלקייט דאָרט וואו די שרעק הויערט."

אַזוי זײַנען טעג און חדשים פֿאַרגאַנגען ביז מ׳האָט זיי אויפֿגעהערט ציילן. די שטאָקן פֿונעם טורעם האָבן זיך אַזוי געמערט פֿון אונטן, אַז דאָס אויג האָט דעם שפּיץ שוין קוים דערבליקט. יונגע זײַנען אַלט געוואָרן און די אַלטע האָבן די היים אונטן, די ערד, שוין מער נישט געזען מיט אָפֿענע און לעבעדיקע אויגן. בײַנאַכט, ביים קאַלטן בלייאַסק פֿון שטערן האָבן די טורעם־היטער געאײַלט מיט די אָוועקגעקומענע פֿון היץ, קעלט און אַלטקייט. אײַליק שנעל האָבן זיך די שוואַרצע שאָטנס געטראָגן פֿון שטאָק צו שטאָק ביזן מיטלסטן גאָרן וואו אָפֿענע קאַסטנס האָבן פֿאַרשלונגען די טויטע און זיי בליק־שנעל אַ שליידער געטאָן אין דער לופֿטן און פֿאַרטראָגן ערגעץ אין די באַרג טאָלן און אָפּגרונטן. אַפֿילו קיין אָפּקלאַנג פֿון פֿאַלן האָט מען שוין נישט געהערט. די שטילקייט איז אויף קיין איין סעקונדע נישט איבער־געריסן געוואָרן, כאָטש אין דער זעלבער צײַט זײַנען די אונטערשטע גאָרנס פֿול געווען מיט טומל און גערויש פֿונעם אונטערוואַקסנדיקן יונגוואַרג וואָס האָט זיך געריסן אַרויסצוגיין דאָרט „וואו די זון איז אין בלענד און גאָט אַליין רוט..."

„מיר ווילן צו דער זון, צום הימל!"

„אונדזערע טאַטעס און עלטערע ברידער וועלן מיר דאָרט זען און זיין איין גרויס פאָלק!“ האָבן זיך די קולות געמישט און געריסן אונטן, אָבער אַרויף האָבן זיי נישט געגרייכט.

„ווען ער וועט באַפעלן,“ האָבן די וועכטער געטריבן דאָס יונגוואַרג, „ווען דער פירער וועט אייך רופן!“

„מיר ווילן זען דעם פירער! מיר ווילן אים רופן ביים נאָמען!“

„ווען ער וועט באַוויליקן“ איז דאָס קול פון די וועכטער געווען האַרט ווי שטיין און געפאַלן מיט אַ טעמפּן קלאַנג נאָר אונטן. אַפילו קיין עכאָ האָט זיך נישט דערטראָגן אַרויף.

## ג

אויך די מענטשן פון אויבן איז אָן אומרו באַפֿאַלן. די הערצער האָבן האַסטיקער געשלאָגן. דאָס בלוט אין די אָדערן האָט שנעלער גע־פּלאָסן. פאַר די אויגן האָבן געטאַנצט טויזנטער גרין און געל, רויט און בלוי שוואַרצלעכע רינגעלעך און פּאַסיקלעך, און די אויערן זיינען פול געווען מיט אַ הוילן רוישן און זשומען אָן אַ קלאַנג. האָבן זיי מיט ברייטע טיכער די אויגן פאַרשטעלט פאַר דער זון און מיט פּאַרקיילעכטע שטיינדלעך די אויערן פאַרשטאָפּט. בלויז ווען די זון האָט זיך פאַרהוילן אין די נעפּלען פון מערב, האָבן זיי די טיכער פון די אויגן אַוועקגענומען און מיט שרעק געגלאָצט אין דער עלנטער גרויקייט אַרום. אַ גרויליקער אומעט האָט אַלץ פאַרהילט מיט שטומער איינזאַמקייט. פון גאָר אויבן האָט זיך גענומען טראָגן אַ פאַרדומפּן קלאָגן זיך: "בייטאָג געשלאָגן מיט בלענדעניש און ביינאַכט מיט עלנטן פּחד."

פון ווייט, פון אַ נאָך העכער אָדער גאָר פון די טאָלן אַרום און אפשר פון די אונטערשטע שטאָקן גאָר, האָבן משונהדיקע קולות זיך געמישט אָט מיט אַ יאָמערן און אָט מיט אַ הילכיקן לאַכן, אַזוי אַז עס האָט זיך געדאַכט אַז אַ פאַרבאָרגענער אָפּשפּעטער רייצט זיך מיט זיי. זיין לאַנגע געלע צונג פּאַטשט זיי אין די פאַרפלאַמטע פּנימער און מאַכט זיי בלינד אויך ביינאַכט. זיי זעען מער נישט איינער דעם אַנדערן און אויך דער בלויער הימל מיט די גאָלד און זילבערדיקע דימענטן איז פאַרשטעלט פון זיי. זיי הערן בלויז אַ ווילדע דאָס ווילדע לאַכן, און דאָס בלוט אין די אָדערן גליווערט. כאַפּן זיי שנעל די פּאַרקיילעכטע שטיינדלעך און פאַרשטאָפּן די אויערן און וואַרפן זיך אויף די געלעגערס מיט די פּנימער אַראָפּ.

גאַנץ אָפט האָט אויך געטראָפן אַז איינער האָט עס שוין מער נישט געקענט פאַרטראָגן און זיך געלאָזט לויפן אַראָפּ מיט די שווינדלדיקע טרעפּ, אָבער אינעם בלענד פון דער גליאיקער זון אָדער שטומקייט פון דער גרויער

נאַכט האָט ער דעם טראָט פאַרלוירן, פאַרפּלאָנטערט זיך און מיט אַ לעצטן קוויטש פאַרשוואונדן אין דער אַרומיקער ליידיקייט.

אַזוי האָט יעדער טאָג געבראַכט זיין אומגליק און יעדע נאַכט איר גרויל. בלויז ווען פון אונטן קומען אַרויף די יונגע מיט פולע הענט און אָרעמס מיט שפּייז און געברענטע ציגל, גייט אויף מיט זיי אַ פרישׁ געלעכטער און מונטער געזאַנג. די קעפּ אויפגעהויבענע נישטערן די בלויקייט און זוכן אין דער ווייטקייט, אָבער ווי נאָר דער בלענד פון דער זון טוט אַ פלאַם פאַר די אויגן און די שאָטנס פון דער נאַכט עפענען זייערע גרוילן, ווערן פאַרשטומט די קולות פון פרייד, שלאַבעריק די הענט און געשטרויכלט די קני.

„האָט איר אַשורן דערבליקט? זענט איר שוין נאָענט צום הימל?" צאַפּלען זיי. און ווען זיי קריגן נישט קיין ענטפער, פאַרשטעלן זיי די אויגן מיט אויסגעשטעלטע פויסטן און זעען בלויז דעם זאַמדיקן מדבר וואָס גליט אין דער זון ווייט, אָן אַ גרעזל און אָן דער מינדסטער לעבעדיקער באַשעפעניש. נעמען זיי דערשראָקענע לויפן אויף צוריק און פאַרשווינדן אויף די שווינדלדיקע טרעפּ. לויפט מען זיי אַ ווײַלע נאָך כדי צו ראַטעווען דאָס ברויט און וואַסער און דאָס ליים מיט די ציגל וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט. ווייל טייערער פון אַלץ איז זיי דאָס געווען. טייערער פון דעם נאָענטסטן פריינד. ווען עמיץ איז געשטרויכלט געוואָרן ביי דער אַרבעט און זיך גענומען קייקלען אַראָפּ, האָט זעלטן ווער אים געפּרואווט פאַרהאַלטן. און אויב עמיץ האָט שוין יאָ אַ קוק געטאָן אין זיין זייט און געוואָלט אויסשטרעקן  די האַנט צו אים, האָט אים דער צווייטער געוואָרנט מיט אַ ציטער: „קוק נישט, היט די אויגן דיינע!" אָבער אַז אַ ציגל איז ווּעמען אַרויס פון האַנט, איז געוואָרן אַ טומל. פון אַלע נאָענטע שטאָקן האָבן זיך הענט געצויגן צו כאַפּן דעם פאַלנדיקן שטיין. און דער וואָס האָט אים געכאַפּט איז מיט פרייד באַגריסט געוואָרן פון אַלעמען, ווייל אַזוי האָט געזאָגט דער האַר נמרוד: „היט די שטיינער, זיי זיינען די לייטערס צום הימל."

וואָס ווייטער אָבער איז דער אומרו אַלץ מער געשטאַרקט געוואָרן. ס'האָט נישט געהאָלפן וואָס די עלצטע האָבן נמרודס נאָמען דערמאָנט, זיין בילד מיטן פאַנצער און בויגן געוויזן און צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַליין דער ערשטער זיין צו גיין מיט זיי אַרויף.

„דאָס האַרץ צעגייט פון בענקשאַפט," האָט איינער פאַרן אַנדערן זיך אויסגערעדט.

„אַמאָל האָט דאָך יובל געזונגען פון בענקשאַפט אַהער צו דער הייך, צו די הימלען מיט די געטער.‟

„ווער געדענקט עס דען נאָך?‟ האָט יענער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס „איך בענק אַהיים, צו דער ערד, צו גראָז און פעלד. די הייך איז נאָר פאַר די געטער.‟

„איך הער דאָס רוישן פון פליגל אַלע נאַכט, די פליגל פון די געטער,‟ האָט אַן אַנדערער מיט גרויסע אויגן פון שרעק געשעפּטשעט זיין חבר אין אויער אַריין.

„זע, אַ רויטער פינגער!‟ האָבן איינמאָל עטלעכע מיט אַמאָל באַמערקט אַ רויטן שטערן אויפגיין אין סאַמע מיטן הימל.

„ס׳איז דער האַר אַליין, ווי צו אונדז! ער צאָרנט!‟ זיינען אַנדערע געפאַלן אויף די קני פון שרעק און ערשט אויפגעשטאַנען ווען דער שיין פון טאָג איז אַרויס פון די נעפּלען.

„חלומות זיינען אָפּנאַרער און פאַרפירער!‟ האָבן זיי זיך דאַן געטרייסט אַז די גאַנצע שרעק איז אַ חלום בלויז. אָבער מיטן אָנקומען פון דער נאַכט איז דער חלום געוואָרן ווידער וואָר און דער גאַנצער טורעם איז געוואָרן איין שטיק יללה. האָט דער ווינט אויפגעהויבן זייער יאָמער און מיטגעקלאָגט און פאַרשוואונדן אין דער בלינדקייט פון דער נאַכט. איז די שרעק נאָך גרע־סער געוואָרן מיטן אויפגיין פון אויסגעשטרעקטן פינגער וועלכער האָט, אָפּגעטיילט פון אַלע שטערן, געבלוטיקט שוואַרץ־רויט פון זון־אונטערגאַנג ביזן מאָרגנשטערן. אין נעפּלדיקע טעג, האָט ער אויך בייטאָג זיך באַוויזן אַ שוואַרץ פאַררויכערטער ווי נאָר וואָס אַרויס פון אַ קאַלך־אויוון.

און אָפּגענומען איז געוואָרן די קראַפט פון זייערע הענט, און זייערע קני האָבן זיך געבויגן און זייערע צונגען האָבן געשטאַמלט נישט פאַרשטענד־לעכע רייד. איז פרעמד געוואָרן אַ מאַן צו אַ מאַן אַז זיי האָבן זיך שוין מער נישט געקענט פאַרטראָגן.

און אין איין טאָג האָט געטראָפן, אַז אין מיטן דער אַרבעט זיינען ביי איינעם אַראָפּגעפאַלן די טיכער פון די אויגן און ר׳האָט דערזען אַז מ׳קען שוין גאָר קיין ערד נישט דערבליקן, אַזוי האָט ער אויף שנעל געריבן די אָנגעצויגענע שוואַרץ־אַפּלען, געטרייסלט מיט די ווייס אַהין און אַהער, געוואָלט פאַרטרייבן די טויזנטער בלויע און גרין־גאָלדיקע פינטעלעך וואָס האָבן געטאַנצט אַ ווירבל־טאַנץ פאַר אים און נישט געקענט. איז ער אַ

צעמישטער צוגעפאַלן צו זיין חבר וואָס לעבן אים: „זאָג מיר, ברודער, קענכטו נאָך די ערד דערבליקן?״ האָט יענער אים געענטפערט מיט אַ שטאַרן בליק:״ צום הימל איז נאָך זייער ווייט, פריינד.״

האָט דער ערשטער מיט כעס געריבן די פאַרבלענדטע אויגן און זיך צעשריגן:

„וואָס פאַר אַ פריינד ביסטו, אַז איך זע דיך אַפילו נישט און ווייס נישט וואָס דו פלאַפלסט דאָ פון הימל.״

האָט דער אַנדערער זיך העכער נאָך צעליאַרעמט: „ביסט מיר נישט קיין ברודער, אַז מיין נאָמען איז דאָך דיר גאָרנישט באַקאַנט און מיין אויער איז גאָר פאַרשטאָפּט פאַרן קנאַקן פון דיין צונג.״

זיי האָבן אַזוי לאַנג געשריגן איינער אויפן אַנדערן ביז זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט ביי די דיכן, ביי די אָרעמס און מיט שוים אויף די ליפּן גע־זידלט זיך און די פויסטן געביילט. די אַרומיקע האָבן זיך צוגעקוקט ווי זיי צעבלוטיקן זיך און זיך אויך צעיושעט מיט אונטערטרייבן זיי: „טרייבער אים, ממית אים, לאָז אַרויס די טרייפענע יויך פון זיין אינגעווייד, שיק אים צו דער ערד, צום הימל!״

די קולות האָבן געהילכט, געשמיסן און זיך פאַרגאַנגען אין אַ הייזע־ריקן כאָכאָטשען ביז טויטער מידקייט און ערשט אויף מאָרגן האָט מען זיך דערוואוּכט וועמעס ביינער זיינען צעשאָטן געוואָרן אין דער הוילער ליידיקייט.

„איך פאַרשטיי נישט וואָס דו זאָגסט און ווייס נישט וואָס דו ווילסט,״ האָט די אַגנסט אַרויסגעקוקט פון יעדנס בליק און האָבן נישט געוואָגט אַרויס־רעדן אַ וואָרט איינער צום אַנדערן. אַפילו ווען איינער האָט מער נישט גע־דענקט צוליב וואָס ער איז געקומען אַהער און ווער ס׳האָט אים געשיקט אַרויף, האָט ער אין אַנגסט בלויז געזוכט צו געפינען אַ ווינקעלע וואו צו באַהאַלטן זיך פון דער שרעק וואָס איז אים באַפאַלן. געגלאָצט אַרום זיך פאַרלאָרן און שטאַרק פאַרקוועטשט די אויגן נישט צו זען דעם וואָרנענדיקן רויטן פינגער וואָס איז אַלץ גרעסער געוואָרן און געהאָנגען איבערן טורעם ווי אַ בלוטיקע בייטש. אַפילו דער חשק צו לויפן צוריק איז אָפּגענומען געוואָרן. ליגט מען נאָך אַ טאָג מי אויסגעשעפּט און פאַרקאַרטשעט. וואויל צו דעם וועמען דער שלאָף האָט איבערגעוועלטיקט און זעט אין חלום עפּעס שוין לאַנג פאַרגעסנס. אַ געצעלט ביים ברעג פון אַ קלאָר זילבערדיק וואַסערל,

אַ בלויער טיפער הימל איבערן קאָפּ און אַ ווייטער עלעפאַנט־ביינערדיקער טורעם אויפן שפּיץ באַרג שפּיזלט גלייך אין דער הויכקייט וואו דינע דורכזיכטיקע רויכלעך ציען זיך הין און הער מיט דין כליפּענדיקן קלאַנג ווי די סטרונעס פון אַ האַרפע.

ליגט מען אין די ווינקעלעך און מ׳זוכט דעם שלאָף אין אויסגייענדיקער בענקשאַפט נאָך אַ חלום. אָן אַ קלאַנג גייט אויף אַ געבעט צו די געטער זיי זאָלן רחמנות האָבן און נידערן אויף זיי מיט רחמים און גענאָד. מורמלען מיט שלווהדיקער רו די וואָס דערשפּירן אין חלום די האַרטע ערד אונטער די טריט. שמייכלען זיי לייטזעליק. אָט גייען זיי שוועבנדיק אויף דעם ווייסן לייטער פון עלעפאַנטביין־טורעם און נאָך איין שוועב נאָר און זיי גרייכן דעם העכסטן שטאַפּל. זון איבער זיי און בשמים ריחות און געזאַנג און ציטער פריידיקע טענץ אַרום — — —

פּלוצים צעיאָמערט זיך אָבער ווער, וואָס האָט די אויגן געעפנט און די בלוטיק רויטע בייטש האָט אים אַ פּלאָם געטאָן איבערן גאַנצן לייב און אים געעפנט דעם מוח ווי עס וואָלט אויפגעפּראַלט אַ פאַרבאַרגן פענצטערל אין סאַמע מיטן גרויל אַריין: „דער טורעם, דער טורעם ק ר אַ כ ט !״ עמיץ שרייט אים נאָך: „ברויט, דערלאַנג ברויט!״ און אַ שטיין פליט אים אין קאָפּ און פאַרטשעפּעט דעם לייטער וואָס איז שוין גאָר אַ קויל שוואַרצער סילועט אין דער לופטן. הוידעט זיך און ציטערט ביז ער פאַלט מיט אַ סווישטש אין דער גאָרער ליידיקייט. הייבן אַנדערע אויף אַ ווילע זייערע קעפּ און בלייבן ליגן פאַרטאַיעטע ווי די שטיקער ליים, ווי די ציגל און די שטיינער אין די קיילעכיקע געוועלבן פון טורעם. שטומקייט און שטילקייט און ווייטער בליאַסק פון שטערן און הוילער עלנט.

ליגן אין זייער ווינקל פאַרגליווערטע אויך יסכה מיט פלגן און אויך יובל ליגט לעבן זיי. מיט אויפגעריסענע אויגן קוקט ער צום הימל. מיט אַ שפּיץ נאָגל וואָלט ער שוין געקענט אַ ריר טאָן דעם בלויען פאַרהאַנג, נאָר ער וויל נישט. ער זוכט מער גאָרנישט נישט. ס׳איז אַזוי קאַלט דאָ און אומעטיק איינזאַם. ווי עלנט עס שיינען די שטערן פאַרבלישטשעט אין שטילקייט. „פאַר וואָס בליצט גאָר נישט אויף דאָרט? איז אַלץ טאַקע טויט דאָרט? און דאָ?״ טוט ער אַ צאַפּל אויף. פון דער זייט, פון יענער זייט בלויקייט, איז עפּעס רויטס, געשפּענסטיקס אויפגעגאַנגען. אַ פּנים פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן אין דער מיט און אין דער זייט אַ שמייכל פון אַ קינד. דעם

קינדס אויגן־מילדע ווי פֿון אַ לאַם, און דעם דערוואַקסענעמס, — געלע אַזעלכע מיט אָדערן באַוואַקסן.

„ווי איז און וואונד,” טוט זיך יובל אַ שטעל אויף אַ צעטומלטער אוןווישט די אויגן אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער לבנה, אָבער די טרערן טריקענען נישט אויס.

„ציטער נישט, יובל,” הערט ער קוים פֿלגס שטימע, „דיין זיידע האָט געזונגען דאָס ליד פֿון גראָזן און פֿון שטערן. פֿריער אָבער האָבן ווינטן דעם מאַרך פֿון זיינע ביינער געטריקנט. די טריט פֿון זיינע פֿיס זיינען אין וואונדן געווען און זיינע קליידער פֿאַרפֿוילט פֿון שווייס און שטויב, ביז — — —,

„איינציקער,” האָט יסכה שטיל געקרעכצט און אים געגלעט די האָר, „ווען די זון וועט אויפֿשיינען וועט עס ווידער אַ בלענד טאָן מיטן ליכט פֿון די ערשטע טעג. וועסט זיין ליכטיק פּנים זען.”

„זיין פּנים פֿייער און בלוטיק דאָס אויג,” האָט יובלס פּנים אינגאַנצן זיך אויסגעקרימט פֿון שרעק, „לאָמיר צוריק אַראָפּנידערן, פֿלג, טרעטן אויף דער ערד און אָטעמען דעם ריח פֿון פֿרישן גראָז.”

„די כּוחות פֿון מיין יוגנט האָבן מיך שוין לאַנג פֿאַרלאָזן. אַלע בענקשאַפֿטן אין גליוועָר. אויך דו קענסט עס שוין נישט מער!”

„מ׳וועט דיך נישט דורכלאָזן,” האָט ווער מיט חוזק צי באַדויערן אַ זאָג געטאָן.

„פֿאַר וואָס?,” האָט פֿלג אַ קוויטש געטאָן.

„אַזוי האָט דער האַר באַפֿוילן.”

„פֿאַרנאַרט אַהער!” האָט יובל אַ כאַפּ געטאָן די האַרף און אַ שליידער געטאָן מיט אַלע כּוחות אין דער לופֿטן.

„גוט געטאָן, זינגער מיינער!” האָט פֿון אַן אַנדער ווינקל זיך ווער צוגעראַטשקעט און אַרומגענומען יובלען ביי די פֿיס, „נישטאָ דאָרט קיינער אויבן, קאַלט פֿייער. אַ פֿאַרבלענדעניש בלויז.”

„ווער ביסטו און צו וועמען געהערסטו?,” האָט יובל זיך אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון דרימל. „איך בין קיינעמס נישט מער. ווען אשור איז אַוועק, בין איך מיטגעגאַנגען מיט דער בענקשאַפֿט פֿאָרויס. איז ער אָבער מיד געוואָרן אין מיטן גאַנג און אַ שטאָט געבויט פֿון שטיין און ליים. אַז די ווייט איז מיר פֿאַרשטעלט געוואָרן בין איך צוריק צום טאָל געקומען צו בליקן פֿון

טורעם אין דער ווייטקייט אַריין. איצט, איז מיר אַלץ פאַרשטעלט, בענק איך און פאַל צוריק צום ענגען געצעלט.״

„וואונדערלעך געווען די בענקשאַפט דאָרט!״ האָט יובל אַ פּלאַפּל געטאָן און שטום גענומען זיך קייקלען אַראָפּ, און איבער אים דער יאָמער פון לייִדיקן פאַלן און עלנטן געפּלאַפּל פון בלינדע אויגן און פאַרשטאָפּטע אויערן:

„הויך איז נישט העכער,
ווייט נישט ווייטער
פון טאָל.״

# יעקב גייט אַריבער דעם יבוק

מלך ראַוויטשן צו די גבורות־יאָרן.

דער אָוונט איז צוגעפאַלן פּלוצים. אויף יענער זייט טייך, האָט דער הימל נאָך אַ ווײַלע פֿײַערדיק געפֿלאַמט. נאָר אין מיטן טייך און לענג אויס מיטן שטראָם האָט דער טונקל זיך שוין געטראָגן אַ הויערנדיקער מיט אַ נעפּל אַ געדיכטן און פֿאַרשטעלט דעם פֿלאַקער, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין אײַן אײַנשרימפּן און נידערן הינטערוויילעכטס.

אין איילעניש האָט יעקב קוים אָנגערירט די לעצט געבליבענע זאַכן, וואָס זײַנען נאָך געלעגן אויפֿן ברעג. פֿלינק און געשיקט זײַנען זיי געפֿלויגן פֿון זײַנע הענט אויף די צונויפֿגעשלאָגענע קלעצער אַרויף, וואָס דאַרפֿן אים אַריבערפֿירן אויף דער אַנדערער זײַט; מיט דער איילעניש איז אָבער דער צאַפּל אין אים געוואַקסן און ר׳האָט אויף קיין רגע נישט געקענט אָפּטאָן די גרויכע שרעק־אויגן פֿון דער הויערנדיקער געדיכטקייט וואָס איז געקומען אַלץ נענטער.

„נאָך וואָס האָט ער געדאַרפֿט אַריבערפֿירן אַהין דאָס גאַנצע הויזגעזינד, און בעסער ניט געוואַרט דאָ אויפֿן ברודערס מחנה? צוליב וואָס נאָך אַנטקעגנגיין דער סכנה? פֿאַרוואָס איז ער בעסער אַליין נישט פֿאַרויסגעגאַנגען איבערבעטן דעם ברודער און אָפּווישן דעם וואָלקן פֿון כעס פֿון זײַן פּנים? ווי לאַנג וועט ער דען קענען אויסמײַדן צו באַגעגענען די סכנה פּנים אל פּנים? נאָך אָט די פּאָר קלייניקייטן און ער וועט אַריבערשווימען אויף דער אַנדערער זײַט.“

דאָס געווימל פֿון די טשערעדעס דאָרט צאַפּלט ציטערנדיק אין אים. „זיי קענען זיך שוין קוים דערוואַרטן אויף זײַן קומען און גיין פֿאָרויס פֿאַר זיי. ער מוז זיך נאָך מער איילן,“ — האָט ער אַ לעצטן בליק געטאָן אַרום זיך און שוין געוואָלט אָפּשפּרינגען פֿון ברעג. נאָר פּלוצים דערפֿילט אַז ער קען

זיך נישט רירן פון אָרט. אַ גליוזער האָט אים אַרומגענומען און צוגעשמידט צום אָרט מיט שטוינען און פאַרטאַיעטקייט: „אָט אַזוי האָט ער געשטוינט אין גליוזער אַמאָל אויף „יענעם אָרט״ פון שטיין און זאַמד און גרויע ערב־נאַכט שאָטנס, ווען ר'איז מיט יאָרן צוריק געגאַנגען איינער אַליין קיין חרן. אויך דאַן האָבן די גרויע שרעק־אויגן געצאַפּלט פונעם פאַרהוילענעם כעס־וואָלקן פון ברודערס פּנים. אויך דאַן איז ער געווען אינגאַנצן אַליין אין שרעק און טונקל וואָס פאַרדעקט דעם לעצטן פלאַם און די שפּיציקע שטיינער וואָס הויערן אַרום. פּונקט ווי דאַן ציט אים אויך איצט צו באַהאַלטן זיך הינטער די גרויע הויפנס.״

אָבער דאַן האָט אים די אַליינקייט געיאָגט צום שטיין און די שטיל־קייט אַרום האָט געאײַלט זיינע טריט: „ביסט איינער אַליין, באַהאַלט זיך און קוק זיך צו פון דער זייט...״ איצט, רופן אים די קולות פון די זייניקע פון יענער זייט און איילן אים מיט צאַפּל צו קומען צו זיי: „ביסט מער נישט איינער אַליין, יעקב, קענסט זיך מער נישט באַהאַלטן און לויערן צו זען פון דער זייט. דאַרפסט דאָך גיין פאָרויס. אײַל פון דאַנען!״

ס'איז אים אָבער נישט גאַנץ קלאָר וואוהין ער דאַרף זיך איילן.

„וואוהין רופט מען אים? „וואו זיינען זיי?״

די קולות קומען איצט פון אַלע זייטן. ער הערט, דאַכט זיך, אויך זיין אייגן קול צווישן די קולות: „אַזוי זאָלט איר זאָגן צו מיין האַר!״ אָט זיינען דאָך די מחנות וואָס ציען פאָרויס קוים מיטן אויג צו דערבליקן, און הינטער זיי שלאָבעריקט נאָך דער פּחד פון גאַנצן הויזגעזינד: „מיין האַר!״ מיין האַר!״

ער שטאַרקט זיך, אָפּצורייסן זיך פון אָרט און די פיס פאָלגן אים נישט. ער רייסט זיך מיט אַלע כוחות: „ער מוז זיך דאָך איילן,״ און שטייט אויף איין אָרט. איין פוס אויפן ברעג און דער צווייטער אויפן ברעט וואָס איז צוגעפּעס־טיקט צו די קלעצער וואָס פליעסקען זיך אין פאַרנעפּלטן טייכל...

„וואוהין דען, האַר?״ האָט ער מיט צאַפּל זיך אַ צי געטאָן מיטן גאַנצן גוף אַרויף, אויפרייסנדיק די אויגן ווי דאַן אין „יענעם אָרט״. נאָר דאָס מאָל שטראַלט נישט דער שטערן־לייטער פון דאָרט. עס פלאַטערט נישט אין געפלעכט פון בליצן־שיין דער טרעפּן־טאַנץ פון מלאָכים אַרויף און אַראָפּ אויפן אָרט פון דער ציטערנדיק דורכזיכטיקער העלקייט פון הימל ביז דער ערד, הויערט אַ גליזוער פון געדיכטער פינצטערניש איבער אים און אין

אים. מיט מיליע־מיליאָסן קלאַמערנדיקע הענט און פיס און אָפענע גליטשיקע מיילער רינגלט זי אים אַרום פון אַלע זייטן; פון דער הויך און פון אונטן, פון הינטן און פון פאָרנט און פון סאַמע איינגעווייד; און שטום־רעדעוודיק איז די פינצטערניש, און זי נעמט אים אַרום מיט געשפענסטיקן באַשייד פון אַלע שרעקן פון אַמאָל און שפּעטער.

„נישטאָ קיין וואוהין, יעקבֿ!‟ דערשפּירט ער נאָך אַמאָל דעם גרויליקן באַשייד פון בלינדן טאַטנס אַנגסט ביים דערוויסן זיך אַז מ׳האָט די ברכות אויסגענאַרט ביי אים און צעמישט.

„דיין האָריקער ברודער איז מיט דיר אומעטום. קענסט זיך נישט אָפּשיידן פון אים. וויפל דו זאָלסט זיך נישט דערווייטערן פון אים און אַנטלויפן, איז עס בלויז אויף אַ ווײַלע, כדי דיין הויזגעזינד זאָל קענען געדייען און ווייטער ציען. די ברכות זיינען צעמישט איצט און די שווערד איז אין זיין האַנט. טאָרסט נישט בלייבן אינגאַנצן אַליין ווי איך מיט מיין אויגן־טונקל. דאָס מעסער איז אָנגעשאַרפט און אויפגעהויבן, און דער ווילן פון האָר איז פאַרהוילן נאָך. זאָל דאָס האָרץ פון דער מאַמען דיך פירן צום גוטן באַהעלטעניש און עפענען דיינע אויגן און אויערן. דעק אָפּ דיינע גלאַטע הענט און היט זיך צו בלייבן אַליין מיט אים פנים צו פנים,‟ צאַפּלט עס אין אים מיטן גרויל פון טאַטנס אַנגסט.

„בלויז מיטן שטעקן בין איך אַריבער דעם ירדן און איצט אַ הויזגעזינד פון צוויי מחנות די גרויס. כ׳בין נישט אַליין, האָר!‟
„אויף יענער זייט זיינען זיי נאָך פון אָנהייב אָוונט, און דו ביסט ווידער אַליין!‟

„קענסט זיך נישט אָפּשיידן פון מיר,‟ האָט ער דערפילט ווי מ׳נעמט אים אַרום מיט אַ געפלעכט פון שטייפע הענט.

„איצט זיינען מיר איינס, און נישט מיר וועלן אַנגסטן איינער פאַרן אַנדערן, און נישט מיר וועלן בענקען איינער צום אַנדערן. הערסט, דאָס געווימל פון די טשערעדעס אויף יענער זייט, איז שוין אויסגעגאַנגען. זייער שרעקעדיקער יאָמער איז נישט דיינער מער. ביסט אַליין מיט מיר ווי איך מיט דיר.‟

„אַ וואַנדערער בין איך און וואַנדערער זיינען געווען מיינע עלטערן, און מיין הויזגעזינד איז יונג און ציטעריק, פאַרשטעל מיר נישט דעם וועג,‟ האָבן זיינע הענט און פיס און אַלע חושים געריסן זיך פון גליוועך. „איך הער זייער בלעקעכצן אין אַנגסט נאָך מיר אין וואַרטעניש.‟

„כ'בין געקומען צו מאַכן אַ סוף צום וואַנדערן און וואַרטעניש. דער זיידע אברהם רופט צוריק דעם פעטער ישמעאל פון מדבר, דער טאַטע ווערט דערלייזט פון זיין טונקל און גייט אַ לאַכעדיקער אים אַנטקעגן. זע, נישט ער צעמישט און נישט ער אַנגסטיקט מער.

„ישמעאל קומט אַהיים און דער פייל און בויגן איז מער נישט אָנגע־צויגן. דאַרפסט זיך מער נישט באַהאַלטן אונטער הויפנס שטיינער און שטוי־נען אויף בלענדנדיקער בליצן־שיין."

„איך זע גאָרנישט נישט אין דער פינצטערניש. די אַנגסט פון מיין הויזגעזינד איז מיט מיר," האָט עס מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם געגרוילט אין אים און געשטייפט זיינע הענט צו ראַנגלען זיך מיט דער געדיכטעניש, וואָס האַלט אים צוגעשמידט צו דער ערד. „ווער ביסטו, וואָס פאַרשטעלסט מיר, דאָס שטראַלן־ליכט פון „יענעם אָרט" אויפן וועג קיין חרן?"

„עס האָט געזאָלט זיין מיין וועג אויך, ברודער; אַזוי פון סאָמע אָנהייב, דיין האַנט פאַרקניפּט אין מיין פוס, און זינט די מאַמע האָט דיך פאַרשטעלט פאַר אַ האָריקן און פאַרפירט מיט גענאַר די בענקשאַפט פון בלינדן טאַטן, איז מער קיין חילוק נישטאָ צווישן מיין רויט־האָריקייט און דיין ווייס־גלאַטי־קייט; מיין שווערד איז פונקט אַזוי געבענטשט ווי דיין שטעקן. מיר זיינען איינס איצט. דאַרפסט מער נישט וואַנדערן און איילן זיך."

ערגעץ אין דער הויך, אין דער ענדלאָזער ווייטקייט, האָט אַ שטערן זיך אַ ריס געטאָן פון דער פאַרהוילעניש און פאַרלוירן אַ פאַל געטאָן אין חושך. אַ דין פאַסיקל העלע ליכט האָט אויף אַן אויגנבליק זיך אַן עפן געטאָן. האָט ער דערבליקט זיין אייגן אויסגעוואַקסענע געשטאַלט, ווי זי שטייט מיט איין פוס אויפן ברעג. „איך," האָט ער געשטאַמלט אין אומגעהויערער אַנגסט און זיך ווייטער געראַנגלט מיט זיך אַליין, „אַז איך בין געבענטשט, איז וואָס־זשע איז ער? פאַרוואָס שפיר איך אים בלויז אין געדיכטער חשכות, האַר?"

„זעסט זיך אַליין, יעקב, דיין אייגן גענאַר רינגלט דיך אַרום, ווי אים זיין הילפלאָזע אַנגסט פון זיין גענאַרט. בלויז דער חושך פאַרווישט אַלץ און גלייכט אויס."

„אין זיינע פלינקע הענט פחד פון בלאַנקער שווערד," גרוילט עס אין אים פון אַלע זייטן און ער שטייט אַלץ איינגעגראָבן אויף איין אָרט אָן אַ פונק פון אַ שטראַל פון אויבן.

„דער חושך ווי די ווייסקייט פאַרווישט אַלץ. דעם טאַטנס אַנגכט און זיין בענקשאַפט אין אייך ביידן; אויך דער מאַמעס ליבשאַפט און ציטער און דער בלענד פון זיידנס חלף און צאַפּלענדיק קול: „ביטע, טשעפּע נישט דאָס יינגל!" איינס זענט איר און בלויז דער מאַרגנשטערן מיט די גרויסע אויגן פון שטויגענדיקן נישט־וויסן צעטיילט אייך."

„ער גייט מיר אַנטקעגן מיט פיר הונדערט באַוואָפנטע לייט. מיין הויז־געזינד צו פאַרלענדן איז ער גרייט," האָט יעקב מיט גרויל אַ טאַפּ געטאָן די געדיכטעניש פאַר זיך, „עס טאָר נישט געשען, האַר! זיין שווערד איז גע־בענטשט דאָך און אויסגעשטרעקט. צעשייד אונדז איידער דער מאַרגנשטערן גייט אויף. אַנטפּלעק אויך פאַר אים דעם שטראַלנדיקן לייטער, זיין רויט־האָריקייט צו פאַרבלענדן. דערוויטערטע וועלן מיר ציען און קיינמאָל מער נישט ווערן איינס."

„מיר זיינען ביידע דאָך געבענטשט מיט די ברכות פונעם האַר..."

„צעטייל אונדז," האָט אים יעקב נישט געלאָזט ענדיקן, „ווען די ערד רואיק זיך שפּרייטן אונטער אונדזערע טריט און מער נישט אויפשרייען מיטן פּיין פון הבלס פאַרגאָסן בלוט, נישט לאָזנדיק קיין יורש; זי וועט מער נישט דאַרפן אויפּציטערן אַפּצוטרייסלען קינס טראָט פון זיך. צעטייל אונדז, האַר, איידער דער מאַרגנשטערן שיינט אויף."

„האָסט אַליין אַלץ צעמישט דורכן גלוסטן פון דער מאַמעס פאַרפירעריש האַרץ און טאַטנס בלינדקייט. אַלץ וואָס איר טוט בלייבט שוין אַזוי צעמישט נישט אַפּצעררייסן מער. דיין קול אין זיין אַנגסטיק געוויין און זיין שווערד אין דיין פחד. די ערד וועט מער נישט אויפשרייען פונעם פאַרגאָסענעם בלוט און אָפּטרייסלען פון זיך דעם שאָטן פון אויסגעשטרעקטער שווערד, ווייל דער איינער איז מער נישט הבל און דער אַנדערער איז מער נישט קין. איינס זענט איר אין פאַרהוילעניש, בלויז דער מאַרגנשטערן שיינט אויף אייך באַזונדער."

אויף יענער זייט האָט אַן אייזל זיך פּלוצים אומגעהאַריש צעשריגן און פאַרטויבט דאָס שטילע שעפּטשען פון אַרום. דאָס געדיכטעניש איז נאָך געדיכטער געוואָרן און מיט פּלוצימדיקער ציטערניש געצאַפּלט: „לאָז מיך אָפּ, יעקב, ווייל דער מאַרגנשטערן בלאַסט שוין און איך מוז זיך איילן."

„וואוהין איילסטו דען, אַז איך ווייס נישט פון וואַנען ביסט געקומען? האָסט אַ גאַנצע נאַכט מיך געהאַלטן און געשראָקן: לאָמיך זען דיין פּנים איצט און וויסן דיין נאָמען."

„זאָל געגנוג זיין פאַר דיר, וואָס דו ווייסט פון איצט אָן וויסן דיינעם — י ש ר א ל ! בלויז מיט דעם נאָמען וועסטו זיך מיט קיינעם נישט טיילן. ער איז בלויז דיינער, האַר! לאָז מיך אָפּ ביז ווידער אַמאָל אויף „יע.עם אָרט" אין ווייטן וועג. מיין איצטיקע שליחות איז געענדיקט, און דיינע ? ווער קען דען וויסן, אָז ס'איז פאַרהוילן נאָך ? זע, דער מזרח איז שוין רויט," האָט יעקבן געגרוילט פונעם קול וואָס האָט עפּעס אי געגלעט אי געחוזקט: „ י ש ר א ל, האַר!"

„כ'וויל וויסן דיין נאָמען," האָט ער פול צאַפּלעניש געשטרעקט די הענט און דאָס קול אין דער אַרומיקער ליידיקייט, און בלויז גע.ען דעם מזרח פלאַמען אימהדיק צונטער רויט. אַ פוס איז אים פלוצים לויז געוואָרן פון דעם געפלעכט פון די קלעצער און ר'האָט דערפילט אַ קלעמענדיקן ווייטיק אין דיך.

„איצט האָכטו מיך גענאַרט, ווער דו זאָלסט נישט זיין. אַז דיין נאָמען ווייס איך נישט," האָט ער נאָכגעהינקען נאָכן קול, וואָס האָט זיך דערווייטערט און אויסגעגאַנגען אין ליכטיקן פרימאָרגן.

„בלויז דאָס ליכט פון טאָג קען אונדז צעטיילן און פאַרהיטן איינער פון אַנדערן, י ש ר א ל !"

אַ מצבה אויפֿן קבֿר פֿון דעם ליבן
יינגעלע מאירקע ראַבינאָוויטש וואָס
האָט אַזוי ליב געהאַט צו הערן און
דערציילן מעשה׳לעך

## משה זעט אַ וואונדערבילד

אַ גאַנצן טאָג האָט דער מדבר געברענט ווי אַ קאַלכאויוון. אַפֿילו אונטער די שאָטנדיקסטע ביימער אינעם פּאַשע פֿעלד אין טאָל, איז געווען הייס און שטיקנדיק; בלויז צופֿוסנס פֿונעם באַרג איז געווען אַביסל קילער.

האָט משה געהאַלטן די טשערעדע נאָענט צום באַרג. און כאָטש ער האָט שוין באַלד זיבן מאָל געטריבן די טשערעדע צום קוואַל, וואָס איז געווען פֿאַרבאָרגן אי די שפּאַלטן פֿון באַרג, זיינען די שעפּעלעך פֿאָרט געווען פֿאַרשמאַכט און געהאַלטן אין איין מעקען און בלעקעכצן אין דער אָנגעגליעטער לופֿט אַריין.

אויך משה איז אַרומגעגאַנגען צווישן דער טשערעדע אַ מידער און פֿאַרמאַטערטער און די אויגן זיך אויסגעקוקט צו דערזען שוין, אַז די שאָטנס זאָלן אָנהייבן קריכן פּאַמעלעך פֿונעם באַרג אַראָפּ און זיך אויסשפּרייטן אין טאָל. דער טאָג האָט זיך אָבער אויסגעצויגן און נישט געאיילט צו פֿאַרגיין. זיינען די שעפּעלעך אומרואיק געוואָרן, זיך נישט צוגערירט צום גראָז; פֿאַרוואָרפֿן די קעפּעלעך, געדריקט זיך איינס צום אַנדערן און געיאָמערט און געקרעכצט; אַנדערע, האָבן גאָר גענומען שטויסן זיך און שפּרינגען ווילד.

משה איז אויך אומרואיק געוואָרן. ס׳האָט אים גענאָגט ביים האַרצן, געצויגן און געדריקט ווי מיט צוואַנגען.

„ס׳איז אייך שווער,‟ האָט ער אַריינגערעדט אין די שעפּעלעך און זיי געגלעט. „ס׳איז אייך שטיקנדיק, ליבינקע. אָט באַלד, אָט נאָך אַ ביסל...‟

האָבן עס די שעפּעלעך פֿאַרשטאַנען. אויסגעשטעלט די רויט־פֿאַרלאָפֿענע אייגעלעך זייערע צום פּאַסטעך און געמעקעט צו אים מיט אַ ביטערן יאָמערן ווי באַליידיקטע קינדער.

האָט זיך משה שוין נישט געקענט איינהאַלטן און זיי געוויזן מיטן שטעקן צו די קוואַלן:

„קומט, וועלן מיר זיך אָפּפֿרישן.‟ נאָר דערביי האָט אים אַ נאָגנדיקער ווייטיק געקלעמט דאָס האַרץ. זייער יאָמערן האָט אים דערמאָנט אָן דער היים; ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַזוי יאָמערן און זיפֿצן זיינע ברידערס קינדער אין מצרים, ווען מע שלעפּט זיי איינגעמויערט צו ווערן אין די פּיראַמידן פֿון פּרעהן. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט און ער האָט פּונקט ווי זיי אַ זיפֿץ געטאָן מיט אַ יאָמער.

די שעפּעלעך זיינען געבליבן שטיין פֿאַרוואונדערט און פֿאַרגאַפֿט פֿון זייער פּאַסטעכס מאָדנעם קול און זיך נאָך מער צונויפֿגעדריקט איינס אין אַנדערן, און אַזוי זיך צוגעשטופּט צום פֿעלזן־שפּאַלט וואו מ'קען די ליפּן באַנעצן. פֿון דאָרט האָט ער זיי, — דעם טאָג פֿריער ווי אַלע מאָל — געטריבן אין דער הייל אַריין צופֿוסנס פֿון באַרג.

אַריינגעטריבן די טשערעדע, האָט ער זיך אַליין געלייגט פֿאַר דער עפֿענונג פֿון דער הייל, גלייך ס'וואָלט שוין געווען נאַכט. מיט אָפֿענע אויגן איז ער געלעגן אַ פֿאַרשמאַכטער און געקוקט צום שפּיץ־באַרג.

„אַפֿילו די אָדלערס זיינען שלאַבעריק היינט,‟ האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט אין געדאַנק, פֿאַר וואָס ער האָט אַזוי פֿרי איינגעזאַמלט די טשערעדע.

די טשערעדע האָט זיך טאַקע באַלד באַרואיקט און אים איינגעוויגט אין האַלבן דרימל מיט אַ שטיל וואָרטשען און מרוקען. פּלוצים האָט ער אַ צאַפּל געטאָן, ווי אַ בין וואָלט אים אַ שטאָך געטאָן. ווישט ער די אויגן אויס און זעט פֿאַר זיך אַ זאַמדיק פֿעלד. שטיינערנע געביידעס אַרום און אַרום. און מחנות פֿאַרמוטשעטע שקלאַפֿן שלעפּן קאַסטנס ליים און ציגל אַלץ העכער און העכער. טוט איינער אַ הייב די האַנט אָפּצעווישן דעם שווייס, גיט זיך אַ בייטש אַ וויקל איבער זיין קאָפּ און פֿאַלט אַראָפּ אויף זיינע פּלייצעס מיט אַ קנאַל. קייקלט זיך דער שקלאַף פֿון דער הייך ביז אַראָפּ און בלייבט ליגן ווי אַ שטיין. די אַנדערע שקלאַפֿן שלעפּן זיך פֿאַרביי אים און דרייען אָוועק די קעפּ.

„אַ, גאָט!״ טוט ער זיך אַ שטעל אויף, ווי ער וואָלט געוואָלט צולויפן צום פלאַץ, און בלייבט אַזוי שטיין מיט אַן אָפן מויל און אויסגעגלאָצטע אויגן. ער זעט שוין אָבער נישט גאָרנישט מער, בלויז אַ באַרג אַ הויכער אוןביימלעך שטעכיקע אויפן פעלז, שטייען שטיל און רירן זיך נישט. פון די פעלזנשפּאַלטן פליִצן קוועלעכלעך און שוימען זיך ווי מילך, שטיל אַרום און אַרום.

„וואָס זשע איז דאָס?״

ער האָט דאָך פאָרט געהערט עמעץ יאָמערן, שרייען נאָך הילף. דאַכט זיך, אַז ער האָט געהערט רופן זיין נאָמען. דער קלאַנג פון יענעם קול ציטערט נאָך אין זיינע אויערן.

„וואָס זשע מיינט דער קלאַנג?״

שפּיצט ער נאָך אַ מאָל אַן די אויערן און הערט גאָרנישט נישט מער, נאָר אַ לינד ווינטעלע האָט זיך אַנגעיאָגט פון ערגעץ און טרייסלט די פאַרטריקנטע נאָדלען פון דעם איינציקן ביימל אין מיטן טאָל.

אַ דערשטוינטער, דערשפּירט ער, אַז דער קלאַנג איז געוואָרן אַ צאַפּלדיק קול, דאָס קול פון זיין מאַמען, וואָס רעדט פון זיין אייגן האַרץ אַרויס דין און וואָרנענדיק:

„דו אַנטלויפסט אין מדבר אַריין, משה? מיר אָבער וועלן בענקען נאָך דיר! אונדזער געשריי וועט דיך נאָכיאָגן אויך אַהין. קום צוריק, משה!״

דאָס קול הויערט אויף איבערן נאָדלדיקן ביימל און ציט זיך אויס ווי אַ לאַנגע ווייסע נאָדל אין זיין פיבערדיק לייב אַריין.

„מ׳וואַרט אויף דיר, משה!״

פאַרבייסט ער די ליפּן און פילט נישט, אַז אַ פאַרטריקנט שטיקל הויט האָט זיך געשפּאָלטן און ס׳טריפט בלוט, גע־אַלצן און ביטער.

ציט אַ נאָגנדיקע פּיין אים דאָס האַרץ צונויף, די אויגן זיינען פול און פאַרהייטלט; אַזעלכע מאָדנע זונפּייערלעך, טאַנצן אים אַנטקעגן; רעדעלעך, בלוילעך־רויטע ווי אָדערלעך, דרייען זיך און מישן זיך אויס מיט דעם דינעם, שעפּטשענדיקן קול, וואָס צאַפּלט נאָך אַלץ און רעדלט פאַר די אויגן:

„קום צוריק, משה, גענוג געוועזן אין דער מדבר!״

טוט ער זיך אַ ריס פון אָרט מיט אַ שפּרונג אויף צוריק טיפער אין דער הייל אַריין, און בלייבט גאָר שטיין ביי דער שוועל. ער קען נישט אַריינגיין: די שעפּסעלעך האָבן פאַרטוליעט זייערע קעפּעלעך איינס אין דעם אַנדערן,

ליגן אויסגעשפרייט איבער דער הייל ווייסע בערגלעך, וואָס באַוועגן זיך און וואַרטשען שטיל. בלויז פון איין ווינקל שטאַרט אַרויס אַ קעפּעלע פון אַ שעפּסעלע, וואָס נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פונעם אַריינגאַנג, ווי ס'וואָלט אויף וועמען געוואַרט.

האָט ער געוואָלט אַ שפּריז טאָן איבער אַ בערגעלע ווייסע וואָל און צו־קומען צו יענעם שעפּסעלע, כדי צו זען וואָס דאָרט איז. האָט ער פּלוצים דערהערט אַן אויסגעצויגן דערשראָקן מעקען פון אַ שעפּסעלע פון דרויסן, און באַלד האָט דאָס שעפּסעלע פון ווינקל אַרויס אַ יאָמער געטאָן משהן גלייך אין פּנים אַריין:

„מע, מע, מע!"

און די ווייסע בערגעלעך אין דער גאַנצער הייל האָבן מיט אַ מאָל זיך אַ טרייסל געטאָן, אַ הייב געטאָן די קעפּלעך און מיטגעמעקעט:

„מע, מע, מע!"

האָט ער דערפילט, וואָס זיי מיינען:

„לויף, ראַטעווע, משה! וואָס שטייסטו?"

איז ער אַזוי הינטערוויילעכטס צוריקגעשפּרונגען אין דרויסן אַרויס און אויפגעהויבן די אויגן אַרויף צום באַרג און דערזען, אַז העט אויפן סאַמע שפּיץ שטייט אַ שעפּסעלע און מעקעט.

ווייזט אויס, ס'האָט זיך אָפּגעריסן פון דער טשערעדע ביים וואַסער טרינקען און פאַרקראָכן מיט די שמאָלע וועגעלעך ביז אַרויף און קען נישט אַראָפּגיין.

„אָ, דו נאַריש שעפּסעלע, פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן?" שרייט ער צו דעם אַרויף און נעמט קלעטערן אויפן באַרג. אָבער וואָס העכער ער איז געקומען, אַלץ שווערער איז געוואָרן דאָס קלעטערן. שפּיציקע שטיינער שטאַרן אַרויס פון די זייטן און פאַרשטעלן דעם וועג.

קוקט ער אויף צוריק צו זוכן אַ בעסערן וועג און זעט דערוויל, ווי די גאַנצע טשערעדע האָט זיך צונויפגעדריקט ביים אַרויסגאַנג פון דער הייל און אַלע קוקן אים נאָך... האָט אים אַזאַ שטאַרקע פרייד אַרומגעכאַפּט, אַז ס'האָט זיך ביי אים פון זיך אַליין אַרויסגעריסן אַ פריילעך מעקען:

„מע, מע, שעפּסעלעך!"

האָבן זיי אים געענטפערט אין איין קול: „מע, מע!"

האַט עס אַזוי אָפּגעקלונגען פון אַלע זייטן; פון אונטן אַרויף, פונעם מיטן פון באַרג און פונעם שפּיץ: „מע, מע!"

האָט דאָס קול אים געהויבן, גרינג געמאַכט, ווי אויף פליגל געטראָגן. האָט ער לייכט געמיטן די שפּאַלטן פון באַרג און די שפּיציקע פעלזן; גאָר־נישט געפילט, אַז ער קלעטערט. עפּעס ווי ער וואָלט געשוועבט אין דער לופטן און ס'איז גאָרנישט הייס און ברענענדיק די לופט, נאָר מחיהדיק קיל און פריש.

„מע, מע..." האָט ער געשאַלט מיט פרייד און הנאה.

„קום אַהער, טייערינקע," האָט ער שוין אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אָנגעכאַפּט דאָס ציטערנדיקע שעפּסעלע, אָבער פלוצים איז ער געבליבן אַזוי הענגען אויפן שפּיציקן פעלז, דאָס מויל אָפן און די אויגן אויפגעריסן ברייט פון דעם גרויסן וואונדער, וואָס ער האָט דערזען:

פון יענער זייט באַרג האָט אים אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן אַ פאַס ליכטיקייט און אַ פאַל געטאָן מיט אַ פלאַטער אין טאָל אַריין. אינעם זעלבן אויגנבליק האָבן ראָזע און בלאָע פלאַמען אַ פלאַקער געטאָן אין אַ רינג איבערן גאַנצן הימל, ראַפּטום זיך איבערגעהאַקט און צעשפּליטערט געוואָרן אויף פיצלעך פינקלענדיקע צונגען; זיך צעטאַנצט איבער זיין קאָפּ, פאַרשפּרייטנדיק אַ משונה־גרינעם קאָליר, און באַלד אַ שווינדל געטאָן אַראָפּ צום טאָל און גענומען לעקן דעם שאָטנדיקן טונקל דאָרט.

פון גרויס וואונדער האָט משה אַזש פאַרמאַכט די אויגן אויף אַ סעקונדע, און ווען ער האָט זיי צוריק אויפגעריסן, האָט אים גענומען קלינגען אַ צאַן אָן אַ צאַן פאַר שרעק. אַ מוראדיקע פינצטערניש אַרום און אַרום. נאָר אין מיטן טאָל פלאַקערט ראָז און גרין דאָס פאַרטריקנטע דאָרנביימל. און די שיין ציט זיך גלייך ווי אַ סטרונע אַרויף, אַרויף צום הימל; קיין רויך זעט מען נישט און — דער דאָרן ברענט און ווערט נישט פאַרברענט.

רייבט ער די אויגן איין מאָל, צוויי מאָל.

„איז עס אַ חלום, צי ער זעט עס טאַקע אויף דער וואָר?"

„יאָ, ער איז וואַך. פאַר וואָס זשע מעקען נישט די שעפּסעלעך? וואָס באַטייט עס?"

נאָר שטוינענדיק אַזוי האָט ער דערפילט, ווי די שטילקייט רעדט צו אים מיטן פריערדיקן בריענדיקן קול:

„וואָס שטייסטו, משה? וואָס טוסטו אין מדבר? טרייסל אָפּ דעם שטויב

פון דיינע פיס און גיי צוריק קיין מצרים. מ'וואַרט אויף דיר!"

„ווער?" האָט ער אין שרעק אַרויסגעצאַפּלט, „ווער רעדט עס?"

„איך, וואָס האָב געקאָנט דיינע עלטערן אין לאַנד פון די עברים און וועל אויך דיינע קינדער קענען, איך — — — איז מיין נאָמען. זאָג עס.

„איך!" האָט משה ניט געפילט, ווי ער רעדט מיטן זעלביקן קול, וואָס האָט גערעדט צו אים:

„האָסט אַ שטעקן, משה, נעם אים מיט. דיינע אויגן האָבן געזען דאָס פייער, הייב זשע אויף דיין שטעקן און טונק אים אָפּ אינעם פייער, וועט עס דיר אייביק לייכטן."

„ א י ך ?! " האָט משה גענומען שטאַמלען און גלייך אַנטשטומט געוואָרן פון אַ מוראדיק צאַפּלענדיק קול:

„גיי! שטיי נישט!"

ס'איז געווען, ווי הימל און ערד וואָלטן אויפגעעפנט זייער מויל און צו אים אַ געשריי געטאָן, ווייל ער האָט דאָס קול פאַרנומען נישט נאָר מיט די אויערן, נאָר מיט אַלע אברים און חושים, אַפילו מיטן מינדסטן נאָגל פונעם קלענסטן פינגער פון די פיס.

און דאָס קול איז אַזוי אַריין אין אים, אַז ער האָט זיך אַליין אויך צעשריען:

„גיי, שטיי נישט!"

מיטן אויפשרייען, האָט עס אים אַ הייב געטאָן פון אָרט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס מעקענדיקע שעפעלע און גענומען פאַרזיכטיק אַראָפּלאָזן זיך פונעם פעלז און זיך באַלד דערזען שפּרייזן גלייך צווישן שורותביימער.

דער ברענענדיקער דאָרנבוים טונקלט שוין. נאָר אויסטערליש וואונ־דערלעך שטוינט ער: „אַלע פייערן, ווען זיי לעשן זיך, ווערן אַלץ קלענער און קלענער. דאָס פייער אָבער — ציט זיך אַלץ העכער אַרויף."

קען משה די אויגן נישט אָפּווענדן פון דעם. שפּרייזן די פיס אינעם טונקל פון גראָז און דער קאָפּ איז אויסגעשטרעקט אַרויף צום שפּיץ פונעם בוים, וואו דער לעבעדיקער פלאַם נעסטלט זיך ווי אַ פייערדיקער פויגל.

קוקט ער נישט צום וועג. נאָר גייט זיכער פאָרויס און דאָס פייער שיינט און לייכט און ציט.

האָט אים אַזאַ צאַפּלדיקע פרייד אַרומגענומען און אויפגעעפנט אַלע חושים, אַז ער האָט געהערט, וואָס קיין בן־אדם פאַר אים האָט נאָך קיין מאָל

נישט געהערט, און ער האָט געפילט, וואָס קיינער אויסער אים האָט נאָך קיין מאָל נישט געפילט. עפּנט זיך אַליין דאָס מויל מיט אַ הילכיקן געשאַל: „אַ האָ, האָ!

ענטפערט צוריק דער באַרג און דער וואַלד: „אַ האָ, האָ!"

כאַפּן זיך אויף די שעפּעלעך און צעמעקען זיך אויך: „מע, מע!"

רייבט ער זיך די אויגן אויס מיט דער לינקער האַנט, ווייל אַ פּיר טאָן אויך מיט דער רעכטער און קען נישט. זי האַלט אַרומגענומען אַ ווייס שלאָפנדיק שעפעלע. ווערט ער אַ פאַרציטערטער: „ווי אַזוי איז דאָס געשען? אַט ליגט ער דאָך גאָר אין דער הייל צווישן די שעפּסן... ווי קומט ער אַהער?..."

איז ער שנעל אַרויסגעלאָפן און געוועגדט זיינע אויגן אין אַלע זייטן פון דער וועלט און אויפגעכאַפּט בלויז גרינלעך־ראָזע פלעקן ביים ווייטן האָריזאָנט און פינקלדיקע דימענטן צעשפּרייט איבערן הימל בלישטשען און ווינקען עפּעס אַזוי מאָדנע שטיל און שעפּטשנדיק.

האָט ער אויפגעשטעלט די אויערן און איינגעהערט זיך אין דער שטילקייט פונעם פאַרטאָג און פאַר די אויגן האָט אַלץ געשימערירט דאָס פלעמל ווי אַ לעבעדיק ציגל — געטראָגן זיך פון בוים צו בוים אַלץ אַרויף, אַרויף.

ער האָט נישט געוואוסט, צי ער חלומט נאָך, אָדער ער איז שוין וואַך. און ס'האָט אים נישט אויסגעמאַכט אויך. ער האָט שוין געוואוסט, וואָס ער דאַרף טאָן מאָרגן גאַנץ פרי. איז ער בלויז געשטאַ:ען און איינגעהערט זיך און האָט פאַר זיך אַליין איבערדערציילט אַלץ, וואָס ער האָט געזען דאָ צופוסנס דעם באַרג.

און ס'האָט זיך איינגעהערט דער באַרג צו דעם, וואָס ער האָט דערציילט, און דאָס דאָרנביימל אין מיטן טאָל האָט עס שטיל געשעפּטשעט גלייך דעם מדבר אין אויער אַריין.

האָט עס דער מדבר צעטראָגן אויף זיין ברייטן שטויבמאַנטל פון איין עק וועלט צו דעם אַנדערן...

— — — — — — — —

און ווען משה האָט פאַרטאָג גענומען ווייב און קינד און מיט שטעקן אין האנט געשפּאַנט צוריק קיין מצרים, איז די מעשה מיטן דאָרנבוים, וואָס ברענט און ווערט נישט פאַרברענט, אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט יעדן זאַמד־ווינט, זיך געבויגן און פאַרויסגעיאָגט קיין מצרים, צו דערציילן עס צו די שקלאַפן ביים קנעטן ליים און זיין מאַמען ביים שפּינדל...

אַזוי איז ער מיט פרייד געגאַנגען דעם שווערן און זאַמדיקן וועג, ביז זיין ברודער אהרון איז אים אַנטקעגנגעקומען.

# ביכער פון זעלבן מחבר

ייִדיש

גזוועזן איז אַ מענטש,

פינף מעשות פונעם לעבן פון בעש״ט ז״ל, מאָנטרעאָל תש״א — 1940

אויף יענער זייט בוג,

נאָוועלע, מאָנטרעאל תש״ו — 1946

צווישן טייכן און וואַסערן,

דערציילונגען פונעם לעבן פון אַ שטעטל צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, מאָנטרעאָל תשכ״א — 1961

כ׳בין ווידער אין מיין חרובער היים געקומען,

פּאָעמע, מאָנטרעאָל תשכ״ו — 1965

העברעיש

איש היה בארץ,

חמשה סיפורים מחיי הבעש״ט ז״ל,

הוצאת מ. ניומן, תל־אביב תשט״ו — 1955

מעבר לנהר בוג, נובילה,

הוצאת מ. ניומן, תל־אביב, תשי״ז — 1957

בין נהרות ונחלים,

סיפורים מחיי עיירה אחת בין שתי מלחמות העולם,

הוצאת ״המנורה״, תל־אביב, תשכ״ח — 1967

עס ווערט געגרייט צום דרוק און וועלן בקרוב דערשיינען

העברעיש

באָהלי אברהם,

(מסיפורי החומש)

אורות באופל, קובץ סיפורים.

ייִדיש

פלעמלעך אין דער נאַכט, זאַמלונג דערציילונגען.

אַ נסיעה אינעם היינט מיטן זכרון פון נעכטן.